STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08713

YANKEV GORDIN

Kalmon Marmor

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלמן מרמר

☆

יעקב גאָרדין

קלמן מרמר

יעקב גאָרדין

איקוף פאַרלאַג

ניו-יאָרק, נ. י.

KALMON MARMOR

JACOB GORDIN

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.
1953

266

Printed in U.S.A. by
Aber Press, Inc., 37 E. 18th St., New York 3, N. Y.

אינהאַלט

יעקב גאָרדין	11
אין דער אַלטער היים	19
קאַמף פאַר סאָציאַל־רעליגיעזע רעפאָרמען	24
די „גייסטלעכע ביבלישע ברודערשאַפט"	30
דער אויפרוף צום יידישן פאָלק	36
יעקב גאָרדין פאַרלאָזט רוסלאַנד	42
די ערשטע טריט אין אַמעריקע	47
יעקב גאָרדינס אָנהויב אַלס דראַמאַטורג	54
די ערשטע פּיעסן	61
„דער יידישער קעניג ליר" און אַנדערע פּיעסן	66
דער קאַמף קעגן שונד־טעאַטער	74
יעקב גאָרדין פאַרענדיקט זיינע לערן־יאָרן	81
פאַרגעסענע דערפאָלג־פּיעסן	89
גאָרדין און די יידישע אַרבעטערשאַפט	94
„מירעלע אפרת"	100
דער אָנהויב פון גלאַנץ־פּעריאָד	110
פּיעסן מיט באַדייטנדיקע פּרויען־געשטאַלטן	120
„קרייצער סאָנאַטא" און „די יתומה"	130
טעאַטער־קאָנקורענץ און פּרעסע	139
דער „פאָרווערטס" און יעקב גאָרדין	147
„אלישע בן אבויה" און אַנדערע פּיעסן	154
אויף נייע וועגן	162
דער מחבר פון „אויף די בערג"	167
גאָרדינס רייזע איבער גאַליציע	173
„גלות גאַליציען"	180
גאָרדינס „גרויסע וועלט־דראַמע"	187
„דעמענטיא אַמעריקאַנאַ"	193
יעקב גאָרדינס לעצטע טעג	201

יעקב גאָרדינס פּיעסן

אין פילם, ראַדיאָ און אויף פאַרשידענע שפּראַכן
— פון יעקב מעסטל 209
יעקב גאָרדין אויף רוסיש, פּויליש און העברייאיש
— פון נחמן מייזיל 220

בילדער *)

יעקב גאָרדין (לעצטע פאָטאָגראַפיע, 1908) 5
„דער יידישער קעניג ליר" (יעקב פּ. אַדלער) 68
יעקב גאָרדין (אין 1894) 72
„דער ווילדער מענטש" (חיים יאַבלאָקאָוו) 79
„מאיר יוזעפאָוויטש" (מאַקס ראָזענטאַל) 84
„שלמהקע שאַרלאַטאַן" (דוד קעסלער, יעקב זילבערט) 87
„גאָלילעי" (מאַקס ראָזענטאַל) 95
„מירעלע אפרת" (אסתר־רחל און אידאַ קאַמינסקאַ) 101
„מירעלע אפרת" (כינע בראגינסקא־פישזאָן און ראָזע
גאָלדבערג) 104
„מירעלע אפרת" (דזשעני גאָלדשטיין) 108
„שלמה חכם" (יעקב פּ. אַדלער) 111
„מירעלע אפרת" (קעני ליפּצין) 115
4 טיפּן „מירעלע אפרת" (חנה אפּעל, בערטאַ גערסטין,
דאָראַ ווייסמאַן, בינע אַבראַמאָוויטש) 118
„די שחיטה" (סאַראַ סקולניק) 122
„גאָט, מענטש און טייוול" (דוד קעסלער) 125
„גאָט, מענטש און טייוול" (יעקב קאַצמאַן, איזידאָר
האָלענדער, נתן קלינגער) 127
„די שבועה" (מרים טרילינג, מאָריס מאָשקאָוויטש) 129
„קרייצער סאָנאַטאַ" (סעמיועל גאָלדענבורג) 131
„קרייצער סאָנאַטאַ" (בערטאַ קאַליש) 133
„כאַסיע די יתומה" (נאַדיאַ נעראָסלאַווסקאַ, בערטאַ
גוטענטאַג, שרה קינדמאַן, ראָזעטאַ קאָהן) 135

*) די געבראַכטע בילדער זיינען צום גרעסטן טייל גענומען פון זלמן זילבערצווייגס „אַלבאָם פון אידישן טעאַטער"; אַנדערע — פון די פּריוואַט־זאַמלונגען פון יעקב מעסטל, קלמן מרמר, שרה קינדמאַן, אי. וו. בידערמאַן און לואי מאַרקאָוויטש.

יעקב גאָרדין (אין 1902) 137
„די שיינע מרים” (נאַטאַן דראַנאָוו) 140
אַ קאָנטראַקט 143
„דער אונבאַקאַנטער” (זיגמונד מאָגולעסקאָ) 152
„דער מטורף” (פּיטער גראַף, לוטער אַדלער) 155
„דער פרעמדער” (יעקב פּ. אַדלער) 158
„דער פרעמדער” (פּיטער גראַף) 160
יעקב גאָרדין (אין 1907) 164
„עץ הדעת” (מישאַ פישזאָן) 188
יעקב גאָרדין און מאָריס ווינטשעווסקי 204
יעקב גאָרדינס מצבה 206
יעקב גאָרדין 207
„מירעלע אפרת” אין פילם (בערטאַ גערסטין, משה פּע־
דער, יעקב מעסטל) 211
„גאָט, מענטש און טייוול” אין פילם (שפרה לערער,
גוסטאַוו בערגער) 212
„קרייצער סאָנאַטאַ” אויף ענגליש (בלענטש וואָלש) 215

זוכצעטל 242

יעקב גאָרדין

(לעצטע פאָטאָגראַפיע, 1908)

יעקב גאָרדין

יעקב גאָרדין האָט געלעבט אין אַמעריקע אַכצן יאָר. ער איז אָנגעקומען אין ניו־יאָרק דעם 31טן יולי 1891, און דעם 10טן יוני 1909 איז ער געשטאָרבן. אין אָט דער קורצער צייט האָט ער (פון דער היים אַ רוסישער שרייבער) באַוויזן צו ווערן דער רעפאָרמאַטאָר פונעם יידישן טעאַטער און אַ דאָמי־נירנדיקע קראַפט אינעם יידישן קולטור־לעבן בכלל. ער איז געווען די אָנפירנדיקע פערזענלעכקייט צווישן דער איינגע־וואַנדערטער יידישער אינטעליגענץ. מאָרים ווינטשעווסקי, צום ביישפיל, האָט שטאָלצירט מיט גאָרדינס פריינטשאַפט און האָט גערעדט פון אים מיט אַזאַ ליבע און רעספעקט, ווי יעקב דינעזאָן וועגן י. ל. פרץ.

אַרום גאָרדינס נאָמען האָט זיך אויך גרופירט די קונסט־ליבנדיקע, ייִדיש־רעדנדיקע יוגנט. כמעט אין יעדער שטאָט האָבן זיך, נאָך פאַר גאָרדינס לעבן, אָרגאַניזירט יוגנטלעכע „יעקב גאָרדין ליטעראַטור־קרייזלעך". אַזאַ אָנערקענונג און באַליבטקייט האָט אין יענער צייט די יוגנט ניט אַרויסגעוויזן צו קיינעם פון די פאַרדינסטפולע פיאָנערן פון דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור.

גאָרדינס אָנגעזעענקייט ביי דער יידישער אינטעליגענץ האָט געשטאַמט אין דער ערשטער ריי פון זיין אויסער־געוויינטלעכער פערזענלעכקייט. ער איז געקומען קיין אַמע־

ריקע שוין ווי אַן אַנערקענטע פיגור — דער אידעאָלאָג און דער פירער פון אַ באַוועגונג, וואָס האָט איבערגעלאָזן אַ טיפן איינדרוק אין צאַרישן רוסלאַנד. ער איז שוין געווען אַ מאַן פון קנאַפּע פערציק, מיט אַ באַשטימט-אויסגעקריסטאַליזירטער פיזיאָנאָמיע. זיין פּערפעקטע רוסישע שפּראַך, זיין שיינער אויסזען מיט דער שוואַרצער אַסירישער באָרד, זיין שטאָלצע באַנעמונג און דזשענטלמענישע מאַנירן איז געווען די רעאַליזירונג פון דעם אידעאַל פון אַ פּראָגרעסיוון רוסישן אינטעליגענט, ווי די יונגע פּיאָנערן פון די 80-ער יאָרן האָבן זיך פאַרגעשטעלט.

אַ היפּשער טייל פון אָט-די פּיאָנערן האָבן זיך אַמעריקאַניזירט און געוואָרן „אָלרייט”. אַפילו דער קליינער אידעאַליסטישער טייל פון זיי האָט אויפן אַמעריקאַנעם באָדן ניט געקאָנט זיך אַנטוויקלען צו אַזאַ אויסגעחלומטער, אידעאַלער, אינטעליגענטער פּערזענלעכקייט, ווי גאָרדין. די פּיאָנערישע יידישע אינטעליגענץ האָט דעריבער געזען אין גאָרדינען דעם פולקאָמענעם פּראָגרעסיוון רוסיש-יידישן אינטעליגענט. זי גרופּירט זיך אַרום אים, פאַרהערלעכט אים און שאַפט אים אויטאָריטעט. דערצו העלפט אויך מיט זיין ראָל, ווי אַ שרייבער און רעדאַקטאָר פון רוסישע צייטונגען אין דער אַלטער היים, און צום טייל אויך די שוין פון פריער איינגעוואַנדערטע מיטגלידער פון זיין ביבלישער ברודערשאַפט, וואָס האָבן צו אים אַרויפגעקוקט ווי צו אַ נביא.

* * *

יעקב גאָרדינס פאָטער, אַ „האַלבער משכיל”, האָט אים דערצויגן אין גייסט פון די קאָנסערוואַטיווע משכילים: השכלה און אמונה. עס שיינט אָבער, אַז זיין קענטשאַפט אין יידישקייט האָט זיך באַשרענקט אויפן תנ"ך, פון וועלכן ער האָט אויך אין די שפּעטערע יאָרן פיל געהאַלטן. נאָך מער איז ער

געווען באַהאַוונט אין דער רוסישער ליטעראַטור, אין וועלכער ער ווערט טעטיק שוין אין עלטער פון זיבעצן יאָר.

אַ סך אַרומגעוואַנדערט, איז ער צוערשט אַן ערד־אַרבע־טער, דערנאָך אַן אויסלאָדער און אָנלאָדער פון שיפן אין אָדעסער פּאָרט, פּאָרט אַרום מיט אַ רוסישער וואַנדער־טרופּע, ווערט אַ לערער, און צולעצט אַ זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר פון רוסישע ציַיטונגען. שרייבט אויך דערציילונגען אין אַן אוקראַיִנישער ציַיטונג און אין דעם פּעטערבורגער רוסישן זשורנאַל „ניעדעליאַ", אויך טעאַטער־קריטיק.

אַלס אָנהענגער פון טאָלסטאָיִם אידייען, פּלאַנט גאָרדין צו רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן אויפן יסוד פון ריינער ביבלישער יידישקייט, און גרינדעט אין יעליסאַוועטגראַד די „גייסטלעך ביבלישע ברידערשאַפט".

נאָך די צאַרישע פּאָגראָמען אויף יידן, אין פרילינג 1881, ווערן אַ סך מיטגעריסן מיטן וואַנדער־שטראָם קיין אַמעריקע. גאָרדין טרעט דאַן אַרויס קעגן עמיגרירן קיין אַמעריקע. ער ראָט די יידן צו בלייבן אין רוסלאַנד, זיך פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט, און זוכט צו גרינדן אַ מוסטער־קאָלאָניע פון יידישע פּויערים. די צאַרישע רעגירונג שטערט אים אָבער צו קויפן לאַנד. ניט זיכער מיט זיין פריַיהייט, וואַנדערט־אויס גאָרדין קיין אַמעריקע.

* * *

אינעם נייעם לאַנד האָט יעקב גאָרדין געחלומט, ווי אַנדע־רע יונגע אינטעליגענטע פּיאָנערן פון די 80־ער יאָרן, צו גרינדן אַ קאָלאָניע אויף קאָמוניסטישע יסודות. אָבער ער ניכ־טערט זיך שנעל אויס פון אָט־די פּלענער. ער מוז זיך אויך באַלד אָפּזאָגן פון זיין פרואוו פאָרצוזעצן אין אַמעריקע זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין רוסיש, הויבט־אָן שרייבן יידיש — צוערשט על־פּי נויט. באַלד אָבער קריגט ער ליב די שפּראַך,

און לויט זיין שרייבן, באפעפערט מיט אלטע היימישע ווערט־לעך און אידיאמען, האט מען געקאנט מיינען, אז ער איז אן אלטמאדישער יידישער שרייבער, כאטש זיינע טעמעס זיינען פרישע און מאדערנע.

פון שרייבן ארטיקלען, פעליעטאנען און דערציילונגען אין א יידישן סאציאליסטישן וואכנבלאט פון ארום 50 יאר צוריק האט גארדין אבער ניט געקאנט אויסהאלטן זיין הויזגעזינד אפילו מיט די מינימאלסטע באדערפענישן. ער נוצט דאן אויס זיין באקאנטשאפט מיט דער רוסישער בינע און מיט דער רוסישער דראמע, און נעמט שרייבן פיעסן פארן יידישן טעאטער. שוין זיין ערשטע פיעסע ברענגט אריין א נייעם שטראם לעבן אין יידישן טעאטער, וועלכן ס׳געלינגט אים דעמאלט צו רעפארמירן און אויפצוהייבן אויף א פיל העכערער מדרגה, ווי ער האט אים געפונען. ער אנטוויקלט דעם יידישן טעאטער צו א בינע מיט לעבעדיקע מענטשן, וואס רעדן א נאטירלעכע מענטשלעכע שפראך און זיינען דורכגעדרונגען מיט מאדערנע פראבלעמען.

אזוי ארום איז גארדין געבליבן דער רעפארמאטאר, וואס ער איז געווען אין דער אלטער היים. ער האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו ענדערן אי דאס יידישע פובליקום, אי זיין טעאטער און אי זיין שוישפילער. גלייכצייטיק האט ער באַ־נוצט די בינע פון טעאטער, ווי אמאל די בימה פון זיין ביבליש שולכל, אויפצוקלערן די מאסן און צו פראפאגאנדירן נייע עטישע און סאציאלע אידייען. דערביי האט ער געדארפט שווער ארבעטן אפצוגעוואוינען די יידישע שוישפילער פון זייער עם־הארצישן דייטשמעריש און זיי אויסלערנען רעדן א פשוטן יידיש, א פארשטענדלעכע מענטשלעכע שפראך.

געוויס, גארדינס שפראך איז ארעם אין פארגלייך מיט אונדזער מאדערנער קינסטלערישער ליטעראטור. פארגלייכט מען זי אבער מיט דער שפראך פון די הורוויטשעס און לא־

טיינערס פון יענער צייט, מוז מען צוגעבן, אז גאָרדין איז אויך אויף אָט־דעם געביט געווען אַ באַנייער און געווירקט רעפאָרמאַטאָריש.

* * *

מאָריס ווינטשעווסקי האָט שוין אין זיין „אַ טאָג מיט יעקב גאָרדין" אָנגעוויזן אויף גאָרדינס ליבע צום אמת. קוים האָט ער געגומען דעם סוזשעט, אָדער אַפילו בלויז דעם נאָמען פון דער וועלט־ליטעראַטור, האָט ער עס באַזונדער אונטער־געשטראָכן. כ׳געדענק גוט, ווי גאָרדין האָט מיך אַמאָל אַריינ־געפירט צו זיך אין ביבליאָטעק, אָנגעוויזן אויף דער דראַמע פון אַלע דורות, פון עסכילאָס און סאָפאָקלעס ביז ווײַלד און שאָ, הויפּטמאַן און זודערמאַן, טשעכאָוו און גאָרקי, א. אַז. וו. און דערביי באַמערקט: דאָס זיינען מיינע מייסטערס. כ׳נעם פון זיי טעמעס, סוזשעטן און איינפאַלן. אָבער מיינע פּערזאָנען זיינען גענומען פון לעבן, און רעדן זייער אייגענע שפּראַך, כאָטש צייטנווייז פּראָפּאַגאַנדירן זיי מיינע אידייען.

מ׳האָט גאָרדינען באַשולדיקט, אַז זיינע פּיעסן זיינען בלויז ראָלן פאַר באַשטימטע שוישפּילער. די ניט־ריכטיקייט דערפון ווייזט זיך אַרויס, ווען מ׳נעמט אין אַכט, אַז זיינע פּיעסן זיינען געשפּילט געוואָרן און ווערן נאָך טיילווייז אויך היינט געשפּילט אין אַלע וועלט־טיילן. מיר האָבן אויך געהאַט אַ געלעגנהייט אין אַמעריקע גופא צו זען זיינע פּיעסן שפּילן פון אַנדערע שוישפּילער, און צייטנווייז האָט נאָך גאָרדינס אַ פּיעסע געוואונען דורך אַזאַ נייער אינטערפּרעטאַציע. ווי אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל קאָן דאָ דינען דער אופן, ווי בערטאַ קאַליש האָט געשפּילט עטי אין גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאַ" און ווי די זעלבע ראָל איז געשפּילט געוואָרן פון אסתר־רחל קאַמינסקי.

גאָרדין אַליין האָט ניט געהאַלטן זיינע דראַמען פאַר „ריינע

קונסט״. אין זיינעם אַ בריוו האָט ער מודה געווען, אַז ער מוז, ווי יעדער דראַמאַטורג, וועלנדיק ניט־וועלנדיק, פון איין זייט „צופּאַסן זיך צו די פּייאַקייטן און קורצקייטן פון דעם סטאַר״, און פון דער אַנדערער זייט צו אַן עולם, פון וועלכן „איינער וויל רעאַליזם, אַ צווייטער — ראָמאַנטיזם, אַ דריטער גלאַט אַביסל בורלעסק״. ער האָט דעריבער נאָך געהאָפט צו שרייבן זיין „מייסטערווערק״, ווען ער „וועט ניט דאַרפן דענקען פון פאַרקויפן איר [עס]״.

צום באַדויערן האָט גאָרדין אָט־די צייט ניט דערלעבט. פאַרקערט, ער האָט פאַרן טויט געהאַט דעם אומגליק צו זען, ווי די „סטאַרס״ האָבן דאָס יידישע טעאַטער אַרונטערגע־שלעפּט צוריק צו יענער נידעריקער מדרגה, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען איידער ער איז געקומען. „איך האָב זיי אויס־געבויט אַ טעמפּל פאַר קונסט. אָבער זיי האָבן עס אין אַ שטאַל פאַרוואַנדלט״, האָט זיך גאָרדין געקלאָגט אין זיינע לעצטע טעג.

* * *

אחוץ די 70—80 פּיעסן, וואָס יעקב גאָרדין האָט געשאַפן, אָדער באַאַרבעט אין זיין קורצן לעבן אין אַמעריקע, האָט ער אויך געשריבן אַ היפּשע צאָל בילדער און דערציילונגען, פעליעטאָנען, ליטעראַטור־געשיכטלעכע אָפּהאַנדלונגען, ביאָ־גראַפיעס, רייזע־בילדער, פילאָזאָפישע עסייען און פּובליציס־טישע אַרטיקלען. ער איז אויך געווען איינער פון די באַדייטנ־דיקסטע קולטור־טרעגער און געזעלשאַפטלעכע טוער. זיינע פּיעסן זיינען איבערגעזעצט און אויפגעפירט געוואָרן אין העב־רייאיש, רוסיש, אוקראַיניש, ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש און פויליש. דאָך איז גאָרדין געווען זייער סקעפּטיש בנוגע זיין ליטעראַרישער ירושה. אין זיינעם אַן אַלעגאָרישן פעליעטאָן, אין וועלכן ער שילדערט זיין אויפטו פאַרן יידישן טעאַטער

און די שטעלונג צו אים פון דער יידישער מאַסע (זיין געליבטע „יהודית״), קומט ער צום אויספיר, אַז „מיר (איך און יהודית) האָבן, דאַכט זיך, גאָרנישט געמיינשאַפטלעכס, פונדעסטוועגן זיינען מיר איין קערפּער און איין זעל. זי קימערט זיך, דאַכט זיך, ווייניק וועגן מיר, און דאָך איז זי מיין געליבטע״.

יעקב גאָרדינס צווייפל אין דער יידישער מאַסע האָט זיך ניט גאַנץ באַשטעטיקט. זי איז אים טריי געבליבן אויך נאָך זיין טויט. זיין „מירעלע אפרת״, „כאַשע די יתומה״, „גאָט, מענטש און טייוול״ און אַ ריי אַנדערע פּיעסן זיינען געשפּילט געוואָרן אין יידישע מלוכהשע און פּריוואַטע קונסט-טעאַטערס איבער דער וועלט. און זאָל נאָר דאָס יידישע טעאַטער לעבן און געדייען, וועלן גאָרדינס פּיעסן קיינמאָל נישט פאַר־שווינדן אינגאַנצן פון רעפּערטואַר. זיין ליטעראַרישע ירושה, ווי ביי אַלע אַנדערע, וועט געווים דאַרפן געלייטערט ווערן. דאָס צייטלעכע און פאַראיבערגייענדיקע וועט פאַרשווינדן, דאָס וועזנטלעכע און דויערהאַפטיקע וועט בלייבן. און בלי ספק וועט יעקב גאָרדין בלייבן אין דער יידישער געשיכטע, ווי דער רעפאָרמאַטאָר פון יידישן טעאַטער און ווי דער פּראָגרעסיווער קולטור-טרעגער און געזעלשאַפטלעכער טוער, וואָס האָט גע־זוכט, דורך זיין קונסט, אויפצוהייבן די מאַסן קולטורעל און מאַטעריעל.

אין דער אַלטער היים

יעקב גאָרדין איז געבוירן געוואָרן דעם ערשטן מאַי, 1853, אין מירגאָראָד, פּאָלטאַווער גובערניע, אוקראַינע. זיין פאָטער יחיאל מיכל הלוי, אַ קליינהענדלער, איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישער משכיל, וואָס האָט אויך געהאַלטן פון חסידות (נוסח ליטע). די מוטער איז געווען אַ שטילע, פרומע הויז־פרוי. זיי האָבן אים געגעבן אַ היימישע דערציאונג דורך „מלמדים" און „לערער".

פון די „איניקע נאָטיצן פון יעקב גאָרדינס לעבן, ביז ער איז אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע", פאַרעפנטלעכט אין „סאָווענירצו יעקב גאָרדינס צען־יאָריקן יובילעאום" (1901), זעט אויס, אַז ביי זיין פאָטער אין הויז האָבן זיך געפונען אַ סך רוסישע ביכער, צווישן זיי אויך די דעמאָלט פּראָגרעסיווע רוסישע זשורנאַלן „סאָוורעמעניק", „סין אָטעטשעסטוואַ" א. א.

גאָרדין האָט „פון קינדהייט אויף" געלייענט רוסישע בעלעטריסטיק, אָריגינעלע און איבערזעצונגען (פון בולווער־ליטאָן, פּעלאָן א. א.). דערלערנענדיק העברייאיש, האָט יעקב גאָרדין אויך אָנגעהויבן לייענען „השכלה־ספרים" און אַפילו געשריבן „מליצה" אין העברייאיש. אַחוץ רוסיש און העברייאיש, האָט דער יונגער גאָרדין, אַלס משכיל, אויך געלייענט דייטש. ער האָט אויך גוט געקענט זיך אויסדריקן אין אוקראַיניש. ווען ער שליסט זיך אָן שפּעטער אין אַ געהיימען אוקראַינישן קרייזל, וואָס האָט געשטרעבט צו באַפרייען דאָס אוקראַינישע פאָלק פונעם צאַרישן יאָך, אַרבעט גאָרדין מיט אין דעם קרייזלס אוקראַינישן אָרגאַן „זאַריאַ", וואו ער שרייבט בעלעטריסטיק. ער האָט אויך אָנגעהויבן איבערזעצן פאַרן קרייזל (דעם ערשטן קאַפּיטל) פון קאַרל מאַרקס' „קאַפּיטאַל" פון דייטש אין אוקראַיניש.

כאַטש יעקב גאָרדין האָט ניט באַוויזן קיין לערן־אַנשטאַלט, האָט ער דאָך דורך זיין „היימישער דערציאונג", און נאָך מער דורך זיין זעלבסטבילדונג, זיך אויף אַזויפיל פאַרפולקאָמט, אַז ער האָט „געגעבן אוראָקן, צוגעגרייט שילער צו גימנאַזיע און אַנדערע שולן".

אינעם עלטער פון זיבעצן יאָר, אַרום 1870, הייבט־אָן יעקב גאָרדין צו שרייבן אין דער רוסישער פּרעסע. ער ווערט אַ שטענ־דיקער מיטאַרבעטער אין אַ גאַנצער ריי דרום־רוסלענדישע צייַ־טונגען („אָדעסקי וויעסטניק", „גאָלאָס", „נאָוואָראָסיסקי טעלעגראַף", „פּראַוודאַ" א. אַ.). ער האָט אויך ווען־ניט־ווען געשריבן אין דער העברייאישער פּרעסע. (מאָריס ווינטשעווסקי דערציילט, אַז ער האָט געלייענט גאָרדינס אַן אַרטיקל אין „המליץ" פון די זיבעציקער יאָרן).

זיינע אַרטיקלען און פעליעטאָנען אין דער רוסישער שפּראַך האָט גאָרדין אונטערגעשריבן מיט די פּסעוודאָנימען „יאַקאָוו מיכאַעלאָ־וויטש" און „איוואַן קאַליוטשי" (דער שטעכעדיקער). גאָרדינס פע־ליעטאָנען זיינען געווען געשריבן מיט שניידנדיקן סאַרקאַזם (ווי שפּעטער זיינע סאַטירעס אין יידיש). ער האָט אויסגעלאַכט צוריק־געשטאַנענקייט און קנעכטשאַפט. דערביי האָט ער אָבער, ווי אַ סך אַנדערע רוסלענדישע שרייבער אונטער דער צאַרישער צענזור, פאַרקאַנספּירירט זיינע געדאַנקען דורך סימבאָלן און רמזים, דורך פאַבלען און אַלעגאָריעס.

אַ מוסטער פון גאָרדינס רוסישע אַלעגאָריעס איז זיין עטיוד „אין שטאַל", וואָס ער האָט שפּעטער איבערגעזעצט אין יידיש („פרייע געזעלשאַפט", אָקטאָבער, 1900).

אויפן ערשטן בליק איז עס אַ דערציילונג מיט דער טענדענץ פון „צער בעלי חיים", אָדער וועגעטאַריעניזם, ווי מ. ז. פייערבערגס „דאָס קעלבל", געשריבן אין העברייאיש. (פייערבערג שילדערט, ווי אַזוי די שחיטה פון אַ שיין, ליב קעלבל ברענגט אַ געפילפול חדר־יינגל צו צווייפלען אין דער געטלעכער השגחה: אויב גאָט האָט באַשאַפן דאָס קעלבל בלויז ווי אַ שפּייז פאַרן מענטשן, טאָ צו וואָס האָט ער אין דעם אַריינגעגעבן אַזוי פיל שיינקייט און לעבהאַפטיקייט?). גאָרדינס עטיוד איז אָבער דורכאויס אַלעגאָריש און האָט אַ סאָציאַלן מוסר־השכל. די „העלדן" זיינען אַ קו מיט אַ קאַלב.

דאָס יונגע קעלבל ווערט ניט צוגעלאָזן זויגן דער מוטערס ברוסט. די צעווייטיקטע מאַמע־קו טרייסט איר קינד, אַז אַזוי איז דער סדר פון דער וועלט: די אָרעמע האָרעפּאַשנע באַשעפענישן לעבן ניט פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר זייערע האַרן. די מילך איז נויטיק פאַרן האַרס הויז־געזינד, — דאַרף אַ גוט קעלבל זיך אונ־טערוואַרפן דעם גורל מיט הכנעה און געדולד, ס'דאַרף ליידן און שווייגן, דולדן און האָפן.

שפּעטער באַשליסט דער האַר צוצוגרייטן דאָס קעלבל אויף „פליישׂ". לאָזט מען עס צו זויגן, עס זאָל ווערן געזונט און פעט. די קו טריאומפירט מיטן זיג פון איר מאָראַל און לויבט דעם האַרס גוט־האַרציקייט.

דאָס גליק פון מוטער און קינד דויערט אָבער ניט לאַנג. אַזוי גיך ווי דאָס קעלבל וואַקסט אונטער, נעמט מען עס אַוועק פאַר דער סעודה אין דעם האַרס הויז. די מאַמע־קו איז פאַרצווייפלט איבער איר פאַרלוסט. און ווען דער ריח פון דעם געבראָטענעם קאַלב־פלייש דערגרייכט צום שטאַל, דערהערט זיך דאָס מוראדיקע יאָמערן פון שטומען באַשעפעניש — זי באַוויינט אַן ווערטער איר אומגליקלעך קינד און די אומגערעכטיקייט פון דער וועלט...

די רייד פון דער קו זיינען ווי קאַפּיטל פון דעם ביי זיך גע־פאַלענעם פאַרקנעכטעטן מענטשן. אַזוי איז אויך צולעצט רייך־מענטשלעך איר הילפלאָזער צוזאַמענברוך און איר שטומער פּראָ־טעסט.

* * *

צו ניינצן יאָר (אַרום 1872) האָט יעקב גאָרדין חתונה. ער קריגט אַ פיינעם נדן און די משפחה האָפט, אַז ער איז שוין באַ־זאָרגט מיט פרנסה. דער יונגער טרוימער און משכילישער מאָראַ־ליסט איז אָבער בכלל ניט צוגעפּאַסט פאַר דער קאַריערע פון אַ געשעפטסמאַן. ער פאַרלירט גיך זיין נדן, בלייבט אָן מיטלען, הייבט אָן אַרומוואַנדערן און טאָן פאַרשידענע גייסטיקע און פיזישע אַר־בעטן: זשורנאַליזם, לערעריי, שוישפּיל (וואַנדערט אַרום מיט אַ רוסישער טעאַטער־טרופּע), ערד־אַרבעט, פּאָרט־אַרבעט (אָנלאָדן און אויסלאָדן שיפן) א. ד. גל.

די וואַנדערונגען ברענגען גאָרדינען אין באַרירונג מיט ברייטע מאַסן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן און רעליגיעס. זיין אידייען־קרייז ווערט פאַרברייטערט און פאַרטיפט — ער דערוועבט זיך

אַ טיפּע מענטשן־קענטעניש. זיינע איינדרוקן ווערן באַרייכערט מיט אומצייליקע בילדער און פּאָרטרעטן. יעקב גאָרדין קאָן זיך שוין מער ניט צופרידנשטעלן בלויז מיט אַלעגאָריעס. ער נעמט מאָלן בילדער פונעם רעאַלן לעבן, אויך פון זיין יידישער סביבה.

אין 1880 ווערט ער אַ מיטאַרבעטער אין דער הויפּטשטאָטישער (פּעטערבורגער) פּרעסע, און שרייבט דערציילונגען פונעם יידישן לעבן אין דער דעמאָלט זייער אָנגעזעענער פּעטערבורגער צייט־שריפט „ביעדיעלא" (די וואָך). ער באַנוגנט זיך אויך ניט מער מיט בלויז פאַרשטיין דאָס לעבן, נאָר זוכט עס אויך איבערצוטאַנ־דערשן. דער באַאיינפלוסנדיקער שרייבער ווערט אויך אַ באַווירקנ־דיקער רעדנער; דער מאָראַליסט ווערט אַ רעפאָרמער; דער טרוימער — אַ פּראַקטישער געזעלשאַפטלעכער טוער. ער באַזעצט זיך איצט אין יעליסאַוועטגראַד, וואו ער פאַרנעמט זיך מיט גראַנדי־עזע פּלענער איבערצובויען דאָס גאַנצע יידישע לעבן אויף נייע, געזונטע, פּראָדוקטיווע יסודות. גלייכצייטיק וואַקסט אויס זיין שריפט־שטעלערישער פאַרנעם (אונטער זיינע פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען). ער ווערט דער אומאָפיציעלער רעדאַקטאָר פון דער אָרטיקער צייט־טונג („יעליסאַוועטגראַדסקי וויעסטניק"), און אַ געוויסע צייט, ווען ער וואוינט אין אָדעס — פון די „אָדעסקיא נאָוואָסטי". אַחוץ זיינע סאַטירישע פעליעטאָנען, בילדער און דערציילונגען, שרייבט ער דערמאָלט אויך טעאַטער־קריטיק (אונטערן פּסעוודאָנים "יאן").

וועגן יעקב גאָרדין דעם מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָר פון „אָדעסקיא נאָוואָסטי" האָבן מיר אַ באַשרייבונג טאַקע אין אָט־דער צייטונג גופא, געשריבן אַ פינף און צוואַנציק יאָר שפּעטער. גאָרדין ווערט דאָרט געשילדערט, ווי איינער פון אַ גרופּע „הומאַניסטן" אין אָדעס, נאָך די פּאָגראָמען פון 1881: „פאַר אָט־די אידעאַליסטן האָט ניט עקזיסטירט קיין באַזונדערע נאַציאָנאַליטעט. זיי האָבן געאַרבעט פאַר דער באַפרייאונג פון אַלע פעלקער אין רוסלאַנד. די פּאָגראָמען אויף יידן האָבן זיי אויפגעטרייסלט פונקט אַזוי, ווי די פּאָגראָמען אויף אַרמעניער".

און דאָך איז יעקב גאָרדין דעמאָלט געווען באַזונדערס דער־שיטערט. דער שרייבער פון אָט־דער שילדערונג אין „אָדעסקיא נאָוואָסטי" איז אַמאָל געזעסן מיט אים ביים ברעג ים. גאָרדין איז געווען פאַרטיפט אין מחשבות. פּלוצלינג באַווייזן זיך טרערן אין זיינע אויגן. וואונדערט זיך זיין חבר:

— דער לוסטיקער פעלעטאָניסט ווייסט גאָר?

זאָגט גאָרדין:

— אָ, ווי גוט וואָלט געווען, ווען עס זאָל זיין מעגלעך צו מאַכן אַלע מענטשן פאַר גוטע, און הייסן אָט דעם געהיימניספולן ים איינ־שלינגען גאָר־דאָס־שלעכטס פון דער וועלט.

גאָרדין און זיינע חברים, דערציילט ווייטער דער שרייבער, „זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט ליבע צו דער מענטשהייט". זיי האָבן „געגלויבט אין פאָלק, געשטרעבט עס אויפצוקלערן, פאַרבעס־סערן זיין לאַגע". זייערע קוואַלן פון „ליכט, בילדונג, אויפקלערונג האָבן זיי געפונען ביי דאַרווין, באָקל, ספּענסער; שעקספּיר, באַיראָן, הוגאָ; קאַנט, בעלינסקי און די גריכישע פילאָסאָפן".

„אַלע מיטאַרבעטער פון 'אָדעסקיא נאָוואָסטי', ווי אויך אַלע זיינע אַנדערע באַקאַנטע, האָבן גאָרדינען געליבט און געאַכט", באַ־מערקט דער שרייבער, און ער ציטירט דערביי דעם וועלט־באַרימטן באַקטעריאָלאָג איליא מעטשניקאָוו, וועלכער האָט גאָרדינען געקענט פערזענלעך און האָט וועגן אים אַזוי געשריבן: „דער אָנדענק וועגן יעקב גאָרדינען און וועגן זיין אַרבעט פון יענער צייט רופט ביי מיר אַרויס די בעסטע דערינערונגען".

לויט „אָדעסקיא נאָוואָסטי", האָט גאָרדין געשטאַמט פון אַ זייער אָרעם הויז. ער האָט אָבער ניט געפילט קיין קנאה צו רייכקייט און וואוילהאָבנדיקייט. ער פלעגט שטענדיק זאָגן: „די הייזער וועלן איינפאַלן, דאָס געלט וועט צערונען ווערן, די קערפּערס וועלן פאַר־פוילט ווערן, — בלייבן וועט נאָר דער מענטשלעכער גייסט; ער וועט זיין דער הערשער איבער דער מאַטעריע" *).

„דער זשורנאַליזם", ווערט דערציילט אין „אָדעסקיא נאָוואָסטי", האָט שוין דעמאָלט גאָרדינען מער „ניט באַפרידיקט". כאָטש ער איז געווען „אַ גלענצנדיקער, טאַלאַנטפולער פעלעטאָניסט", באַ־זיצנדיק אַ „גוט, פילנדיק האַרץ", האָט גאָרדין, „זעענדיק אָרעמקייט, אומוויסנקייט", געשטרעבט „מיט אַלע כוחות אַריינצוברענגען אויפ־קלערונג, ליכט און האָפענונג — — — ער האָט געוואָלט עפּעס־וואָס באַשאַפן, ווירקן אויף די מאַסן, און דעריבער האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו אָרגאַניזירן די 'ביבלישע ברידערשאַפט'".

---

*) ענלעכס שרייבט יעקב גאָרדין אין זיין פּראָלאָג צו „גאָט, מענטש און טייוול": „שטערבלעך איז נאָר דאָס, וואָס וויל און וואָס שטרעבט; דאָס שטרעבן און וועלן [איז] אומשטערבלעך".

קאַמף פאַר סאָציאַל־רעליגיעזע רעפאָרמען

יעקב גאָרדין האָט געהערט צו די משכּילים פון דער צווייטער תּקופה. פאַר זיי איז שוין די השׂכּלה ניט געווען מער קיין „הימלשע טאָכטער", נאָר אַן ערדיש קינד. זיי האָבן אין דער ערשטער ריי געזוכט אויפצוקלערן די יידישע מאַסן, ווי צו לעבן בעסער אויף דער ערד.

און ווייל זיי האָבן גערעדט פון קאָנקרעטע ערדישע ענינים, האָבן אַט־די משכּילים שוין געמוזט זיך דיפערענצירן און צעטיילן לויט די אינטערעסן פון די פאַרשיידענע שיכטן און קלאַסן אינעם יידישן פאָלק. איין טייל משכּילים האָט באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט גערעדט אין די אינטערעסן פון די וואוילהאָבנדיקע יידישע סוחרים און פּראָפעסיאָנאַלן פון די זיבעציקער יאָרן. פאַר אַט־די גרויסהענדלער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן א. ד. גל. פּריווילעגירטע יידן איז געווען אָפן דאָס גאַנצע לאַנד. זיי האָבן דערוואַרט צו קריגן פולע גלייכבאַרעכטיקונג און זיינען געווען גרייט צו באַצאָלן פאַר דעם מיט אויפגעבן אַלע זייערע יידישע אייגנטימלעכקייטן. אין זייער גייסט האָבן גערעדט יענע משכּילים, וואָס האָבן אויסגעלאַכט און דערנידעריקט די יידישע שפּראַך, דעם יידישן לעבנסשטייגער און אַלץ, וואָס האָט אונטערגעשיידט די יידן פון ניט־יידן.

אַן אַנדערער טייל משכּילים, אַ פיל גרעסערער, איז געשטאַנען מיט דער ברייטער יידישער מאַסע, וואָס איז געבליבן איינגעשלאָסן אין די ווענט פון דער געטאָ, אין די גרענעצן פון יידישן תּחום, מיט נישטיקע מעגלעכקייטן פאַר פּרנסה און פאַר בילדונג. אַט־די משכּילים האָבן פּראָקלאַמירט, אַז אַלע מענטשן האָבן אַ גלייך רעכט אויף לעבן און געניס, און די יידן זיינען ניט מחויב דערפאַר צו באַצאָלן דורך אָפּזאָגן זיך פון דער אייגענער שפּראַך און קולטור.

אין די זיבעציקער יאָרן איז אויך געווען אַ דריטער מין

משכּילים, פֿון וועלכע משה־לייב ליליענבלום איז געווען דער הויפּט־וואָרטזאָגער. אָט־די משכּילים האָבן געהאַלטן, אַז די אָרעמע ייִדישע מאַסע נוצט ניט אויס אַלע פֿאַראַנענע מעגלעכקייטן פֿאַר בילדונג און אינדוסטריע, ווייל זי איז געפּענטעט דורך די קייטן פֿון מיטלאַלטערלעכע מנהגים און געזעצן, דורכן תּלמוד און דעם „שלחן ערוך”. זיי האָבן דעריבער אָנגעפֿירט אַ פֿאַרצווייפֿלטן קאַמף צו רעפֿאָרמירן די ייִדישע רעליגיע. זיי זייִנען געווען איבערגע־געבענע ייִדישע פֿאָלקיסטן, נאָר האָבן פֿאַרביטן פֿאָלגן אויף אור־זאַכן: זיי האָבן געמיינט, אַז אומוויסנקייט פֿירט צו אָרעמקייט און ניט באַמערקט, אַז אָרעמקייט איז די מוטער פֿון אומוויסנקייט, אַבער־גלויבן און צוריקגעשטאַנענקייט.

יעקב גאָרדין האָט געהערט צו אַן אַנדערן מין משכּילים, ווי די אויסגערעכנטע דריי מינים, — כאָטש ער איז אויך פֿון זיי באַ־ווירקט געוואָרן. אַ לייענער פֿון רוסישער ליטעראַטור, איז גאָרדין באַווירקט געוואָרן צוגלייך פֿון ייִדישע און ניט־ייִדישע קוועלן.

אַלס יונגער משכּיל, דערצויגן אויפֿן תּנ״ך און אויף אַזוינע השׂכּלה־ספֿרים, ווי מאַפּוס ראָמאַן „אהבת ציון”, איז יעקב גאָרדין געווען דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפֿט צו דער ביבליש־ראָמאַנ־טישער עפּאָכע פֿון דער ייִדישער געשיכטע. אים איז באַזונדער ליב געווען די צייט, ווען ייִדן האָבן זיך פֿאַרנומען מיט ערד־אַר־בעט און געפֿירט אַ געזונט, נאָרמאַל פּויערים־לעבן.

זייַנע משכּיליש־ראָמאַנטישע שטרעבונגען, דורכגעפֿלאָכטן מיט טאָלסטאָיִשע אידייען פֿון אַ ריין, ערלעך לעבן, ווערן ביי אים פֿאַר־שטאַרקט דורך זייַנע פּערזענלעכע איבערלעבונגען. זיין באַרירונג מיט דער וועלט פֿון מסחר, דאָס פֿאַרלירן זיין נדן, זייַנע וואַנדערונגען און זייַנע באַגעגענישן מיט מענטשן פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער ביי פֿיזישער אַרבעט רופֿן ביי אים אַרויס אַלערליי מחשבֿות און פֿאַנ־טאַזיעס פֿון ווידער־אויפֿלעבן ביי ייִדן אַ פּויערים־שיכט. זייַנע חלומות קריגן בלוט־און־פֿלייש דורך זיין נאָענטער באַקאַנטשאַפֿט מיט דעם לעבן פֿון די ניט־ייִדישע פּויערישע רעליגיעזע סעקטאַנטן.

די פּויערישע סעקטאַנטן אין אַלטן רוסלאַנד, וועלכע האָבן באַווירקט טאָלסטאָין, זייער שפּעטערדיקן גייסטיקן פֿירער, האָבן אויך געמאַכט אַ טיפֿן איינדרוק אויף דעם יונגן ייִדישן אידעאַליסט און מאָראַליסט יעקב גאָרדין. אַ באַזונדערן איינדרוק האָבן אויף גאָרדינען געמאַכט די „שטונדיסטן”, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין

אַ היפּשער צאָל אין דער געגנט פון יעליסאַוועטגראַד (כערסאָנער גובערניע), וואו ער איז צום סוף פון די זיבעציקער יאָרן געווען טעטיק אַלס לערער אין אַ רוסיש-יידישער קינדערשול, די „רוסי־פיצירטע תלמוד תורה", ווי זיינע קעגנער האָבן זי שפּעטער באַ־צייכנט.

ווי אַלע פריערישע סעקטאַנטן, זיינען די שטונדיסטן געווען ביטערע קעגנער פון דער אָפיציעלער רוסישער קירכע, אירע „אי־קאָנעס" (הייליקע בילדער) און אירע רעליגיעזע צערעמאָניעס. די שטונדיסטן זיינען געווען באַזונדערס שאַרף קעגן רעליגיעזן אַס־קעטיזם, קעגן „אָפּטויטן דאָס פלייש". זייער פּראַקטישע פילאָסאָפיע (וועלכע יעקב גאָרדין האָט אָנערקענט און יאָרן שפּעטער זי פאַר־קערפּערט אין זיין דראַמע „אלישע בן אבויה") האָט דערמוטיקט די מענטשן צו זוכן וואָס בעסער און שענער צו לעבן אויף דער ערד, צו האַלטן ריין און געזונט דעם קערפּער, צו האָבן אַן אַקטיוון גייסט, און אַזוי אַרום טאַקע אויך קאָנען בעסער און ווירקזאַמער העלפן זייערע מיטמענטשן.

ווי טאָלסטאָי, זיינען אויך די שטונדיסטן געווען קעגן רויכערן און שיכרות. געווען אַפילו צווישן זיי אַזוינע מחמירים (עקסטרע־מיסטן), וואָס פלעגן ניט פאַרזוכן קיין שום אַלקאָהאָלישן געטראַנק, ניט אַמאָל דעם ווין צום „הייליקן סאַקראַמענט", — בפרט, אַז אַ סך פון זיי זיינען בכלל געווען קעגן דער צערעמאָניע פון יעזוסעס „לעצטע וועטשערע". אָט־די אויסגעהאַלטענע שטונדיסטן האָבן ניט מסכים געווען, אַז רמזים און סימבאָלן קאָנען פאַרנעמען דעם אָרט פון מעשים; אַז דורך טרינקען געהייליקטן ווין און עסן גע־הייליקט ברויט (און דערביי פאַרשטעלן זיך, ווי „מ'טרינקט דאָס בלוט" און „מע'סט דאָס פלייש" פון „גאָטס זון") וועלן פאַרגעבן ווערן אַלע זינד. זיי האָבן געפאָדערט, אַז די תשובה זאָל זיין אויף אַן אמת — דורך גוטע מעשים, און ניט דורך מכוון זיין געוויסע כוונות און אָפּריכטן סימבאָלישע צערעמאָניעס. אַ ריין, ערלעך לעבן האָט פאַר זיי געמיינט — לעבן פון אייגענער אַרבעט אין ברי־דערשאַפט און אין שוועסטערשאַפט. זיי האָבן געקוקט מיט פאַר־אַכטונג אויף די, וואָס ווילן „יוצא זיין פאַר גאָט" מיט זייער „קריסט־לעכער ליבע" דורך אָנצינדן געבענטשטע ליכט, באַשפּריצן זיך מיט געבענטשטן וואַסער, אָדער טרינקען געהייליקטן ווין און עסן געהייליקט ברויט.

נעמענדיק ערנסט זייער ביבל, זיינען די שטונדיסטן געווען פאַר קאָלעקטיוון און קעגן פּריוואַטן אייגנטום. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַלץ געהערט צו אַלעמען. אַלע מענטשן זיינען איין פאַמיליע, — טאָר קיינער ניט האָבן צופיל, דאַרף קיינער ניט האָבן צו ווייניק. גלייכצייטיק זיינען זיי געווען טאָלעראַנט צו אַדערש־גלויביקע. זייער מאָטאָ איז געווען: „איין פאָטער אין הימל, איין מוטער — די ערד, וואָס פּראָדוצירט אַלץ".

ענלעך צו די פּאַרצייטיקע ביבליש־יידישע פּויערים, זיינען די שטונדיסטן געווען קעגנער פון מסחר. זיי פלעגן זאָגן, אַז האַנדל פירט צו דעמאָראַליזאַציע, צו פיזישער און גייסטיקער דעגראַדירונג פון די מאַסן. זיי האָבן געגלויבט, אַז מענטשן קאָנען אויסקומען בכלל אָן געלט. זיי אַליין פלעגן זיך באַנוגענען מיטן „באַרטער"־סיסטעם, מיט בייטן פּראָדוקטן אויף פּראָדוקטן. געלט איז זיי געווען נויטיק בלויז אויף צו צאָלן שטייערן. די צאַרישע שטייער־מאָנער פלעגן אָבער ביי אָט־די פיל־אויסגעזויגענע מיטל־פּויערים גערנער נעמען בהמות, עופות, תבואה, פלאַקס קאַרטאָפל א. ד. גל.

ווען ס'איז ניטאָ קיין „מוז" (ווי, למשל, בעת ס'באַפאַלט אַ שונא, וואָס זוכט צו באַראַבעווען און פאַרשקלאַפן), זיינען די שטונדיסטן געווען קעגן מלחמה, ווי בכלל קעגן בלוט־פאַרגיסונג. זיי פלעגן זאָגן: „אַלע מענטשן זיינען ברידער, אַלע גלויבן אין דעמזעלביקן גאָט, כאָטש זיי רופן אים אָן מיט פאַרשידענע נעמען"...

די שטונדיסטן אין יעליסאַוועטגראַדער געגנט האָבן זיך אויך גענומען דאָס רעכט אויסצוטייטשן די ביבל, ווי יעדער איינער וויל. יעקב פּרילוקער (1860־1935), יעקב גאָרדינס אַ יוגנטלעכער נאָכפאָלגער, וואָס גייט שפּעטער אַוועק אויף פרעמדע וועגן, דערציילט פאָלגנדיקן אַנעקדאָט: אַ פאַנאַטישע פּראַוואָסלאַוונע פרוי האָט איינמאָל באַזוכט אַ שטונדיסטישן קרייזל אין דער געגנט פון יעליסאַוועטגראַד. זי איז געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט פון אַן „אַפּיקורסישער" באַמערקונג פון אַ יונגן פּויער און אים אַראָפּגעלאָזן אַ קלינגענדיקן פּאַטש אין באַק. דער יונגער קרעפּטיקער שטונדיסט האָט זי צוריק ניט געשלאָגן. דאָס האָט זי דערמוטיקט אים צו געבן אַ צווייטן פּאַטש. זעענדיק, אַז ער פאַרשווייגט איר, האָט זי אים אַ דריטן מאָל געפּאַטשט. דאָס מאָל אָבער האָט ער ניט פאַרשוויגן און זי געהעריק צעשלאָגן. ווען מען האָט אים געפרעגט, למאי ער האָט פאַרשוויגן די ערשטע צוויי פּעטש און צו־

ריקגעשלאָגן נאָכן דריטן, האָט דער יונגער שטודענט געענט־פערט: — יעזוס זאָגט — שטעל־אויס די לינקע באַק, ווען דו קריגסט געפּאַטשט אין דער רעכטער. דאָס מיינט, פאַרשוויגן צוויי פּעטש, אָבער ניט קיין דריי...

דער גרויסער קאָנטראַסט צווישן די שטודיסטן און די פּראַוואָסלאַוונע איינוואוינער אין יעליסאַוועטגראַד און אין די אַרומיקע דערפער האָט געמוזט אַרויסרופן אויפמערקזאַמקייט און סימפּאַטיע פון די יעליסאַוועטגראַדער יידן צו די שטודיסטן. לויט פרילוקערן, פלעגן די יידן געבן דעם פאַרצוג די שטודיסטן ביי יעדער אַרבעט און זיינען בכלל געווען וויליק צו חברן זיך מיט זיי. דערפאַר איז דאָרט געווען מעגלעך, מיינט פרילוקער, אַז „אַ לערער אין אַ פּריוואַטער שול, יעקב גאָרדין, אַ מאַן פון גרויס ענערגיע און אָראַטאָרישער קראַפט", זאָל ווערן „דער פירער פון אַ קרייז מענער און פרויען, וואָס האָבן געשטרעבט צו אַ העכערן און נאָבלערן גייסטיקן לעבן".

* * *

וועגן יעקב גאָרדינס כאַראַקטער־שטריכן און ווי אַזוי ער האָט אָרגאַניזירט דעם דאָזיקן קרייז אין יעליסאַוועטגראַד איז צענדליקער יאָרן שפּעטער דערציילט געוואָרן אינעם רוסישן טעאָלאָגישן זשורנאַל „טעאָסאָפישע איבערזיכט" (נאָוועמבער, 1907):

„דער לערער יעקב גאָרדין — אַ יונגערמאַן — איז געווען אַן אויטאָדידאַקט, אָבער אַ טאַלאַנטפולער ציטונג־טוער און זשורנאַליסט — — — אַ קלוגער און געבילדעטער מענטש — — — אַ הייסע לײַדנשאַפטלעכע נאַטור, גיריק נאָך נייע גייסטיקע ווערטן, דאָרשטיק נאָך אַ ריינעם אידעאַלן לעבן".

טראַכטנדיק איבערן יידישן לעבן, קומט גאָרדין צו אַן אַנדערן אויספיר, ווי די איבעריקע משכילים. ער וויל אַרויסרופן אַ באַנייאונג־באַוועגונג אין די ברייטע יידישע מאַסן — ניט דורך סאַטירע, נאָר דורך אַ פּאָזיטיווער סאָציאַל־רעליגיעזער אַגיטאַציע.

אין יענער צייט באַקענט זיך גאָרדין מיט יעליסאַוועטגראַדער שטודיסטן. ער ווערט אין זיי שטאַרק פאַראינטערעסירט, און איבגיכן דערשיינען זיינע „טיפּן פון שטונדיסטן" אין גאַידעבוראַווס „ניעדיעליא", דעמאָלט „דער סאַמע ערנסטער זשורנאַל אין פּעטערבורג". יעקב גאָרדין באַשרייבט דאָרט אין זיינע סקיצן דעם

לעבנס־שטייגער, מאָראַלישן פּרצוף און שטרענגן ראַציאָנאַליזם פון די שטונדיסטן.

ס׳באַגעגענען זיך צוויי ראַציאָנאַליזמען — פון אַ משכיל און פון אַ ריין־רעליגיעזער סעקטע. גאָרדינען פאַלט דעמאָלט איין דער געדאַנק אַריבערצוטראָגן אין יידנטום די פּרינציפּן פון שטונדיזם. ניט צו מאַכן די יידן פאַר שטונדיסטן, נאָר — רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן לויט די יסודות פון שטונדיזם. טרעט ער אַרויס פאַר די יעליסאַוועטגראַדער יידן מיט דרשות, אין וועלכע ער קריטיקירט דעם יידישן רעליגיעזן לעבנס־אַרט; ער פּרעדיקט אַ ראַציאָנאַליסטישן בליק אויף אמונה און לעבן. ער רופט „אומצוקערן זיך צו דער ביבל" און איבערבויען דאָס יידישע לעבן „אויף די יסודות, וועלכע זיינען אויסגעדריקט אין תנ"ך".

ער אָרגאַניזירט דעמאָלט זיינע אָנהענגער אין אַ פאַראיין מיטן נאָמען „דוכאָוונאָיע ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ" (גייסטלעכע ביבלישע ברודערשאַפט). לויט פּרילוקערן, האָט אָט־דער נאָמען אויסגעדריקט אַלץ, וואָס גאָרדין און זיינע חברים האָבן באַצוועקט: „אָפּזאָגנדיק זיך פון תלמוד און אָננעמענדיק בלויז דעם תנ"ך, האָבן זיי זיך אָנגערופן ׳ביבלעיצי׳, אָדער ׳די גלויביקע אין דער ביבל׳". גאָרדין אַליין האָט, אין אַ לעקציע אין ניו יאָרק, אָנגעגעבן אַן אַנדערן מאָטיוו, און אויך אַנדערש געשילדערט זיין אינהאַלט.

די „גייסטלעכע ביבלישע ברודערשאַפט"

יעקב גאָרדינס „גייסטלעכע ביבלישע ברודערשאַפט" קאָן אײַנגעטיילט ווערן אין צוויי פּעריאָדן. אין איר ערשטן פּעריאָד באַשטייט זי פֿון אַ קליין קרײַזל אין יעליסאַוועטגראַד, געגרינדעט אין יאַנואַר, 1880. דעם קרײַזל נעמט איבער אַ יאָר צײַט צו ווערן באַקאַנט. צולעצט, ווען זײַן טעטיקייט ווערט באַוואוסט און דערוועקט זיך פֿרײַנט און פֿײַנט, ברעכט עס באַלד צוזאַמען. דער דרײַ־טאָגיקער פּאָגראָם אין יעליסאַוועטגראַד (דעם 15טן, 16טן און 17טן אַפּריל, 1881) מאַכט אַ תּל פֿון דער קליינער אידעאַליסטישער גרופּע „ביבלעיצעס". אַ טייל מיטגלידער ווערן איבגעאַנצן רואיִנירט, אַ טייל וואַנדערט אויס קיין אַמעריקע, און אַנדערע קערן זיך אום צוריק, פֿול חרטה און תּשובֿה, צום אַלטן בית־המדרש.

ווי עס דערציילט משה־לייב ליליענבלום, איינער פֿון די באַדײַטנדיקסטע קעגנער פֿון גאָרדינען און זײַנע „ביבלעיצעס", איז די „גייסטלעכע ביבלישע געזעלשאַפֿט" ערשט באַקאַנט געוואָרן איינִיקע וואָכן פֿאַר דעם פּאָגראָם אין יעליסאַוועטגראַד. אין יענער צײַט (מערץ, 1881) איז אַפֿנים יעקב גאָרדין אַרויסגעטראָטן אין דער עפֿנטלעכקייט „מיט דעם פּלאַן פֿון דער סעקטע", ווי ליליענבלום דריקט זיך אויס.

דער קאַמף קעגן גאָרדינס „גייסטלעכע ביבלישע ברודערשאַפט" ווערט הויפּטזעכלעך געפֿירט אין איר צווייטן פּעריאָד, ווען זי ווערט באַנײַט, אין 1883, דורך יעקב גאָרדין, אַנאַ פּאָקראַסאָוואַ און אַדוואָקאַט גר. בערנשטיין. גאָרדינס קעגנער האָבן פֿאַרשוויגן זײַנע נאַציאָנאַל־יידישע און הומאַניסטישע מאָטיוון — זײַן שטרעבן איבערצובויען דאָס יידישע לעבן אויף געזונטע, פּראָדוקטיווע יסודות

און דאָס פֿאַרוואַנדלען יידישע לופֿטמענטשן אין האָרעפּאַשנע פּויערים. די קעגנער פֿון דער „גייסטלעכער ביבלישער ברודערשאַפֿט" האָבן תמיד דער עיקר אונטערגעשטראָכן איר רעליגיעז־רעפֿאָרמיסטישן און סעקטאַנטישן כאַראַקטער.

צו דער קעגנערשאַפֿט פֿון דעם פּאַטריאָט ליליענבלום האָט אויך מיטגעווירקט אַ פּסיכאָלאָגישער מאָטיוו: אַט־דער פֿריערדיקער קריגערישער אַפּיקורס, ניהיליסט און קאָסמאָפּאָליט איז נאָך די פּאָגראָמען פֿון אַפּריל, 1881, געוואָרן אַ בעל־תשובה. ער זאָגט זיך אָפּ פֿון זיין „חטאת נעורים" (יוגנט־זינד) און הייבט אָן אַרבעטן פֿלייסיק פֿאַרן יידישן נאַציאָנאַליזם און פֿאַר דער קאָלאָניזירונג פֿון פּאַלעסטינע. ווי דער אָנפֿירער פֿון דעם קאַמף קעגן תלמוד און שולחן־ערוך, און פֿאַר רעליגיעזע רעפֿאָרמען אין די זיבעציקער יאָרן, האָט ליליענבלום זיך געפֿילט מיט־פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר יעקב גאָרדינס רעפֿאָרמיסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז אַוועק אַזוי ווייט, ווי ביז צום גרינדן נייע יידישע סעקטעס: די „גייסטלעכע ביבלישע ברודערשאַפֿט" אין יעליסאַוועטגראַד און דער „נייער ישראל" אין אָדעס. ליליענבלום האָט דעריבער ביטער געקעמפֿט, שריפֿטלעך און מינדלעך, צו דיסקרעדיטירן די רעליגיעזע רעפֿאָרמער פֿון נאָך די פּאָגראָמען און אויסוואָרצלען זייערע אידייען פֿונעם יידישן לעבן.

ליליענבלום שילדערט די גרינדונג פֿון דער „גייסטלעכער ביבלישער ברודערשאַפֿט" אויף אַזאַ אופֿן:

„באַקענענדיק זיך מיט ראַבאָשאַפּקאָ, דעם אָנפֿירער פֿון די שטונדיסטן, האָט יעקב גאָרדין, דעמאָלט „אַ לערער אין יעליסאַוועטגראַדער תלמוד־תורה, געוואָלט נאָכטאָן דעם שטונדיסטישן פֿירער און אויך ביי יידן מאַכן אַ נייע סעקטע: ׳דוכאָוונאַיע ביבלעיסקאַיע בראַטסטוואָ׳, וואָס זאָל זיך ׳אָפּשיידן פֿון אַלע יידן׳ מיט אַ באַזונדערן ראש, שול און בית־עולם". די סעקטע האָט זיך געדאַרפֿט אָפּזאָגן אינגאַנצן פֿון תלמוד (כדי דורך דעם צו באַקומען אַלע בירגערלעכע רעכט) און אַפֿילו פֿון דער תורה, וועלכע „מען דאַרף נאָר דערקלערן בדרך רמז, גייסטיק".

דער גרינדער און אָנפֿירער פֿון דער סעקטע „נייער ישראל" אין אָדעס (געגרינדעט סוף 1881), יעקב פּרילוקער, האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין זיינע זכרונות אַכט עיקרים פֿון דער „אמונה" פֿון זיין סעקטע (ער באַמערקט דערצו, אַז דאָס זיינען אויך געווען די רע־

ליגיעזע פּרינציפּן פון דער „גייסטלעך־ביבלישער ברודערשאַפט" אין יעליסאַוועטגראַד):

1) דער תלמוד האָט ניט קיין הייליקע אויטאָריטעט. אין אַ סך פאַלן האָט ער אַפּילו געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג אויף דער יידי־שער נאַציע. ער האָט געשאַפן אַן אומגעהויערן סיסטעם פון צע־רעמאָניעס, אַלס ערזאַץ פאַרן אמתן גייסט פון רעליגיע, און גע־נומען אַן אַנטאַגאָניסטישע שטעלונג צו דער ניט־יידישער וועלט.

2) בלויז די ביבל, אויסגעטייטשט פון שכל־הישר און מאָדער־נעם וויסן, מוז זיין דער קוואַל פון אמונה און הייליקער אויטאָרי־טעט.

3) דאָס געבאָט פון מילה מוז ניט מער אָנגענומען ווערן בוכ־שטעבלעך, לויטן גוף, נאָר לויטן גייסט.

4) די גרויסע צאָל דינים וועגן „כשר" בנוגע שפּייז און גע־טראַנקען, וואָס האָבן פאַר זייער הויפּט־ציל דאָס אָפּטיילן די יידן פון דער דרויסנדיקער וועלט, זיינען זינלאָז פאַר זיך אַליין און אומדערטרעגלעך אין טאָג־טעגלעכן לעבן, און שעדלעך פאַר די באַציאונגען צווישן ייד און ניט־ייד.

5) די גאַנצע מענטשלעכע פאַמיליע באַשטייט פון קינדער פון איין הימלישן פאָטער, און די שטרענגע רבנישע גזירות קעגן גע־מישטע חתונות מיט קריסטן האָט ניט קיין שום באַרעכטיקונג.

6) אַ קריסטלעך געבעט־הויז איז אָנגענומען ביי גאָט, פּונקט אַזוי גוט ווי אַ יידישער בית־המדרש.

7) דאָס היטן דעם קריסטלעכן „שבת", אַנשטאָט דעם יידישן, איז ניט קעגן דעם גייסט און דעם צוועק, מיט וועלכן אָט־די אינ־סטיטוציע איז עטאַבלירט געוואָרן דורך יעהאָוואס באַפעל.

8) די תלמודישע לערע, אַז משיח איז נאָך ניט געקומען, שטימט ניט מיט היסטאָרישע פאַקטן. ס'זיינען אויך ניט ריכטיק די ווער־טער וועגן ווידער־אויפבויען דעם בית־המקדש און באַנייען פון קרבנות, אין זייער בוכשטעבלעכן זין, וואָס פאַרנעמען נאָך אַן אָנ־געזען פּלאַץ אין יידישן סידור.

ס'איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז דער לעצטער פּונקט פון פּרי־לוקערס פּרינציפּ איז ניט געוועזן אָנערקענט פון גאָרדינס „גייסט־לעך־ביבלישער ברודערשאַפט". משה־לייב ליליענבלום וואָלט, אין זיינע אָנפאַלן אויף יעקב גאָרדין, זיכער ניט פאַרשוויגן אַזאַ קאָר־

דינאַלן פּונקט, ווי דאָס אָנערקענען דעם עיקר פונעם קריסטנטום, אַז משיח איז שוין געקומען.

נאָך וויכטיקער קאָן מען זיך פאַרלאָזן אויף פּרילוקערס באַהויפּטונג, אַז „אויך גאָרדין האָט געהאַט די אידייע פון אַן אַמאַלגאַמירונג צווישן דער רעפאָרם־סינאַגאָגע מיט דעם געלייטערטן פּראָטעסטאַנטישן קריסטנטום, ווי דאָס האָבן ביז אַ געוויסן גראַד מיט זיך פאַרגעשטעלט די שטונדיסטן און אַנדערע רוסישע סעקטעס".

ווי באַוואוסט, האָט פּרילוקער שפּעטער זיך „אַמאַלגאַמירט" מיטן „געלייטערטן קריסטנטום"... ער האָט דעריבער געזוכט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אויך געווען דער ציל, צו וועלכן יעקב גאָרדין און זיינע „ביבלעיצעס" האָבן געשטרעבט. מ'קאָן זיך דערפאַר ניט פאַרלאָזן אויף פּרילוקערס דערקלערונג, אַז גאָרדינס „גייסטלעך־ביבלישע ברודערשאַפט" האָט געמוזט פאַרשוויגן איר ציל, — דאָס צוזאַמענגיסן זיך מיט די קריסטלעכע סעקטאַנטן — בלויז דערפאַר, ווייל „אונטער דעם עקזיסטירנדיקן פּאָליטישן רעזשים" אין צאַרישן רוסלאַנד „וואָלט די מינדסטע אָנדייטונג פון אַזאַ ציל געווען פאַטאַל פאַר דער אַרבעט צווישן יידן".

דאָך געפינען זיך אין פּרילוקערס זכרונות אינפאָרמאַציעס וועגן גאָרדינען און זיינע „ביבלעיצעס", וואָס טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון עכטקייט. ס'איז אויך וואַרשיינלעך, אַז דער מיט זיבן־אַכט יאָר ייִנגערער פּרילוקער איז אין די ערשטע יאָרן פון זיין „נייער ישראל" געגאַנגען אין יעקב גאָרדינס וועגן. ניט אומזיסט פלעגט ליליענבלום קאָנען דאָרט קומען דעבאַטירן קעגן גאָרדינס און פּרילוקערס רעפאָרם־אידייען.

פּרילוקער דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ער האָט אין די ערשטע יאָרן פון זיין טעטיקייט פאַרפאַסט אַ בוך (אין רוסיש) מיטן נאָמען „יידישע רעפאָרמער: ניי ישראל און גייסטלעכע ביבלישע ברודערשאַפט", און עס פאַרעפנטלעכט אונטערן פּסעוודאָנים „עמנואל בן־ציון". אין דעם בוך, שרייבט פּרילוקער, האָט ער „געגעבן אַן איבערזיכט איבער די שטרעבונגען פון די 'ביבלעיצעס' און זיי דערמוטיקט אין זייער אַרבעט".

„הער גאָרדין" — דערציילט פּרילוקער — „איז געקומען קיין אָדעס זיך צו באַראַטן מיט מיר, און מיר האָבן באַשלאָסן פאַרצוזעצן די אַרבעט מיט באַנייטן אייפער, אַזוי ווי אונדזערע אידייען און פּרינציפּן זיינען אין תוך די זעלביקע".

אַרום יענער צייט, אין 1883, לאָדעט אויך גאָרדין אײַן פּרי־לוקערן צו באַזוכן די „גייסטלעך־ביבלישע ברודערשאַפט" אין יע־ליסאַוועטגראַד. פּרילוקער דערציילט אויך, אַז ער האָט צוויי זו־מער־וואַקאַציעס (ווען ער, אַלס לערער אין אַ רוסיש־יידישער שול, האָט געקאָנט אַוועקפאָרן פון אָדעס) געפּרעדיקט פאַר די יעליסאַוועט־גראַדער „ביבלעיצעס".

די באַנייטע „גייסטלעך־ביבלישע ברודערשאַפט" איז דעמאָלט געווען אין איר צווייטן פּעריאָד. איר „גאָטס הויז", וואו פּרילוקער האָט אין די שבתים געדרשנט (וואַרשיינלעך אין די יאָרן 1884־1885), איז געווען אָפן פאַר אַלעמען. צווישן די פלייסיקע באַזוכער פון אָט־די דרשות אין רוסיש, דערציילט פּרילוקער, זיינען אויך געווען קריסטלעכע סעקטאַנטן, שטונדיסטן.

יעקב גאָרדין איז דעמאָלט, לויט פּרילוקערס זכרונות, אויך געשטאַנען אין נאָענטע באַציאונגען מיט דער געהיימער שטונדיס־טישער באַוועגונג אין יעליסאַוועטגראַד. פּרילוקער באַשרייבט זיין באַזוך, אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג, אינעם געהיימען שטונדיסטישן קרייזל, וואו יעקב גאָרדין האָט אים אַריינגעפירט. דער אָנפירער, באַלאַבאַן, אַן אַלטער פויער, וואָס איז פיל מאָל באַשטראָפט געוואָרן פון דער צאַרישער רעגירונג, האָט פאַר דער קליינינקער געמיינדע געלייענט אַ קאַפּיטל תנ"ך, — ווי עס שיינט, מיטן ניגון פון קריאת־התורה, און זיי עס דערקלערט, ווי פאַר קליינע קינדער. די ער־לעכע אָן־עברידיקע קריסטלעכע צוהערער האָבן געהאָרכט מיט עקסטאַז צו די נביאישע ווערטער, געזאָגט מיט אַ „פרעמדן ניגון". ביי אַ טייל פּסוקים האָבן די צוהערער געזיפצט און געוויינט.

נאָכדעם דערציילט פּרילוקער, האָט זיך גאָרדין אַריינגעלאָזן אין אַ דעבאַטע מיט באַלאַבאַנען; נאָר פּרילוקער גיט ניט איבער דעם אינהאַלט פון דער דעבאַטע.

* * *

די געוועזענע „ביבלעיצעס" האָבן שפּעטער שטאַרק מינימיזירט דעם רעליגיעז־רעפאָרמיסטישן כאַראַקטער פון זייער ברודערשאַפט. אויך יעקב גאָרדין אַליין האָט, אין אַ לעקציע אין ניו־יאָרק, פאַר־געשטעלט זיין „גייסטלעך־ביבלישע ברודערשאַפט" ניט ווי אַ רע־ליגיעזע סעקטע, נאָר ווי אַ פאָלקיסטישן פאַראיין מיט עלעמענטן פון קאָמוניזם. לויט „דיא וואַרהייט", וואָס האָט געבראַכט אַ באַ־

שרייבונג פון יענער לעקציע, האָבן אָט־דעם „פאַראיין" געגרינדעט יעקב גאָרדין און דר. מיכאַעלעוויטש, אַ רוס — ביידע „נאַראָד־ניקעס" (פאָלקיסטן), „סימפּאַטיזירער" פון דער אידייע „צו גיין אין פאָלק". די „גייסטלעך־ביבלישע ברודערשאַפט" איז, לויט אָט־דער באַשרייבונג, געווען בעיקר „אַ פאַראיין פון ברידער, געבויט אויף די אידעאַליסטישע פּרינציפּן פון די איידלסטע נאַראָדניקעס. דער פאַראיין האָט, מער פון אַלץ, געלערנט די מיטגלידער גלייכהייט, ברידערלעכקייט, ליבע איינער צום צווייטן און געפּרעדיקט אַ מין קאָמוניזם אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן. איינער האָט דעם צווייטן געדאַרפט העלפן מיט אַלץ — מיט זיין געזונט און מיט זיין פאַר־מעגן. דער ביבלישער נאָמען („ביבלעיצי") האָט הויפּטזאַכלעך געדינט אַלס אַ פאַרוואַנד [אַ פאַרדעקט מיטל] אָפּצונאַרן די רו־סישע רעגירונג, זי זאָל דיזע [אָט־די] אין גרונט נאַראָדניטשעסקע [פאָלקיסטישע] אָרגאַניזאַציאָן ניט פאַרפאָלגן".

סיי ווי — גאָרדינס „גייסטלעך־ביבלישע ברודערשאַפט" האָט אַרויסגערופן מער שטרייטיקייטן אין איר צווייטן פּעריאָד, ווי אינעם ערשטן. די ערשטע אָנפאַלן אויף יעקב גאָרדין זיינען אָבער גע־ווען געצילט ניט אין זיין בייער סעקטע, נאָר אין אים אַליין, און הויפּטזאַכלעך פאַר זיין אויפרוף צו זיינע „ברידער יידן" וועגן די פּאָגראָמען.

דער אויפרוף צום יידישן פֿאָלק

די אַפּריל־פּאָגראָמען (1881) האָבן באַזונדערס אויפֿגעטרייסלט די אינטעליגענטערע יידישע יוגנט. דער סאַמע אַסימילירטער עלעמענט, וואָס איז געווען אינגאַנצן דערווייטערט פֿונעם יידישן לעבן, האָט גערופֿן „השיבנו נאַזאַד" — צוריק צו דער רעליגיע און די מנהגים פֿון די ברייטע יידישע פֿאָלקס־מאַסן. ער האָט אָנגעפֿילט די בתי־מדרשים און, צוזאַמען מיט דעם פֿרומען עולם, באַוויינט דעם נייעם חורבן.

אַן אַנדערער טייל, וואָס האָט גערופֿן דאָס יידישע פֿאָלק צו פֿאַרלאָזן רוסלאַנד און אָנהייבן אַ ניי לעבן, איז צעפֿאַלן אין צוויי גרופּן: „בילו" און „עם עולם". דאָס וואָרט „בילו" האָט געמיינט „בית יעקב לכו ונלכה" — „יעקבס הויז (יידישע קינדער), קומט, לאָמיר גיין" — צוריק צום לאַנד פֿון די אָבות און דאָרט ווידער, ווי אַמאָל, פֿירן אַ פּויערים־לעבן! די לאָזונג „עם עולם" (דאָס אייביקע פֿאָלק) האָט אויסגעדריקט די האָפֿענונג, אַז דאָס יידישע פֿאָלק וועט ניט אונטערגיין דורך די צאַרישע נגישות. „ס'וועט געפֿינען אַ נייע היים און פּראָדוקטיווע אַרבעט אויף יענער זייט ים, אין דער מעכטיקער אַמעריקאַנישער רעפּובליק", וואו „די פֿרייהייטס־זון שיינט פֿאַר אַלעמען גלייך" (ווי ס'האָט דעמאָלט געזונגען דער באַדייטנדיקסטער משכילישער דיכטער יהודה־לייב גאָרדאָן).

ס'זיינען געווען אויך אַנדערע ריכטונגען צווישן דער אויפגערודערטער יידישער אינטעליגענטער יוגנט. יעקב מילך האָט מיר דערציילט, אַז ער געדענקט, ווי די יידישע סטודענטנשאַפֿט אין וואַרשע האָט, אונטערן איינדרוק פֿון די פּאָגראָמען, אַרויסגעלאָזן די לאָזונג „גיין אין פֿאָלק": לערנען און אויפֿקלערן די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן, באַזונדערס דעם נייעם דור. מעגלעך, אַז אויך די באַנייאונג פֿון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין ווילנע, מיט דער באַטייליקונג פֿון אהרן ליבערמאַנס חברים, איז

געווען אַ רעזולטאַט פון דעם פּראָטעסט־געפיל פון דער יידישער יוגנט קעגן די צאַרישע פּאָגראָמען.

דער אַכט־און־צוואַנציק־יאָריקער יעקב גאָרדין האָט זיך גע־פילט געטראָפן פון די פּאָגראָמען נאָך מער, ווי אַלע אַנדערע יידישע משכילים און אינטעליגענטן פון יענער צייט. די פּאָגראָמען האָבן צעשטערט זיין „גייסטלעך־ביבלישע ברידערשאַפט" און דערמיט זיינע האָפענונגען פאַר אַ דערנענטערונג און פאַרברידערונג צווישן ייד און ניט־ייד. באַזונדערס האָבן אים, אַלס רוסישן שרייבער, שטאַרק וויי־געטאָן די אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן אין דער רו־סישער פּרעסע. אַן אָפּקלאַנג פון זיינע דעמאָלטיקע געפילן געפינט זיך אין איינער פון זיינע דערציילונגען, געשריבן אַרום צען יאָר שפּעטער (אין 1891), אין יידיש. ער שילדערט דאָרט די טראַ־געדיע פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט אָפּגעגעבן אַלע זיינע כּוחות פאַרן גליק פון רוסלאַנד, און פּלוצלינג פילט ער זיך געטראָפן פונעם אַנטיסעמיטיזם: אים, דעם אמת־רוסישן פּאַטריאָט, דערקלערט מען פאַר אַ פרעמדן... אים, דעם מוטיקן קעמפער פאַר גערעכטיקייט, שטעמפּלט מען פאַר אַן עקספּלואַטאַטאָר...

דאָך בלייבט יעקב גאָרדין פעסט ביי זיינע הומאַניסטישע שטרעבונגען. ער ווערט ניט קיין „בילועץ" און רופט ניט קיין פּאַלעסטינע, ווי די רוסיפיצירטע יידישע סטודענטן פון כאַרקאָוו. ער שליסט זיך אויך ניט אָן אָן יענע אָדעסער און קיעווער אינטעלי־גענטן און משכּילים, וואָס האָבן די אויסוואַנדערונג קיין אַמע־ריקע דערהויבן צו אַן אידעאַל. ס'האָט אים אַפילו ניט צוגעצויגן צו זיי דער אומשטאַנד, וואָס אָט־די ביידע גרופּעס האָבן, אַזוי ווי ער, זיך געשטעלט דעם ציל צו פאַרוואַנדלען יידישע הענדלער אין ערד־אַרבעטער און געשטרעבט צו גרינדן לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס אויף אוטאָפּיסטיש־קאָמוניסטישע יסודות.

ניט געקוקט אויף דער פאַרסמטער אַטמאָספערע, וואָס דער דריי־טאָגיקער פּאָגראָם אין יעליסאַוועטגראַד האָט דאָרט געשאַפן צווישן יידן און ניט־יידן, האָט יעקב גאָרדין ניט אויפגעהערט זיך צו „ברידערן" מיט דער ניט־יידישער געזעלשאַפט. משה־לייב ליליענבלום האָט פאַרגעוואָרפן גאָרדינען, אַז ער איז אַפילו „באַלד נאָך דעם פּאָגראָם" — „געווען אַ גוטער־ברודער מיט די, וואָס האָבן געגרינדעט אַ קאָמיטעט צו העלפן די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע פּאָגראָמשטשיקעס".

מאָריס ווינטשעווסקי, דער לאַנג־יאָריקער פריינט פון יעקב גאָרדין און זיין אפּאָלאָג, דערקלערט אין זיין ענטפער אויף ליליענ־בלומס אָנפאַל, אַז ביי אים (ווינטשעווסקין) וואָלט אַפילו זיך „לייגן אויפן שכל", אַז „אַ ייד, אַן אמתער ייד, טאַקע לטובת הכלל צווישן זיינע ברידער, זאָל אַרויסקומען און זאָגן: 'מיר פאַרלאַנגען די העכסטע שטראָף פאַר די פּאָגראָמשטשיקעס, אָבער מיר ווילן ניט, אַז זייערע אומשולדיקע קינדער זאָלן ליידן הונגער דורכדעם, וואָס די עלטערן זיצן אין טורמע, וואו זיי פאַרדינען צו זיצן'. עס וואָלט אַלזאָ דורכאויס ניט געווען קיין פאַראַט קעגן דעם כלל ישראל, אַפילו ווען ער [יעקב גאָרדין] אַליין וואָלט געווען דער גרינ־דער פון אַ קאָמיטעט, צו העלפן די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע פּאָגראָמשטשיקעס; דאָס וואָלט אפשר גאָר געווען אַ קלוגע 'שטאַט־מענישע' טאַט. ווער ווייס?"

אַזוי ווייט איז אָבער יעקב גאָרדין ניט געגאַנגען. פון ליליענ־בלומס ווערטער איז קלאָר, אַז גאָרדין איז אַפילו ניט געווען קיין „אינדירעקטער מיטווירקער ביי די קאָמיטעטשיקעס". ער האָט בלויז „זיך ניט צוריקגעצויגן פון מענטשן, וועלכע זיינען געווען פריער זיינע גוטע פריינט, ווען ער האָט געזען, אַז זיי האָבן אונ־טערשטיצט קינדער פון אַרעסטירטע הונדערטער מענטשן, פון וועל־כע אַ טייל איז געווען באַטייליקט אין דעם פּאָגראָם, און איידער מען האָט אויסגעפונען ווער פון די אַרעסטירטע איז געווען שול־דיק, אָדער אומשולדיק".

מער צאָרן דערוועקט גאָרדין מיט זיין אויפרוף אין דער רוסישער צייטונג „יוזשני קראַי", וואו ער דערקלערט זיינע „ברידער יידן", אַז אין דער שנאה צו זיי איז שולדיק די געלט־ליבע פון יידישע פּראָצענטניקעס און הענדלער. די יידיש־רוסישע צייטשריפט „ראַזסוויעט" האָט איבערגעדרוקט (אין נומער 25, 1881) דעם דאָזיקן אויפרוף און געזידלט זיין פאַרפאַסער. דער הויפּט־אָנפאַלער אויף יעקב גאָרדין אינעם „ראַזסוויעט" איז געווען משה־לייב ליליענבלום. ער האָט עס גאָרדינען פאַרגעוואָרפן אויך אַרום דריי צענדליק יאָר שפּעטער אין דער יידישער טאָגצייטונג „פריינד".

* * *

יעקב גאָרדינס אויפרוף הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ברי־דער יידן!" ער פאַרגלייכט זיך צו אַ דענטיסט, וואָס — כדי צו

באַפרייען זיין פּאַציענט פון אַ שטאַרקן צאָן־ווייטיק — רייסט ער אַרויס דעם צאָן, און כדי קלענער צו מאַכן דעם שמערץ, טויט ער דעם נערוו. פּונקט אַזוי, דערקלערט גאָרדין, וויל ער אַרויסרייסן מיטן וואָרצל די טיף־איינגעוואָרצלטע שלעכטע געוואוינהייטן ביי יידן.

גאָרדין פרעגט זיינע „ברידער יידן״:

„פאַרוואָס האָבן אַלע עלעמענטן פון דער רוסישער געזעל־שאַפט אייך פיינט? איז עס דען נאָר אַ רעליגיאָנס־האַס? אונדזער געלט־ליבע, אומזעטיקייט, קאַרגשאַפט, יאָגן זיך נאָך פאַרדינסטן [„נאַזשיווא״], אונדזער חוצפּה, קריכעדיי. אונדזער שקלאַפישע און נאַרישע נאָכמאַכונג פון די אויפגעבלאָזענע און צעלאָזענע רוסישע פּריצים [„פּאַנסטוואָ״], אונדזער וואָכעריי, שענקעריי, פאַקטאָרסטווע און אַלע אַנדערע עוולות — הויבן־אויף קעגן אונדז די רוסישע מענטשן. אוודאי זיינען דאָ ביי אונדז אויך ערלעכע לייט, נאָר זיי פאַרלירן זיך אין דער מאַסע פון די הענדלער, וואָס טאָג און נאַכט טראַכטן זיי נאָר וועגן אַ רובל און האָבן ניט אין זייער לעבן קיין שום אַנדערע אינטערעסן און באַדערפענישן״.

דערמאָנענדיק די טרויעריקע געשעענישן פון אַפּריל (דער אויפרוף איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ פּאָר חדשים נאָך דעם פּאָג־ראָם), דערקלערט גאָרדין: „אָט־די געשעענישן גיבן מיר אַ רעכט אייך, ברידער, צו דערמאָנען, אַז דווקא איצט איז די צייט אַרויס־צורייסן די פאַרפוילטע ציינער, מיט וועלכע איר האָט געביסן אַנ־דערע און פון וועלכע איר האָט פון צייט צו צייט געליטן אומ־דערטרעגלעכע שמערצן אוןליידן״.

און ער פאַרענדיקט: „ברידער, דערוואַכט! הויבט־אָן אַ ניי לעבן!״ (אויף פּראָדוקטיווע יסודות לויטן פּלאַן פון זיין „גייסטלעך־ביבלישער ברידערשאַפט״).

די אויפרעגונג אין דער יידיש־רוסישער פּרעסע קעגן גאָר־דינס אויפרוף איז, קענטיק, ווייניקער געווען צוליב זיין אינהאַלט, ווי צוליב דער צייט — „אַ פּאָר חדשים נאָך דעם פּאָגראָם [אין יעליסאַוועטגראַד], בעתן רעש פון אַנדערע פּאָגראָמען״ — אין וועלכער ער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן. אהרן ליבערמאַנס אויפ־רוף, אין העברייאיש און רוסיש, „צו דער אינטעליגענטער יידישער יוגנט״ מיט פינף יאָר פריער (אויגוסט, 1876), איז געווען פיל שאַרפער געשריבן. ליבערמאַן האָט דאָרט אָפן באַשולדיקט די ריי־

כע יידן אין אַלע גזירות און פֿאַרפֿאָלגונגען אויף דעם יידישן פֿאָלק; זיי, די יידישע געלט־מענטשן, באַגייען פֿאַרברעכנס קעגן דער ניט־יידישער געזעלשאַפֿט, און די ברייטע יידישע מאַסן מוזן דער־פֿאַר שווער באַצאָלן.

ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז גאָרדין האָט געלייענט דעם דאָ־זיקן אויפֿרוף, מחמת ליבערמאַן דערמאָנט אין אַ בריוו פֿון אַנהויב 1877, אַז ער האָט אַנהענגער אין כערסאָנער גובערניע...

אויך דער יונגער ווינטשעווסקי האָט אַ געוויסע צייט (1878) כסדר אַטאַקירט די יידישע הענדלער, אַז זיי באַרויבן דעם ניט־יידישן פּויער (און צוליב אָט־די אַטאַקעס האָט די צאַרישע רעגי־רונג פֿאַרבאָטן דעם זשורנאַל „אספת חכמים", אין וועלכן ער האָט עס געשריבן).

דער אָנפֿאַל אויף גאָרדינען איז דעריבער געווען הויפּטזאַכ־לעך דערפֿאַר, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אָט־די ביטערע ווערטער צו זיין פֿאָלק אין דער צייט פֿון בלוטיקע פֿאַרפֿאָלגונגען. מאָריס ווינטשעווסקי, דערקענן, האָט דערקלערט, אַז גאָרדינס אויפֿרוף איז געווען אין פּלאַץ דווקא אין צייט פֿון סכנה, „ווען אַלע דער־קענען די געפֿערלעכע לאַגע און די נויטווענדיקייט צו זען עפּעס טאָן, אַז דאָס אומגליק זאָל זיך ניט ווידערהאָלן [איבערחזרן]". ווינטשעווסקי לויבט אויך גאָרדינען פֿאַר זיין אַרויסזאָגן אָט „די ריינע לויטערע וואָרהייט" דווקא אין דער רוסישער פּרעסע, ווייל אַזוינע ווערטער האָבן „נאָר געקאָנט האָבן אַ ווירקונג, קומענדיק דורך אַזאַ פֿאַרמיטלער, פֿון אַזאַ פּערזאָן, דורך אַ 'גויאישע' צייַ־טונג, פֿון אַ יידן, וועלכער זאָגט ניט 'ייד', זאָנדערן [נאָר] 'מיר' אַזוינע און אַזוינע... רעדן ביי זיך, אונטערן אויוון, ווען קיינער הערט ניט, וואָלט קיין שום זין ניט געהאָט".

די אָנגריפֿן אויף גאָרדינען אין דער יידיש־רוסישער און יידי־שער פּרעסע פֿאַרמערן זיך מיט דער באַנייאונג פֿון זיין „גייסטלעך־ביבלישער ברידערשאַפֿט" אין 1883, און איר לעגאַליזירונג אין 1885. די זעלביקע פּרעסע האָט אָבער שפּעטער גאָר אַנדערש אָפּ־געשאַצט גאָרדינס יידישע געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט אין די אַכציקער יאָרן. דער ציוניסטישער „ראַזסוויעט" פֿון יוני, 1909 האָט עס אויסגעדריקט אַזוי:

„מ'דאַרף האָבן אַ סך ריינקייט, אַ סך כאַראַקטער און זעלישן טאַקט צו ראַטעווען זיך פֿון אַ פֿאַלשן טריט, אין דער צייט פֿון

ביטערן קאַמף צווישן דער אַפּיקורסישער סעקטע [„די גייסטלעך־ביבלישע ברידערשאַפט״] און דער אַלטער ידישער קהילה... וועלכע האָט געזען אין די רעפאָרמערס אירע געפערלעכע שונאים. ניט אומזיסט האָבן די מענטשן, וואָס האָבן דעמאָלט געהאַט די מעגלעכקייט צו זען גאָרדינען נאָענט, באַשלאָסן, אַז ער איז אַ מאַן פון איבערצייגונג און אַן איידעלער מענטש״.

אַזוי האָט יעקב גאָרדין אויסגעהאַלטן גאַנצע צען יאָר (1881־1891) אַלע אַטאַקעס קעגן זיין פּערזאָן און קעגן זיין געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט. ערשט ווען די צאַרישע רעגירונג שטעלט אין געפאַר זיין גאַנצע עקזיסטענץ, מוז גאָרדין זיך אַנטשיידן צו פאַר־לאָזן זיין רוסישע היים.

יעקב גאָרדין פאַרלאָזט רוסלאַנד

די צאַרישע רעגירונג האָט געקוקט מיט חשד אויף יעדער נייער רעליגיעזער סעקטע אַפילו ביי יידן. ערשטנס, ווייל דאָס האָט זי דערמאָנט אָן אירע אייגענע סעקטאַנטן, די אָפטריניקע פון דער מלוכהשער פּראַוואָסלאַוונער קירך מיט דעם צאַר אַלס פּויפּסט. צווייטנס, ווייל זי האָט חושד געווען די גרינדער פון די יידישע סעקטעס אין געהיימער מיסיאָנערײַ פאַר דייטשישע און ענגלישע פּראָטעסטאַנטישע קירכן.

דער גרינדער פון „נייער ישראל" אין אָדעס, יעקב פּרילוקער, דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן זיינע אומזיסטע באַמיאונגען אין די העכסטע צאַרישע רעגירונגס־קרייזן אין פּעטערבורג צו לעגאַליזירן זיין סעקטע. צולעצט, זאָגט ער, האָט אַ גרויספירשט אים רעקאָמענדירט צו פּאָביעדאָנאָסצעוון, דעם דעמאָלט מעכטיקן פאָרזיצער פון דעם „הייליקן סינאָד". פּאָביעדאָנאָסצעוו האָט פריילוקערן דערקלערט פּראָסט און פּשוט: די פּראַוואָסלאַוונע קירך קאָן גאָרניט געווינען פון די נייע יידישע רעליגיעזע סעקטעס. פאַרקערט, עס איז דאָ אַ געפאַר, אַז די געווינער וועלן זיין אויסלענדישע פּראָטעסטאַנטישע מיסיאָנערן.

ווי אַן אָפּשרעקנדיקן ביישפּיל האָט פּאָביעדאָנאָסצעוו דערמאָנט יוסף ראַבינאָוויטשן פון קישינעוו, וועלכער האָט דאָרט געגרינדעט אַ נייע יידיש־קריסטלעכע סעקטע און זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַלס אַ משומד און אַ פּראָטעסטאַנטישער מיסיאָנער.

יעקב גאָרדין וואָלט דעריבער ניט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו לעגאַליזירן זיין „גייסטלעך־ביבלישע ברודערשאַפט" — אַפילו נאָר אויף אַ לאָקאַלן מאַסשטאַב, — אין יעליסאַוועטגראַד, ווען ניט די פריינטשאַפט צו אים פון דעם גובערנאַטאָר. ווי אַ ליבהאָבער פון גאָרדינס פעליעטאָנען, האָט דער דאָזיקער איינפלוסרייכער באַאַמ־

טער געשטיצט און באַשיצט יעקב גאָרדינען אי אַלס שרייבער און אי אַלס רעפאָרמאַטאָר.

אַדאַנק אָט־דער פּראַקטיקציע, איז גאָרדינס „גייסטלעך־ביב־לישע ברודערשאַפט" געווען לעגאַל אין יעליסאַוועטגראַד, ביז צו זיין אַוועקפאָרן פון דאָרטן. די „ביבלעיצעס", ווי אויך זייטיקע צו־הערער, פלעגן אומגעשטערט זיך פאַרזאַמלען אין זייער געבעט־הויז יעדן שבת נאָכמיטיק, וואו זייער „רבי", יעקב גאָרדין, פלעגט פאַר זיי האַלטן אַ „דרשה" אין רוסיש. זיין יעדע רעדע דאָרט איז געווען דורכגעדרונגען מיט מענטשן־ליבע און ליבע צו אמת און גערעכטיקייט. גלייכצייטיק האָט זי פאַראורטיילט האַנדל און עקס־פּלואַטאַציע און פאַרהערלעכט דאָס לעבן פון אייגענער פּראַצע, באַזונדערס פון ערד־אַרבעט.

גאָרדינס וואָרט האָט געהאַט געוויכט. די יונגע צוהערער האָבן געוואוסט, אַז ביי זייער עלטערן „ברודער" איז „ניט דער מדרש [דאָס רעדן] דער עיקר, נאָר די מעשה [דאָס טאָן]"; אַז ער איז דער ערשטער צו טאָן אַליין, וואָס ער פאָדערט פון אַנדערע. עס איז צווישן דער יעליסאַוועטגראַדער יוגנט געווען באַקאַנט פאָלגנדיקער עפּיזאָד פון גאָרדינס לעבן: דאָס לאַנד איז נאָך ניט באַרואיקט פון די פּאָגראָמען. דער יונגער ענטוזיאַסטישער רע־פאָרמאַטאָר לאָזט אַרויס זיין פלאַמענדיקן אויפרוף צו זיינע „ברי־דער יידן", זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון יעדער ניט־פּראָדוקטיווער באַ־שעפטיקונג און אַריבערגיין צו אַן ערלעכן פּויערים־לעבן. ער באַנוגנט זיך אויך ניט בלויז מיט זיינע ווערטער, נאָר הויבט אָן ענערגיש צו אַרבעטן פאַר דער גרינדונג פון אַ יידישן מוסטער־דאָרף. די צאַרישע רעגירונג דערלויבט אָבער ניט צו קויפן דעם באָדן. אויך די יידישע גבירים זאָגן זיך אָפּ צו שטיצן יידישע קאָלאָניזיר־אַרבעט פון זייער פּאָליאַקאָוו־פאָנד פאַר די פּאָגראָם־געליטענע. יעקב גאָרדין גייט דעמאָלט אַליין איבער צו ערד־אַרבעט. ער לעבט אַ פּאָר יאָר אין אַ דאָרף אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, כדי צו באַווייזן אייגענע און פרעמדע, אַז יידן קאָנען איבערגיין צו לאַנדווירטשאַפט; זיי דאַרפן נאָר קריגן די נויטיקע באַדינגונגען דערצו.

די און אַנדערע ענלעכע געשעענישן פון יעקב גאָרדינס לעבן האָבן באַוועגט די יעליסאַוועטגראַדער יידישע יוגנט צו קומען אין מאַסן יעדן שבת נאָכמיטיק אים צו הערן רעדן. עס פלעגן קומען

ניט בלויז די זין פון אָרעמע בעלי־מלאכות, נאָר אויך זין פון רייכע סוחרים. זיינע אויפריכטיקע ווערטער האָבן דערהויבן, פאַר־אײדלט און פאַרגייסטיקט זיינע יונגע צוהערער. זיי האָבן זיך באַ־צויגן אײנע צו די אַנדערע עכט ברידערלעך. אים, זייער „עלטסטן ברודער", האָבן זיי באַטראַכט פאַר זייער נביא, רבי און וועג־ווייזער.

פאַר דער צאַרישער רעגירונג איז, נאַטירלעך, אַזאַ טעטיקייט געווען גאָר פאַרדעכטיק. זי האָט מיט רעכט חושד געווען גאָר־דינען אין קעגנערשאַפט צו איר דעספּאָטישן רעזשים. די צאַרישע געהיים־פּאָליציי האָט דערפאַר תמיד „געהאַט אויף אים אַן אויג". באַזונדערס זינט 1889, ווען ער העלפט גרינדן אַ קאָלאָניע פון רוסישע טאָלסטאָיאַנער, און איר טעטיקייט ווערט פאַרבאָטן. די צענזור ווערט פון דעמאָלט אָן זייער שטרענג צו אים. זי פאַר־טיפט זיך אין יעדן וואָרט פון זיינע סאַטירישע און אַלעגאָרישע פעליעטאָנען — זי לייענט אים כסדר „צווישן די שורות", פאַר־דעכטיקט זיינע רמזים און סימבאָלן און פסלט אַלץ, וואָס ער שרייבט־אויף. ער מוז דעמאָלט כסדר אויסטראַכטן נייע פסעוו־דאָנימען, דער צענזאָר זאָל ניט וויסן, ווער דער פאַרפאַסער איז. גאָרדין שרייבט דעמאָלט אונטער די נעמען: אלפי, קאָלאָווראַט א. א.; נאָר ניט אַלעמאָל געלינגט אים זיך אויסצובאַהאַלטן פון דעם צענזאָרס פאַרשנדיקן אויג.

באַזונדערס ווערט גאָרדינס לעבן אומדערטרעגלעך נאָכדעם, ווי ער פאַרלירט זיין איינפלוסרייכן באַשיצער. דער נייער גו־בערנאַטאָר איז אים ניט בלויז קיין פריינט, נאָר ער פּלאַנט נאָך אים איינגאַנצן צו פאַרניכטן. הויכע באַאַמטערס, פריינט פון דעם פריערדיקן גובערנאַטאָר, וואָרענען גאָרדינען אין צייט, און עס געלינגט אים צו פאַרלאָזן יעליסאַוועטגראַד איידער ער ווערט אַרעסטירט. ווען די פּאָליציי קומט צו אים מאַכן אַ הויז־זוכונג, איז שוין גאָרדין אויף יענער זייט גרענעץ, אויפן וועג קיין אַמע־ריקע.

* * *

אַ קעגנער פון יידישער אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד נאָך די פּאָגראָמען פון 1881, ווערט יעקב גאָרדין צען יאָר שפּעטער אַליין געצוואונגען צו גיין מיטן שטראָם פון דער יידישער עמיגראַציע

קיין אַמעריקע. ער מאַכט אָבער דערפון ניט קיין אידעאַל, ווי די פּאַלקיסטיש־סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַליסטישע עם־עולמניקעס פון די אַכציקער יאָרן. פונדעסטוועגן גלויבט ער, אַז אין אַמעריקע וועט אים מעגלעך געלינגען צו פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן פון אַ יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער מוטער־קאָלאָניע אויף די סאָציאַל־עטישע יסודות פון זיין „גייסטלעך־ביבלישער ברידערשאַפט".

אָט־די אילוזיע העלפט אים צו פאַרטרייבן פון זיך אומעט און עצבות. זי שטאַרקט און דערמוטיקט אים און דערלאָזט ניט, אַז דער באַלד פערציק־יאָריקער רעפאָרמאַטאָר זאָל פאַרצווייפלען איבער דעם חורבן פון זיין „בית המקדש".

זייער שווער איז געווען גאָרדינען צו צעשיידן זיך מיט זיין געבורטס־לאַנד, צו וועלכן ער איז געווען צוגעבונדן מיט אומ־ציילבאַרע פעדים. אַן אָפּקלאַנג פון זיין טיפן צער און שווערן פיין אויף זיין רייזע פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע, געפינט זיך אין זיין דערמאָנטער פאַנטאַזיע — „די שווימענדע טרונע". יעקב גאָר־דין שילדערט דאָרט דאָס לעבן און אומקום פון אַ רעוואָלוציאָנערן רוסישן יידן: אָט־דער באַגייסטערטער אידעאַליסט, ווי גאָרדין שילדערט אים, טראָגט לייכט אַריבער אַלע יסורים און פייניקונגען, מיט וועלכע די צאַרישע רעגירונג באַלוינט אים פאַר זיין פלאַמענ־דיקער ליבע צום רוסישן פאָלק און צום רוסישן לאַנד. ער טראָגט אויך מיט געדולד זיין נויט און אָרעמקייט, ווען ס'ווערן פאַר אים פאַרמאַכט אַלע לעבנס־מעגלעכקייטן: זיין אַ לערער איז אים ניט דערלויבט; שרייבן אין אַ צייטונג שטערט אים די צענזור — זיין געדולד פּלאַצט אָבער, ווען זיין ניט־יידישע סביבה ווערט פאַר־סמט פון דעם אַנטיסעמיטיזם, ווען ער ווערט אַרומגערינגלט מיט אַ וואַנט פון שנאה. ער ווערט דערקלערט פאַר אַ „פרעמדן" און נאָך פאַר אַ „פּאַראַזיט" דערצו. קעגן זיין ווילן מוז ער דעמאָלט פאַרלאָזן זיין געליבטע היים — דאָס לאַנד פון זיינע שיינע חלומות און העראָאישע מעשים. דער צער איבער זיין חרוב־געוואָרענער וועלט, דער ווייטיק און די שאַנד איבער דער געפאַלנקייט פונעם מענטשן ברעכן זיין האַרץ. ער שטאַרבט אויפן שיף. אַ טרונע מיט זיין קערפּער ווערט אַראָפּגעלאָזן אין ים אַריין און זי טראָגט זיך אָן אַ ציל איבער די כוואַליעס...

* * *

יעקב גאָרדין קומט־אָן אין אַמעריקע דעם 31טן יולי, 1891. ער ווערט באַגעגנט מיט ליבשאַפט און רעספּעקט פון זיינע פריער איינגעוואַנדערטע „ביבלישע ברידער״, ווי אויך פון זיינע יעלי־סאַוועטגראַדער לאַנדסלייט בכלל. זיי זיינען אָבער צו אָרעם אים צו העלפן שאַפן די מיטלען אויסצוהאַלטן זיין גרויס הויז־געזינד.

עס הויבן זיך אָן פאַר אים שווערע טעג פון ביטערער נויט. ער געפינט אויך גיך אויס, אַז אַלע זיינע פלענער וועגן יידישע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס זיינען שוין אויסגעפּרואווט געוואָרן אין אַמעריקע, אין די אַכציקער יאָרן, און — דורכגעפאַלן. אַדאַנק אָבער זיין אויסערגעווייגלעכן מוט און זיין שפּרודלדיקער ענערגיע, און דער עיקר, — די אידעאַלע יידישע ראַדיקאַלע סביבה, וואָס ער געפינט אין אַמעריקע — געלינגט גאָרדינען ביסלעכווייז זיך איינצואָרדענען אינעם נייעם לאַנד און ווערן אַ מעכטיקע שאַפנדיקע קראַפט אינעם יידישן לעבן.

די ערשטע טריט אין אַמעריקע

1

אין זיין אומגליק צו ווערן היימלאָז, האָט יעקב גאָרדין געהאַט דאָס גליק אָנצוקומען אין אַמעריקע נאָכדעם, ווי מאַסן יידן זיינען שוין געווען פּראָלעטאַריזירט, אַמעריקאַניזירט און ראַדיקאַליזירט.

אינעם סוף פון די זעכציקער יאָרן האָט דער ערשטער רעדאַקטאָר פון אַן אַמעריקאַנער צייטונג אין יידיש, דער פיין-פילנדיקער אינטעליגענט צבי גרשוני (העברי גערסאָני) געמוזט זוכן חיונה צווישן די כלי-קודש. אַרום צען יאָר שפּעטער, ביים סוף פון די זיבעציקער יאָרן, האָט דער ענערגישער ערשטער פּראָפּאַגאַנדיסט פון סאָציאַליזם צווישן יידן, אהרן ליבערמאַן, ניט געקאָנט געפינען וואָס צו טאָן צווישן די יידן אין אַמעריקע און געמוזט פריצייטיק אָנטלויפן פונעם לעבן... אויך אין די אַכציקער יאָרן האָבן די פּיאָנערישע בויער און שאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור געמוזט אויסברענגען זייער בלוט און מאַרך אויף שווערער פיזישער אַרבעט: מאָריס ראָזענפעלד האָט געאַרבעט מיטן פּרעסאייזן פופצן שעה אין מעת-לעת; דוד עדעלשטאַט און אַ ריי אַנדערע טאַלאַנטפולע יידישע יונגעלייט האָבן פאַרלאָרן זייער געזונט און לעבן אינעם סוועט-שאַפּ.

גאָר אַנדערש איז שוין געווען די לאַגע אין אַמעריקע אינעם זומער 1891, ווען יעקב גאָרדין קומט-אָן. ער געפינט אַ ניי יידיש לעבן, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט אינעם פאַרלויף פון דער טויזנטער יאָר אַלטער יידישער געשיכטע. יעקב גאָרדין דערזעט פאַר זיך אַן אינדוסטריעלע יידישע אַרבעטערשאַפט, אָרגאַניזירט אין טרעיד-יוניאָנס און אין פאַרשידענע סאָציאַל-פּאָליטישע פּאַרטייען.

אָט-דער נייער ייד, דער מער-ווייניקער אויפגעקלערטער אַר־

גאָניזירטער יידישער פאַבריק־אַרבעטער, איז אויך געווען דער יסוד פון אַ נייעם מאָדערנעם יידישן לייענער־קרייז. די יידישע אַרבעטער־פּרעסע האָט שוין געהאַט אַנטוויקלט אַ ריי פּובליציסטן (פיליפּ קראַנץ, הלל זאָלאָטאַראָוו, בנימין פייגענבוים, מיכאל קאָן א. אז. וו.). זי האָט שוין אויך געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ נייער רעוואָלוציאָנערער בעלעטריסטיק אין יידיש (די שאַפונגען פון מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַט א. א.) און אויך פאַרעפנטלעכט איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַ־טור (באַיראָן, געטע, דיומא, הוגאָ, הוד, היינע, זאָלאַ, טורגעניעוו, טשערנישעווסקי א. א.). זי האָט אויך געגרינדעט מאַסן קלובן און פאַראיינען צו פאַרשפּרייטן בילדונג, דורכצופירן לעקציעס איבער נאַטורוויסנשאַפט, פילאָסאָפיע, געשיכטע, קונסט.

די זשורנאַליסטיק און די שיינע ליטעראַטור, די רעדעס און די לעקציעס פאַר די יידישע אַרבעטער־מאַסן זיינען אַלע אָן אויס־נאַם געווען דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלע אידעאַלן. די יידישע איבערוואַנדערונג פון דעם האַלב־פעאָדאַלן מיטלאַלטערלעכן שטעטל פון מזרח־אייראָפּע צו די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריעלע צענטערס פון אַמעריקע איז געווען אַ סאָציאַלע איבערקערעניש פון אומגעהויער רעוואָלוציאָנערער באַדייטונג. יעקב גאָרדין האָט פאַר זיך דערזען אַ ניי יידיש פאָלק, וואָס האָט אַריבערגעשטיגן זיינע שענסטע פאַנטאַזיעס פון אַ באַנייטן יידישן לעבן. אַנשטאָט זיין פאַרלאָרענע קליינע סעקטע, די „גייסטלעך־ביבלישע ברודערשאַפט" אין יעליסאַוועטגראַד, האָט ער געפונען אין ניו־יאָרק אַ ברייט־פאַר־צווייגטע מאָדערנע יידישע טרעיד־יוניאָניסטישע (געווערקשאַפט־לעכע) און סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס איז אַ טייל פון אַן אַל־אַמעריקאַנישער און פון אַן אַלוועלטלעכער, אַלמענטשלעכער ברו־דערשאַפט.

ניט געקוקט דערפאַר אויף דער דריקנדיקער אָרעמקייט, אין וועלכער ער האָט דעמאָלט געלעבט, וואַרפט זיך אַריין יעקב גאָרדין מיט אַלע זיינע כוחות אין אָט־דעם נייעם לעבן פון די יידישע מאַסן. ער הויבט־אָן שווער אַרבעטן זיך איבערצובויען אויף אַ שרייבער אין יידיש. מעגלעך, אַז ער איז דערצו דערמוטיקט געוואָרן פון דעם רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „אַרבייטער צייטונג", פיליפּ קראַנץ, וועלכער האָט מיט אַ זעקס־זיבן יאָר פריער (זייענדיק אַ רוסישער שריפטשטעלער, וועמעס

שפּראַך איז געווען רוסיש) אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין אַ יידישער צייטונג (אין ווינטשעווסקיס „דער פּוילישער אידעל"). ס'קאָן זיין, אַז קראַנץ האָט אים אויך פאָרגעשלאָגן די ערשטע טעמע, אַ בריוו פון רוסלאַנד, וואָס איז ענלעך צו דער טעמע, מיט וועלכער קראַנץ אַליין האָט אָנגעהויבן שרייבן אין יידיש.

יעקב גאָרדינס ערשטע זשורנאַליסטישע אַרבעט אין יידיש איז געווען וועגן דעם דריי־טאָגיקן פּאָגראָם אין יעליסאַוועטגראַד אין אַפּריל, 1881 — כלומרשט אַן אויסצוג פון אַ בריוו, אונטער־געשריבן „יעקב בן מיכל" („אַרבייטער צייטונג" פון 21טן אוי־גוסט, 1891). צוויי וואָכן שפּעטער, דעם 4טן סעפּטעמבער, דער־שיינט שוין דאָרט אונטער גאָרדינס פולן נאָמען דאָס בילד „די אַבלאַווע" — „אויס דעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד". דאָס איז אַ רעאַליסטישע שילדערונג פון אַ פּאָליציייאישן איבערפאַל אויף אַ הויז אין קיעוו, אויסצוגעפינען, באַשטראָפן און אַרויסשיקן פון דאָרטן די יידן, וואָס האָבן אונטערן צאַרישן רעזשים ניט געהאַט קיין רעכט צו וואוינען אין קיעוו.

גרויס אויפזען האָט געמאַכט אַ וואָך שפּעטער, דעם 11טן סעפּטעמבער, גאָרדינס הומאָריסטישע דערציילונג „פּאַנטאָלע פאַלגע פאַרן בית דין של מעלה", וואָס האָט מעגלעך באַווירקט פּרצן צו שרייבן זיין „באָנציע שווייג". יעקב גאָרדין שילדערט דאָרטן, ווי אַזוי אַן אָרעמער יידישער שניידער איז געווען גרייט נאָך זיין טויט צו גיין אין גיהנום. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס קומט אים פאַר ניט אָפּהיטן גענוג יידישקייט. אויסהערנדיק אָבער זיין ביי־טער לעבן, זיין אויסגעזויגט־ווערן פון די באַלעבאַטים און זיינע שווערע ליידן, באַשליסט דער בית־דין של מעלה, אַז פּאַנטאָלע פאַלגע (דער שניידער) איז שוין אָפּגעקומען אַ שוידערלעכן גיהנום אויף דער ערד און דאַרף איצט גיין גלייך אין גן־עדן אַריין.

אונטער דער דאָזיקער דערציילונג איז געווען אַן אָנמערקונג, אַז מאָגולעסקאָ, דעמאָלט דער באַדייטנדיקסטער קאָמיקער פון דער יידישער בינע, האָט באַאַרבעט די גאַנצע דערציילונג און וועט מיט אַ טייל דערפון אויפטרעטן דעם 14טן סעפּטעמבער אויף דעם בע־נעפיס פון דעם געפּלאַנטן זשורנאַל „צוקונפט" (אָנגעהויבן דער־שיינען 1892, אונטער דער רעדאַקציע פון פיליפ קראַנץ). שפּע־טער אָבער איז געווען אָנאָנסירט, אַז די דאָזיקע דערציילונג איז געוואָרן „באַאַרבעט פאַר דער בינע פון אַרטיסט מאַרקס". רודאָלף

מאַרקס איז מיט דעם אויפגעטראָטן צום ערשטן מאָל דעם 26טן נאָוועמבער 1891, ביי דער „בענעפיט־פאָרשטעלונג" פאַר דער „אַרבייטער צייטונג". ער פלעגט נאָכדעם פאָרשפּילן דעם דאָזיקן מאָנאָלאָג ביי פאַרשידענע אַנדערע אונטערנעמונגען פון דער יידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג, בפרט אויף די זונטיק־קאָנצערטן אין ניו־יאָרק און סביבה.

אַ גרעסערע אַרבעט גאָרדינס, „ווי אַזוי איך האָב געכאַפּט דעם [דאָס] גליק פאַרן עק" — „אַ סיפור המעשה פון אַ רוסישן יידן", איז געגאַנגען אין זעקס נומערן „אַרבייטער צייטונג" (פון 9טן אָקטאָבער ביזן 13טן נאָוועמבער 1891). דאָרט האָט גאָרדין גע־שילדערט אויף אַ הומאָריסטישן אופן זיין רייזע קיין אַמעריקע, זיינע אילוזיעס פון די אַמעריקאַנער גליקן און ווי אַזוי זיי ווערן איינע נאָך די אַנדערע צערונען.

2

קוים אָפּגעוועזן פיר חדשים אין נייעם לאַנד, הויבט־אָן גאָרדין צו שרייבן אויך בילדער פונעם יידישן לעבן אין אַמעריקע: „אַ שווערע וואָך" („אַרבייטער צייטונג" פון 4טן דעצעמבער), אַן עפּי־זאָד פון דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און „די נסיונות פון יוקל קאַזיראָק אָדער [פון] דער אַנטוויקלונג [פון] דער ציוויליזאַציאָן", אַ הומאָריסטישע דערציילונג, וואָס ווייזט, אַז גאָרדין האָט זיך שוין מער־ווייניקער באַקענט מיט דעם פּיל־פאַרביקן לעבן פון די פאַרשידנאַרטיקע יידישע שיכטן אינעם נייעם לאַנד. הויפּטזעכלעך אָבער שרייבט יעקב גאָרדין, אין זיין ערשטן האַלב־יאָר אין אַמעריקע, פונעם לעבן אין דער אַלטער היים, וואָס איז אים מער באַקאַנט. ער פאַרענדיקט דאָס יאָר 1891 מיט אַ גרעסער ווערק: „די [דאָס] צעבראָכענע האַרץ" — „אַ ראָמאַן פון דעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד", וואָס איז דערשינען אין פאַר־זעצונגען אין „די אַרבייטער צייטונג".

זיין אָפטער שרייבן אין דער „אַרבייטער צייטונג" האָט אָבער גאָרדינען ווייניק געהאָלפן אויסצוהאַלטן זיין גרויס הויזגעזינד. אין יענע יאָרן האָבן בכלל די יידישע צייטונגען אין אַמעריקע ווייניק, אָדער גאָרניט געצאָלט זייערע דרויסנדיקע מיטאַרבעטער. נאָך קלענער זיינען, נאַטירלעך, געווען די צאָלונגען צו שרייבער אין

דער אָרעמער סאָציאַליסטישער „אַרבייטער צייטונג“, וואו גאָרדין האָט מיטגעאַרבעט. ער האָט דעריבער, אויף דער עצה פון פיליפּ קראַנץ, דעם רעדאַקטאָר פון דער „אַרבייטער צייטונג“, זיך דערנענטערט צו דער יידישער בינע, ווי אַ דראַמען־שרייבער. אַ געוויסע צייט נעמט ער זיך אויך אונטער צו שפּילן אויף דער בינע אין זיינער אַ פּיעסע (דעם „פּריסטאַוו“ אין „דער פּאָגראָם אין רוסלאַנד“). דאָך איז זיין מאַטעריעלע לאַגע נאָך אַ היפּשע צייט געווען זייער אַ שווערע. דעם 22טן יאַנואַר 1892 האָט ער אָפּגעדרוקט אין דער „אַרבייטער צייטונג“ אַן „עפנטלעכע באַדאַנקונג“ צו די גענאָסן פאַר דעם בענעפיס, וואָס זיי האָבן פאַר אים דורכגעפירט. ער זוכט אויך צו פאַרגרעסערן זיין איינקונפט דורך שרייבן רוסיש, און ווערט רעדאַקטאָר פון אַ רוסישער וועכנטלעכער צייטונג „רוסקיא נאָוואָסטי“ (רוסישע נייעס — פון איר „צווייטן יאָרגאַנג“, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם ערשטן יאַנואַר 1893).

די „רוסקיא נאָוואָסטי“ האָט זיך אַנאָנסירט, ווי „די איינציקע רוסישע וועכנטלעכע צייטונג אין דער מדינה“. איר ערשטער אַרויסגעבער, און אַ געוויסע צייט אויך מיטרעדאַקטאָר, איז געווען געאָרג מ. פּרייס, דער פּראָפעסאָר פון אַ בראָשור איבער אַמעריקע, וואָס איז אָנהויב די 90קער יאָרן געווען פאַרשפּרייט (אין אַ יידישער איבערזעצונג) אויך אין מזרח־אייראָפּע. אַ צוויי חדשים שפּעטער איז די „רוסקיא נאָוואָסטי“ איבערגעגאַנגען צום טרויעריק־באַרימטן פאַרלעגער א. מ. עוואַלענקאָ, דער גרינדער פון דעם פאַרלאַג „איבטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק“, וואָס האָט אַרויסגעגעבן ווערק פון ראָזענפעלד, יהואש, פּרץ, גאָרדין א. א. די צייטונג איז אַרויס יעדן זונטיק און געקאָסט דריי סענט. לעצטער אַדרעס פון דער רעדאַקציע און דער פאַרוואַלטונג איז געווען: 204 איסט בראָדוויי).

יעקב גאָרדין האָט כמעט אַליין אויסגעפילט די גאַנצע צייטונג. אַחוץ זיין אייגענעם נאָמען, האָט ער באַנוצט אַרום אַ טוץ פּסעוודאָנימען: גאָרדענקע (פאַרן אָפּטייל „פאַר דער וואָך“), יאַן (פאַר נאָטיצן וועגן קונסט), יאַנקל מיכעלעוויטש, מיכאַילאָוו און אַנדערע. ער האָט געשריבן אַרטיקלען, נאָטיצן, פעליעטאָנען, סקיצן, עטיודן, סילועטן, א. דגל., אַ לענגערע אַרבעט מיט אַן איבערשריפט אין ענגליש “With Tolstoy in the Russian Famine” („מיט טאָלסטאָיען אינעם רוסישן הונגער“), און אַן איבערזעצונג פון ערנסט רענאַנס

„די געשיכטע פונעם יידישן פאָלק״. די אַנדערע צופעליקע מיט־אַרבעטער אין דער צייטונג זיינען געווען: גודיס (איין מאָל), פ. [פעליקס] וואָלכאָווסקי (מעגלעך אַן איבערדרוק) און מאַריע האָל־פערין (צוויי סקיצן). לויט אַן אָנאָנס אין דער צייטונג, איז צו אירער אַן אונטערנעמונג אינעם טאַליאַ־טעאַטער אויפגעפירט גע־וואָרן גאָרדינס פיעסע „דער פאָגראָם״ [„דער פאָגראָם אין רוס־לאַנד״]. גאָרדין האָט אויך פאָרגעלייענט זיינע אַ הומאָריסטישע דערציילונג. (אַנדערע קרעפטן ביי דער אונטערנעמונג זיינען געווען: אַן אוקראַיִנישער כאָר, אַ פידלשפּילער, דער רוסישער אַרכיטעקט סטאָלעשניקאָוו מיט אַ דעקלאַמאַציע, און צוויי רעדנער: דר. איב־גערמאַן און דעבאַגאַדיאַ מאַרקייעוויטש). דערביי איז געווען באַ־מערקט, אַז די פונעם פובליקום, וואָס ווילן „אַרויסזאָגן זייערע סימפּאַטיעס, קאָנען זיי עס צו וויסן געבן דורך בריוו״.

אין איינעם פון די לעצטע נומערן פון דער צייטונג איז גע־וועזן אַן אַפּיל פון אַ רב (ד. פּרייס), צו עפענען אין אַלע טיילן שטאָט קיכן פאַר דער אָרעמשאַפט, וואו מ׳גיט אַרויס „פּראָסטע, אָבער גע־זונטע שפּייז״ צו אַלעמען, „אָן אונטערשיד פון רעליגיע און נאַציע״.

דער 37טער נומער (דעם 3טן סעפּטעמבער 1893) פון גאָר־דינס „רוסקיא נאָוואָסטי״ איז געווען דער לעצטער. אין דער רע־דאַקציאָנעלער דערקלערונג וועגן איר אונטערגאַנג האָט יעקב גאָרדין ניט געוואָלט צוגעבן, אַז דאָס איז מחמת דעם, וואָס אירע געשעפטן גייען שלעכט, „ווייל זי איז דאָך ניט געגרינדעט געוואָרן צוליב געשעפטן״... דאָך קלינגען דאָרט זיינע ווערטער עלעגיש. די דערקלערונג (קאַפּירט פאַר מיר פון דעם נאָוועליסט חיים פּעט) לייענט זיך טיילווייז אַזוי:

„ווען אייגענע און נאָענטע גיבן צו וויסן דעם עולם וועגן דעם טויט פון זייערן אַ ליבן מענטשן, הויבן זיי אָן מיט די ווערטער: ׳מיט טיפן טרויער גיבן מיר אייך צו וויסן׳... אָבער דאָסמאָל איז אויסגעפאַלן אויף אונדזער גורל אייך צו דערציילן וועגן דעם טויט פון אונדזער ליבסטן קינד, פון אונדזער צייטונג. [כמעט] ניין מאָנאַטן האָט אונדזער קינד געלעבט, זיך ראַנגלענדיק מיטן טויט, דערמוטיגנדיק אונדז מיט גוטע האָפענונגען. איצט איז עס גע־צוואונגען געווען זיך אַריבערצוקלייבן אין יענער פאַרבאָרגענער וועלט״...

מיט דעם אונטערגאַנג פון דער „רוסקיא נאָוואָסטי״ האָט גאָר־

דין קענטיק אויפגעגעבן יעדע האָפענונג אויף זיין רוסישער שריפט־שטעלעריי אין אַמעריקע. די איינגעוואַנדערטע יידישע מאַסן פון רוסלאַנד האָבן, מיט ווייניק אויסנאַמען, גערעדט און געלייענט אין יידיש. ווער ס׳האָט זיי געוואָלט באַווירקן, לערנען און אויפקלערן, האָט עס געמוזט טאָן אין זייער מאַמע־לשון. און יעקב גאָרדין גיט־אָפּ פון דעמאָלט־אָן זיין גאַנצע ענערגיע צו שרייבן און רעדן צו די יידישע מאַסן אין זייער אייגענער שפּראַך.*)

*) אין בורגינס „געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג״ (ניו־יאָרק, 1915, זייט 321), ווערט דערציילט, אַז אין 1891, ס׳מיינט נאָענט נאָך זיין אָנקום אין אַמעריקע, האָט יעקב גאָרדין, צוזאַמען מיט יצחק אייזיק הורוויטש, אַרויסגעגעבן אַ צייטונג מיטן נאָמען „פּראָגרעס״. ס׳ווערן אָבער ניט אָנגעגעבן קיין גענויע דאַטעס, ווען און ווי לאַנג אָט־די צייטונג איז דער־שינען. ס׳ווערט אויך גאָרנישט געזאָגט וועגן איר אינהאַלט. ניט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען, איז מיר ביז איצט ניט געלונגען אויסצוגעפינען אַזאַ צייטונג, אָדער אַ באַשרייבונג וועגן איר.

יעקב גאָרדינס אָנהויב אַלס דראַמאַטורג

אין רוסלאַנד האָט יעקב גאָרדין ווייניק געוואוסט פון יידיש טעאַטער. מעגלעך, אַז ער האָט אַמאָל געהערט וועגן גאָלדפאַדען, ליערנער און שמ״ר, וועלכע האָבן געפירט אייגענע יידישע טעאַטערס. ס׳קאָן אויך זיין, אַז ס׳האָט צו אים וועגן דער־גרייכט אַ קלאַנג פון אַ יידישער פיעסע, אָדער אַ טעאַטער־קופּ־לעט (אין אַפּריל, 1881 *) האָט אַ יידישע טרופּע, צו וועלכער ס׳האָט אויך געהערט יעקב פּ. אַדלער, געשפּילט „שמענדריק״ אין יעלי־סאַוועטגראַד, וואו גאָרדין איז דעמאָלט געווען טעטיק מיט זיין „גייסטלעך־ביבלישער ברודערשאַפט״). קיין נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיטן יידישן טעאַטער האָט אָבער גאָרדין נישט געהאַט. די יידי־שע בינע אין אַמעריקע איז פאַר אים געווען אַ נייע דערשיינונג.

זיין ערשטער באַזוך אינעם אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער האָט גאָרדינען געבראַכט ווייניק פרייד. ער דערציילט, אַז אַלץ, וואָס ער האָט דאָרט „געהערט און געזען״, איז געווען „וויט פונעם יידישן לעבן, גראָב, אומעסטעטיש, פאַלש, געמיין און פאַרדאָרבן״. אַ פיל בעסערן איינדרוק האָבן אויף אים געמאַכט די יידישע אַקט־יאָרן אויסערן טעאַטער. „ביי אייניקע פון זיי״ האָט ער „געזען אויגן, דורך וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעזען דער פונק פון טאַ־לאַנט״. אויף זייערע פּנימער האָט ער געזען דעם „אויסדרוק פון אינטעלעקט, געדאַנק״.

וועגן דעם ערשטן איינדרוק, וואָס גאָרדין האָט געמאַכט אויף די יידישע אַקטיאָרן, דערציילט באָריס טאָמאַשעווסקי: אין אַ „גע־וויסן״ קעלער, אַ קאַפע, וואו אַקטיאָרן פלעגן נאָכן שפּילן „טרינקען

---

*) ווייזט־אויס, אין דער ערשטער העלפט פון חודש, איידער ס׳ברעכט־אויס דער פּאָגראָם פון 15טן—17טן אַפּריל.

טיי און פאַרבייסן מיט דומע וויצן", זיינען געזעסן די שפּילער פון יאָזעף לאַטיינערס אַ „ליטעראַרישער" דראַמע („גלות רוסלאַנד" — „פול נאַרישקייטן און עפעקטן, וואָס קאָנען געפעלן קליינע קינדער"). מיטאַמאָל קומט אַריין „אַ שיינער ייד מיט אַ גרויסע[ר] שיינע[ר] באָרד, מיט אים אַ צוויי יידישע אַקטיאָרן פון דער אַנדער[ער] פּאַרטיע [אַדלערס טרופּע], זעצן זיך ביי אַ טישל, באַשטעלן טיי". דער שיינער ייד „קוקט אויף זיי מיט זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן. ער נעמט זיי דורך. ער ציט אויף זיך אַ געוואַלטיקן רעספּעקט". מ'שטעלט זיי פאָר: „הער יאַקאָוו גאָרדין און הער..."

— אַרטיסטן? — פרעגט גאָרדין — יידישע אַרטיסטן... פרייט מיך.

די אַקטיאָרן דערוויסן זיך, אַז דאָס איז „אַ נייער שרייבער פון רוסלאַנד". לאַטיינער באַמערקט מיט אַ שמייכל: „אַ באָרד האָט ער אַ שיינע". קיינער פון זיי האָט זיך אָבער דעמאָלט ניט פאָרגעשטעלט, אַז אָט־דער „נייער שרייבער" וועט באַלד אָנהויבן שרייבן פאַר דעם יידישן טעאַטער און ווערן זיין רעפאָרמאַטאָר.

* * *

ווי שוין דערמאָנט, האָט פיליפ קראַנץ געזוכט צו דערנענטערן גאָרדינען צו דער יידישער בינע צוליב מאַטעריעלע מאָטיוון. ער האָט אים דעריבער באַקענט מיט אַדלערן און מאָגולעסקאָן. קראַנץ האָט, אַפנים, זיי דערציילט, אָדער פאָרגעלייענט פונעם מאַנוסקריפּט גאָרדינס נאָך ניט־געדרוקטע הומאָריסטישע דערציילונג „פאַנטאַלע פאַלגע פאַרן בית־דין של מעלה"; און מאָגולעסקאָ, אַ באַגייסטערטער, האָט דעמאָלט פאָרגעשלאָגן זי צו באַאַרבעטן און פאָרטראָגן אויף דער בינע. יעקב אַדלער, אַן אָדעסער רוסיש־רעדער, האָט, ווי די גאַנצע יידישע רוסיש־רעדנדיקע געזעלשאַפטלעכקייט אין ניו־יאָרק, געהאַט גרויס רעספּעקט פאַרן פאָלקאָמענעם רוסישן אינטעליגענט „יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש". אַדלער איז דעריבער אויך געווען דער ערשטער אָנצובאָטן גאָרדינען צו שרייבן אַ פּיעסע פאַר דער יידישער בינע.

לויט ווי אַדלער דערציילט, האָט ער זיך דעמאָלט געטראָפן מיט גאָרדינען אין „אַ ווייַן־קעלער אויף דער איסט־סייד, וואו די דעמאָלטיקע גאַנצע יידישע אינטעליגענץ פלעגט קומען". ער האָט זיך געוויטיקט אין אַ פּיעסע און אַ פרעג געטאָן גאָרדינען, צי ער

וואָלט פאַר אים „אָנגעשריבן" אַ פּיעסע. געמיינט האָט אָבער אַדלער, אַז דער חשובער רוסישער שרייבער זאָל פאַר אים פון אַ דייטשישער דראַמע „מאַכן" אַ יידישע פּיעסע... אַדלער האָט אים דערביי טאַקע דערלאַנגט אַ דייטשישע דראַמע. גאָרדין האָט מיט „אַ פיינעם זשעסט" צוריקגעקערט אַדלערן דאָס דייטשישע ביכל און געענטפערט:

— ניין, אויב שרייבן אַ פּיעסע, וועל איך שרייבן אַ יידישע פּיעסע, ניט קיין דייטשישע פּיעסע מיט יידישע נעמען.

גאָרדין האָט דעמאָלט געהאַט ביי זיך אַ רוסישע צייטונג, אין וועלכער ער האָט געלייענט „אַ געשיכטע פון איינעם, וואָס מען האָט פאַרשיקט קיין סיביר. ער איז פון דאָרט אַנטלאָפן און מ'האָט אים צוריקגעקערט". זאָגט גאָרדין צו אַדלערן: „אָט־דאָ האָט איר אַ סוזשעט פאַר אַ פּיעסע". און „אַזוי איז געבוירן געוואָרן די פּיעסע 'סיביריא', פאַר וועלכער גאָרדין האָט באַקומען 100 דאָלאַר" (ציטירט לויט זילבערצווייג־מעסטלס „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער").

„סיביריא" („אַ לעבנסבילד אין פיר אַקטן מיט אַ פּראָלאָג") איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן פריטיק, דעם ערשטן (לויטן „לעקסיקאָן" — דעם דרייצנטן) נאָוועמבער, 1891, מיט פאָלגנדיקע שוישפּילער: יעקב אדלער, סערע אַדלער, לעאָן בלאַנק, צעזאַר גרינבערג, זיגמונד מאָגולעסקאָ, פאולינע עדעלשטיין, דינע פיינמאַן, זיגמונד פיינמאַן און דוד קעסלער. איר אינהאַלט איז געווען אַזוי: דער יונגער רובין קאָן ווערט פאַר עפּעס אַ זינד פאַרשיקט קיין סיביר. ער אַנטלויפט פון וועג, באַזעצט זיך מיט זיין ווייב און קינדער אין אַ פרעמדער שטאָט אונטערן נאָמען ראָזענקראַנץ. ס'גליקט אים אָפּ און ער „עלטערט זיך אין כבוד". זיין קאָנקורענט, בערל טאַראַטוטיע, געפינט־אויס זיין פאַרגאַנגענהייט און מסרט אים.

ב. גאָרין, דער היסטאָריקער פונעם יידישן טעאַטער, דערקלערט, אַז „סיביריא" איז געשריבן אינעם גייסט פון השכלה („די פרומע יידן ווערן דאָ פאַרשפּאָט און די היינטוועלטיקע ווערן אַרויסגעשטעלט אין אַ פיינעם ליכט"). זי צייכנט זיך אויס „מיט אַזאַ איינפאַכקייט, וואָס מ'האָט ניט געזען אויף דער יידישער בינע, זינט יידישער טעאַטער איז פאַרבאָטן געוואָרן אין רוסלאַנד. דער סוזשעט איז ניט קיין פאַרפּלאָנטערטער", ווי די אַנדערע פּיעסן אינעם

דעמאָלטיקן יידישן טעאַטער. „יעדער שפּעטערדיקער אַקט איז שטייף פאַרבונדן מיט דעם פריערדיקן און יעדע הפקרות פון אַ מחבר, צי פון אַ שוישפּילער, איז אָפּגעשאַפט... אין טעאַטער דער־הערט מען ווידער ריינעם מאַמע־לשון... ניט קיין דייטשמעריש, נאָר אמתן יידישן יידיש". דאָך, ניט געקוקט אויף די און אַנדערע מעלות פון גאָרדינס ערשטער פּיעסע (איר „אַריינגעבן לעבן אינעם קאָמישן עלעמענט"; איר „אויפבויען אַ סיטואַציע, וואָס זאָל פּאַקן דעם צושויער"), האָט „סיביריא" ניט געמאַכט „קיין גרויסן רושם" אויף דעם „געוויינלעכן טעאַטער־באַזוכער". דערפאַר אָבער האָט זי געבראַכט אין טעאַטער „אַזעלכע מענטשן, וואָס מ'האָט דאָרטן פריער ניט געזען. דאָס פּובליקום האָט באַקומען אַ צופאַרבונג פון דער אינטעליגענץ און דער קרייז פון די טעאַטער־באַזוכער איז באַדייטנד פאַרגרעסערט געוואָרן". די אינטעליגענטן האָבן געזען מיט זייערע אייגענע אויגן „ווי דער נעכטיקער באלאגאן ווערט פאַר־וואַנדלט אין אַ טעאַטער און ווי די נעכטיקע קאָמעדיאַנטשיקעס ווייזן אַלע סימנים פון אמתע קינסטלער" („די געשיכטע פון יידישן טעאַטער", ניו־יאָרק, 1918, צווייטער באַנד, זייטן 113־116).

דער ראַדיקאַלער עלעמענט האָט אויפגענומען מיט באַגייס־טערונג די נייעס, אַז דאָס „יוניאָן טעאַטער" פירט אויף גאָרדינס אַ פּיעסע. דער קאָמיטעט צו העלפן דעם אַנאַרכיסטישן קראַנקן דיכ־טער דוד עדעלשטאַט, וועלכער איז אַרום יענער צייט אָפּגעפאָרן קיין קאָלאָראַדאָ צוליב זיין לונגן־פעלער, האָט אויסגעוויילט „סי־ביריא" פאַרן „בענעפיט פאַר דעם אַרבייטער־פאָעט" (דעם 16טן נאָוועמבער). די סאָציאַליסטישע „אַרבייטער־צייטונג" האָט אָפּגע־געבן צוויי נומערן פאַר אַן „איבערזיכט" איבער „סיביריא". איר רעצענזענט, אב. קאַהאַן, האָט דאָרט דערקלערט, אַז גאָרדינס ערשטע פּיעסע, ניט געקוקט אויף געוויסע פעלערן, „געהערט צו די [דער] וואָרע [אמתער] ליטעראַטור" („אַרבייטער־צייטונג", 20טן נאָוועמבער, 1891).

* * *

ניט לייכט איז אָנגעקומען גאָרדינען צו פאַרוואַנדלען די „נעכ־טיקע קאָמעדיאַנטשיקעס אין אמתע קינסטלער". לעאָן בלאַנק, אַ מיטשפּילער אין גאָרדינס „סיביריא", האָט דערציילט קאָברינען, אַז „כמעט אַלע אַקטיאָרן, אויסער אַדלערן" האָבן צוערשט „געמאַכט חוזק פון דער פּיעסע, און מאָגולעסקאָ האָט גאָר דערקלערט: 'אָט־

דער ייד מיט דער שוואַרצער באָרד איז אַן אַנטיסעמיט!'" (מחמת אין „סיביריא" שטייען זייט ביי זייט אַ פרומער ייד, אַ מסור, און אַ „גוי", דער „סלעדאָוואטעל" [אויספאָרשונג־ריכטער], אַן ערלע־כער מאַן, — דעמאָלט אַן אומדערהערטע זאַך אין אַ יידישן טע־אַטער). מאָגולעסקאָ איז אויך געווען אומצופרידן צוליב אַ פער־זענלעכער סיבה: דער קאָמישער העלד פון „סיביריא", דער משרת שפּענדיק, איז „גאָרנישט ענלעך געווען צו די קאָמישע ראָלן, וואָס ער איז געוואוינט געווען צו שפּילן אין די פריערדיקע פּיעסן".

ניט געקוקט אויף גאָרדינס פאַרבאָט עפּעס צוצוגעבן צו זיין פּיעסע, האָט מאָגולעסקאָ דאָך אַריינגעשטעלט אַ טענצל און אַ קופּ־לעטל, וואָס ער האָט אַליין פאַרפאַסט. גאָרדין האָט אים שטאַרק אויסגעזידלט דערפאַר. מאָגולעסקאָ האָט אים צוריק געזידלט, אָנ־גערופן „אַנטיסעמיט", געטריבן פונעם טעאַטער און דערקלערט, אַז אויב גאָרדין קומט אַהין אַריין, וועט ער (מאָגולעסקאָ) ניט שפּילן („ערינערונגען פון אַ יידישן דראַמאַטורג", ניו־יאָרק, 1925, ערש־טער באַנד, זייט 120־122).

נאָך ערגער איז גאָרדינס ערשטע פּיעסע אויפגענומען געוואָרן פון דעם פּובליקום, וואָס האָט זיך דערצויגן אין דעם „נעכטיקן באַלאַגאַן", אויף די קונץ־שטיק פון „קאָמעדיאַנטשיקעס". די ערשטע צוויי אַקטן פון גאָרדינס „סיביריא" זיינען, לויט בלאַנקן, ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג „שרעקלעך דורכגעפאַלן". די באַזוכער האָבן „געהוקעט" און געבוקעט און געלאַכט פון דער פּיעסע און פון די אַקטיאָרן. ערשט נאָכדעם, ווי יעקב אַדלער האָט, אַ וויינענדיקער, אויסגעדריקט זיין בושה, וואָס זיי קאָנען ניט פאַרשטיין „אַזאַ מייסטערווערק פונעם באַרימטן רוסישן פּיסאַטעל [שרייבער] יעקב מיכאַילאָוויטש גאָרדין", איז דער עולם געוואָרן ערנסטער. אין דער סצענע, ווען אַדלער־ראָזענקראַנץ קומט צו בערל טאַראַטוטיע זיך בעטן „ער זאָל רחמנות האָבן אויף אים און זאָל אים ניט מסרן", האָט אויסגעבראָכן אַ געוויין אין טעאַטער. נאָך מער גערירט איז דער עולם געוואָרן ביים שלוס, בעת מען פאַרשיקט ראָזענקראַנצן צוריק אויף קאַטאָרגע און זיין משרת שפּענדיק געזעגנט זיך מיט אים. „ווען מאָגולעסקאָ־שפּענדיק האָט דאַן אַרויסגערעדט: 'כאַזיאַאין [באַלעבאָס], מיר צעשיידן זיך', האָט ער אַליין זיך אַזוי צעוויינט, אַז ער האָט ווייטער ניט געקאָנט רעדן", און „פון צווישן עולם אינעם טעאַטער האָט זיך דערהערט אַ יאָמערן אויפן קול... דער

דאָזיקער דערפאָלג האָט באַוואויגן מאַגולעסקאָן איבערצובעטן גאָר־דינען". און ווען גאָרדין איז געקומען אין טעאַטער, האָט דאָס פּובליקום, צוזאַמען מיט די אַקטיאָרן, אים געמאַכט אַן אָוואַציע (דאָרט, זייטן 122־124).

יעקב גאָרדין דערציילט וועגן דעם:

„די ערשטע צוויי פאָרשטעלונגען פון מיין ערשטער פּיעסע האָב איך ניט בייגעוואוינט, ווייל איך בין געווען קראַנק, נערוועז, באַ־לײדיקט, אומצופרידן. מיט מיין ערשט־געבוירענעם דראַמאַטישן קינד האָב איך זיך באַקענט נאָר דאַן, ווען איך האָב דערהאַלטן אַ בריוו מיט אַן אַנטשולדיקונג פון די הערן אַדלער, מאַגולעסקאָ, קעס־לער און פיינמאַן" (ציטירט לויטן „לעקסיקאָן פון יידישן טע־אַטער").

„סיביריא" האָט שטאַרק אויפגערודערט די אַמעריקאַנער יידי־שע טעאַטער־וועלט. באַריס טאָמאַשעווסקי האָט שפּעטער געשיל־דערט די דעבאַטעס, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אינעם „געוויסן" קאַפע, באַלד ווי ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער „נייער ייד מיט דער באָרד" האָט אָנגעשריבן אַ „ליטעראַרישע פּיעסע" און מ'גייט זי אויפפירן אויף דער אַכטער גאַס (אין „יוניאָן טעאַטער"). איי־ניקע האָבן זי פאַראויס מבטל געווען. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז „סיביריא" האָט אַ „געוואַלד מיט טיפן, כאַראַקטערע, סצענעס פון לעבן"; אַז „אַזעלכע לעבעדיקע יידישע בילדער" זיינען „נאָך קיינ־מאָל אויף דער יידישער בינע ניט געווען". טאָמאַשעווסקי האָט באַ־מערקט דערצו, אַז אַזעלכע ווערטער האָבן יידישע אַקטיאָרן נאָך קיינמאָל פריער ניט געהערט... די פּאָפּולערע שונד־מייסטערס, לאַטיינער און הורוויטש, האָבן געשמייכלט. זיי האָבן געזאָגט, אַז „שוין אַ סך אַזעלכע חברה האָבן זיך געוואָרפן אויסצובעסערן די יידישע בינע מיט אמתע[ר] ליטעראַטור און זיינען ערגעץ פאַר־וואָרפן געוואָרן און מען ווייסט גאָרניט, וואו זיי זיינען אַהינגע־קומען"...

אויפן ערשטן בליק האָט אויסגעזען, אַז הורוויטש און לאַטיי־נער זיינען געווען גערעכט. ביי דער ערשטער אויפפירונג פון „סי־ביריא" איז זייער עולם, לויט טאָמאַשעווסקין, געשלאָפן אין טע־אַטער, געגענעצט, זיך צעגאַנגען, געשאָלטן. ווייבער און קינדער האָבן געקוויטשעט און געשריגן: „מען האָט ביי זיי דאָס געלט אויסגענאַרט"... מ'גיט זיי „אַ פּלעי אָן סאָנגס, אָן טענץ, אָן אַ

מאַרש... אַן קעמלען, פערד, עלעפאַנטן; אַן עלעקטריק, אַן זייַ־דענע זאַקן״...

טאָמאַשעווסקי האָט געהאַלטן, אַז אויך די אַקטיאָרן פון יוניאָן טעאַטער האָבן „ניט געוואוסט, ניט געפילט און ניט פאַרשטאַנען״ וואָס זיי האָבן געשפּילט. זיי האָבן נעבעך „זיך געמוטשעט, גע־קוויטשעט און געריסן מיט פאַרשידענע קולות פון די היסטאָרישע אָפּערעס״.

דאָס איז, נאַטירלעך, איבערטריבן, — ווייניקסטנס בנוגע אַד־לערן און מאָגולעסקאָן (לויט בלאַנקס עדות). נאָר טאָמאַשעווסקי האָט קענטיק איבערגעטריבן מיט דער כוונה צו באַווייזן, אַז ניט דורך אַדלערס אַן אויפפירונג, נאָר דורך זיינער, האָט זיך אָנגע־הויבן גאָרדינס רעפאָרמאַטאָרישע אַרבעט אינעם יידישן טעאַטער; אַז ניט „סיביריא״ האָט באַשטימט יעקב גאָרדינס ראָל, ווי אַ דראַמאַטורג, נאָר זיין צווייטע פּיעסע, „דער פּאָגראָם״, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג פון באָריס און בעסי טאָ־מאַשעווסקי.

די ערשטע פּיעסן

יעקב גאָרדין איז געקומען צו דער יידישער בינע מיט ווייניקער דערפאַרונג, ווי צו דער יידישער ליטעראַטור.

כדי צו ווערן אַ בויער און שאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט יעקב גאָרדין געדאַרפט בלויז דערלערנען די יידישע שפּראַך. ס'האָט זיך באַלד געלאָזט פילן אין זיין שרייבן דער שריפטשטעלער, וואָס האָט געהאַט אַ פּאָר צענדליק יאָר דערפאַרונג אַלס פעלעטאָניסט און דערציילער אין רוסיש. גאָרדינס באַקאַנטשאַפט מיטן רוסישן און אוקראַינישן טעאַטער איז געווען בלויז, ווי פון אַ קריטיקער, אָבער ניט, ווי פון אַ דראַמאַטורג. ער ווילט־אויס דעם דראַמאַטישן געביט ניט אַלס פאַכמאַן, און אויך ניט מיט דער כוונה צו רעפאָרמירן די יידישע בינע. ער קומט לכתחילה צום יידישן טעאַטער מחמת נויט, כדי צו ציען פון אים חיונה פאַר זיין גרויסן נויטליידנדיקן הויזגעזינד. זיין פיינער ליטעראַרישער געשמאַק, זיין עטישע אינטעלעקטועלע פּערזענלעכקייט און זיין פּרינציפּן־ און כאַראַקטער־פעסטקייט, ווירקן אָבער, אַז גאָרדין זאָל געבן דער יידישער בינע אַ נייע ווענדונג.

די דריקנדיקע נויט צווינגט גאָרדינען צו שרייבן זיינע ערשטע פּיעסן אין גרויס אײַלעניש. ווען נויטיק, דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי, האָט גאָרדין „צוזעמשטעלט אַ גאַנצע פּיעסע" — „אין צוויי מעת־לעת". די אַקטיאָרן האָבן ביי אַזאַ געלעגנהייט „געמאַכט פּראָבע אַקטנווייז" און גאָרדין האָט זיי „אַלע ווילע אונטערגעשיקט פאַרשריבענע פּראָזע" (ציטירט אינעם „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער"). דאָך איז גאָרדינס יעדע פּיעסע, ווי טאָנדעט זי איז נישט געמאַכט, געבויט אויף געוויסע דראַמאַטישע כללים, מיט באַקאַנטשאַפט פון דער בינע און מיט אַן אויפריכטיקן שטרעבן צו באַלערן און אויפקלערן. יעקב גאָרדין איז דעריבער פון אָנהויב אָן געווען זייער

שטרענג קעגן יעדן צוגאָב, וואָס קאָן פאַרביליקן און פאַרשוועכן (?)
זיינע אַ פּיעסע.

בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט, אַז אין גאָרדינס צווייטער פּיע־סע, „דער פּאָגראָם", אין וועלכער זי האָט מיטגעשפּילט, האָט דער אַקטיאָר פינקל געוואָלט דורכאויס צוגעבן „אַ האָפּקע מיט אַ לידל". האָט יעקב גאָרדין זיך גאָרניט געדעכנט מיט זיין שוידערלעכער מאַטעריעלער לאַגע, וואָס די אויפפירונג פון דער פּיעסע האָט גע־זאָלט אַביסל פאַרלייכטערן. ער האָט זיך אויפגעהויבן שטילערהייט, גענומען זיין מאַנוסקריפּט אונטערן אָרעם, געזאָגט אַ גוטן טאָג, און איז אַוועק... מ'איז אים נאָכגעלאָפן און קוים מיט צרות ביי אים :עפּועלט, אַז ער זאָל צוריקקומען. „מען האָט געמוזט צוזאָגן גאָר־דינען, אַז מען וועט טאָן אַלץ נאָר ווי ער וועט הייסן. די פּראָבן זיינען געווען אונטער גאָרדינס אויפזיכט. ער האָט קיין איין פּראָבע ניט פאַרפעלט. קליידער אַפילו האָט ער אַליין באַשטעלט" (דאָרט).

באָריס טאָמאַשעווסקי דערציילט, אַז גאָרדין האָט אים צוגע־רעדט אויפצופירן אָט־די פּיעסע — „דער פּאָגראָם אין רוסלאַנד", ווייל זי האָט פּאַסנדיקע ראָלן פאַר אים און זיין פרוי (בעסי). ווען גאָרדין האָט נאָכדעם פאַר די אַקטיאָרן פאָרגעלייענט די פּיעסע, זיינען אַ „צוויי־דריי" געוואָרן „פאַרכאַפּט". עטלעכע האָבן זי איבּ־גאַנצן ניט פאַרשטאַנען. די „פּאַטריאָטן" פון לאַטיינער און הורוויץ זיינען דעמאָנסטראַטיוו אַוועק אינמיטן פאַרלייענען. איין אַקטיאָר האָט אויסגערופן:

— מר. גאָרדין, אַזעלכע פּיעסן קאָנען אינטערעסירן רוסישע גוים, אָבער נישט קיין אַמעריקאַנער יידן. דאָ, פאַרשטייט איר מיך, דאַרף מען רעדן דייטש. רוסישע ווערטער פאַרשטייט מען דאָ נישט.

יעקב גאָרדין האָט געשמייכלט און גאָרנישט געענטפערט.

די פּיעסע איז דאָך אָנגענומען געוואָרן. גאָרדין האָט פאַר איר געקראָגן 150 (לויט אַן אַנדערן נוסח — 65) דאָלאַר, און די טרופּע האָט אָנגעהויבן מאַכן פּראָבע. די אַקטיאָרן זיינען נישט געווען גע־וואוינט צו אַזאַ שפּראַך און אַזוינע סיטואַציעס; איז זיי דאָס מאַכן פּראָבע אָנגעקומען זייער שווער. דער רעזשיסאָר איז געווען פאַר־צווייפלט. ער האָט פאָרגעשלאָגן אויסצולאָזן דעם ערשטן אַקט, וועלכן ער האָט דערקלערט פאַר אַ „טשעפּוכאַ", מחמת די פאַר־שידענע טעטיקייטן, וואָס קומען דאָרט פאַר אין איין־און־דערזעלבער

צייט: אויף דער בינע ווייזט זיך אַ באַלעבאַטיש יידיש הויז, שבת־צו־נאַכטס, נאָך דער הבדלה. אין איין זייט פון גרויסן זאַל שפּילט די יונגוואַרג אין פאַנטן. עטלעכע יוגנטלעכע אונטערהאַלטן זיך מיט גאַגאַלס אַ ווערק. אין אַ צווייטער זייט זיצן די עלטערן, יצחק און שרה העניע האַלפּערן, און פירן אונטער חשבונות פון דער וואָך. אַ פּריסטאַוו קומט אַריין. די באַלעבאָסטע איז אים מכבד מיט געפילטע פיש. אַ „שיקסע" טאַנצט און לאַכט.

נאַטירלעך האָט יעקב גאָרדין ניט מסכים געווען אַרונטערצונעמען דעם ערשטן אַקט. ער האָט זיך אָבער אונטערגענומען צו העלפן רעזשיסירן די פּיעסע. ער איז באַשטאַנען, אַז דער פּריסטאַוו זאָל דורכאויס רעדן רוסיש. אָבער דער אַקטיאָר, שיינגאָלד, דערקלערט, אַז ער קאָן שפּילן זיין ראָל נאָר אין יידיש. נעמט זיך אונטער גאָרדין אַליין צו שפּילן דעם פּריסטאַוו.

אַ פּראָבלעם איז אויך געווען דאָס שפּילן די ראָל פון אַ רייכן אוקראַינישן פּויער, וואָס רעדט „כאַכלאַצקי" (מאַלאָרוסיש). דער אַקטיאָר, וואָס איז געווען נישט געזונט און געזאָלט אויסלערנען די ראָל ביי זיך אינדערהיים, האָט געגלויבט, אַז דער עיקר איז דער פּויער זאָל רעדן „גויאיש". זייענדיק אַן אונגאַרישער ייד, האָט ער זיך דעריבער איינגחזרט די ווערטער פון זיין ראָל אין אַ אונגאַרישער איבערזעצונג... גאָרדין האָט עס נישט דערלויבט. ער האָט געבראַכט אַן עכטן מאַלאָרוס, וואָס האָט „געשפּילט דעם כאַכאָל פּאָ כאַכלאַצקי, אַזוי ווי גאָרדין דעם פּריסטאַוו פּאָ רוסקי".

* * *

צו דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „דער פּאָגראָם" (דעם 18טן יאַנואַר 1892), אין רומעניע אָפּערע הויז, ווען גאָרדין האָט געדאַרפט אויפטרעטן אַלס אַקטיאָר, איז ער געווען (לויט באָריס טאָמאַשעווסקי) ניט ווייניקער נערוועז, ווי די איבעריקע שוישפּילער. ער האָט זיך דערביי אַזוי אויסגעדריקט:

— איך ווייס נישט, ווער עס וועט היינט „פּראָוואַליען" [דורכפאַלן] — איך, דער פּריסטאַוו, אָדער זיין דראַמע „דער פּאָגראָם".

ווען גאָרדין האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע אין אַ ווייסן רוסישן פּריסטאַוו־מונדיר, ווייסע הויזן, הויכע שטיוול, אַ ווייס היטל מיט אַ קאָקאַרדע און קאָזיראָק, און מיט זיין גרויסער שוואַרצער באָרד, האָט ער אַרויסגערופן גרויסן רעספּעקט אי ביי די שוי־

שפּילער, אי ביים עולם. מ׳האָט אים „זייער שטאַרק אַפּלאָדירט״. נאָכן דריטן אַקט, דערציילט טאָמאַשעווסקי, איז דאָס פּובליקום „אויפגעשטאַנען פון די שטולן, געפּאַטשט מיט די טיכלעך און געשריען בראַוואָ און הוראַ! און אַרויסגערופן גאָרדינען צענדליקער מאָל ׳פאָרן פאָרהאַנג׳״.

אינעם אָנהויב פון גאָרדינס דערשיינען אויף דער בינע איז פאָרגעקומען אַ שטיקל סקאַנדאַל: „שרה העניע האַלפּערן טראָגט־צו דעם פּריסטאַוו אַ שטיקל פיש מיט אַ שנאַפּס און זי ווינטשט אים חניפהדיק, אַז ער זאָל עסן געזונטערהייט. די ראָל פון שרה העניע האָט געשפּילט בינע אבראַמאָוויטש. געוואוינט מיט דעם אַלטן רעפּערטואַר, האָט זי צוגעגעבן אַפּאַרט (זייטיק, פאַר זיך): ׳דערוואַרגן זאָל ער ווערן!׳ גאָרדין האָט פאַרגעסן, אַז ער שפּילט איצט פאַר אַן עולם, האָט מיטן קולאַק אַ זעץ געטאָן אין טיש און אַ געשריי געטאָן: ׳הערט אויף! דאָס איז אין מאַנוסקריפּט ניטאָ!׳״ (ב. גאָרין, „געשיכטע פון יידישן טעאַטער״ צווייטער באַנד, זייטן 118־119).

זיין פּריסטאַוו־ראָל האָט גאָרדין געשפּילט שטייענדיק מיט די פּלייצעס צום פּובליקום, דערציילט באָריס טאָמאַשעווסקי. מ׳האָט אים עטלעכע מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס איז פעלערהאַפט אויף אַ בינע, אָבער גאָרדין האָט עס יעדעס מאָל פאַרגעסן. צולעצט האָט גאָרדין וועגן דעם באַמערקט:

— ווי עס זעט־אויס, וועל איך קיין אַקטיאָר קיינמאָל ניט זיין...

ניט געקוקט אויף אַט־דעם „פעלער״, איז „דער פּאָגראָם״, לויט טאָמאַשעווסקין, געשפּילט געוואָרן מיט דערפאָלג אַרום צען־צוועלף וואָכן (יאַנואַר, פעברואַר און מערץ, 1892), און „פון יענער נאַכט, פון דער ערשטער פאָרשטעלונג פון ׳דעם פּאָגראָם׳, האָט זיך די קאַריערע פון יעקב גאָרדין אָנגעפאַנגען״. ער ווערט אָנערקענט אין דער טעאַטער־וועלט און ווערט אָנגעשטעלט, ווי דער אָפיציעלער „אויטאָר״ פון דער אַדלער־ליפּצין־טרופּע אין יוניאָן־טעאַטער.

אַלס אָנגעשטעלטער „אויטאָר״ פון אַ טעאַטער, האָט גאָרדין, אַזוי ווי פריער לאַטיינער און הורוויץ, „געדאַרפט שיטן פון אַרבל״ פּיעסן. ער שאַפט אין יענער צייט אָריגינעלע, באַאַרבעטע און איבערגעזעצטע פּיעסן פון אַ מינדערווערטיקער קוואַליטעט. אַ טייל פון זיי ווערט קיינמאָל מער ניט געשפּילט און ווערט פאַרגעסן.

גאָרדין באַאַרבעט דעמאָלט אויך פּיעסן פון גאָלדפאַדען, וועלכע ער פּאַסט־צו צו די נייע פאָדערונגען פונעם יידישן טעאַטער.

אָט־די ערשטע גאָרדינשע פּיעסן, אַרום פינף־זעקס אַ סעזאָן, האָבן פונדעסטוועגן — ניט געקוקט אויף אַלע זייערע חסרונות — אַ היפּשן חלק אין דעם רעפאָרמירן דעם יידישן טעאַטער, די שוי־שפּילער און דאָס פּובליקום. יעקב גאָרדין האָט ביסלעכווייז אויס־געלערנט די טעאַטער־לייט צו רעספּעקטירן די ווערטער פונעם דראַמאַטורג. ער האָט נישט געשוינט קיין אַקטיאָר אָדער אַקטריסע, וואָס האָט זיך דערלויבט צוצוגעבן אין אַ ראָל אַן אייגן וואָרט, ווי זיי זיינען עס געוואוינט געווען צו טאָן אין די פריערדיקע צייטן.

איינמאָל, דערציילט ב. גאָרין, האָט זיגמונד פיינמאַן „קאַטע־גאָריש אָפּגעזאָגט זיך צו פאָלגן, וואָס גאָרדין האָט פאַרלאַנגט, און דערקלערט, אַז ער וועט רעדן, וואָס ער וויל. גאָרדין איז דער־פון אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרן, אַז ער האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש. ווידער אַמאָל איז ער [גאָרדין] געזעסן אין אַ לאָזשע, ווען מ׳האָט געשפּילט זיינע אַ פּיעסע. מאָגולעסקאָ האָט דאָרט געשפּילט אַ קאָמישע ראָל, און מיטן געוויינלעכן היתר פון אַ קאָמיקער האָט ער אַריינגעשטעלט אַן אייגענעם וויץ. גאָרדין האָט פון דער לאָזשע אויסגעזידלט אים אויפן קול״ (דאָרט, זייט 119).

„דער יידישער קעניג ליר“ און אַנדערע פּיעסן

די ערשטע פּיעסע גאָרדינס, פון זיינע „לערן־יאָרן“, וואָס איז געבליבן אין רעפּערטואַר פונעם אַלוועלטלעכן יידישן טעאַטער, איז „דער יידישער קעניג ליר“, אויפגעפירט פון יעקב פּ. אַדלער אַרום אָקטאָבער־נאָוועמבער, 1892. ב. גאָרין האָט פאָרויס־געזאָגט, אַז די פּיעסע „וועט נאָך לאַנג, לאַנג רירן די הערצער פון די יידישע טעאַטער־באַזוכער“.

„ביז דעם ‚יידישן קעניג ליר‘ — דערציילט ב. גאָרין — האָט מען געזאָגט אין טעאַטער־קרייזן, אַז גאָרדין שרייבט ‚טרוקענע‘ שטיקער. די טרוקנקייט איז דעריך, וואָס ער האָט נישט דערלויבט אַריינצוהאַקן [סתם אין דער וועלט אַריין] דועטן, טערצעטן, קוואַר־טעטן און די געוויינלעכע האָפּקעס פון דער סוברעטין און דעם קאָמיקער“. אין גאָרדינס אַ פּיעסע האָבן די לידער געמוזט „מער אָדער ווייניקער אַריינפּאַסן זיך אין דער האַנדלונג“. און כאָטש זיינע פּיעסן האָבן אַלע געזאַנג [אַזויפיל האָט גאָרדין געמוזט נאָכ־געבן], „איז דאָס נישט געווען געננג פאַר די דירעקטאָרן, און זיי האָבן דערפאַר באַטראַכט זיינע פּיעסן אַלס טרוקענע, וועלכע קאָ־נען נישט געפינען קיין חן ביי דער גרויסער מאַסע. אָבער דער גרויסער דערפאָלג פון דעם ‚יידישן קעניג ליר‘ האָט באַשיינפּער־לעך באַוויזן, אַז זייער באַגריף וועגן טרוקנקייט איז אַ פאַלשער און גאָרדינס פּאָזיציע אין טעאַטער איז פון איצט אָן געוואָרן אַ שטאַרקערע“. („געשיכטע פון יידישן טעאַטער“, צווייטער באַנד, זייטן 116־118).

דוד משהלעס, דער „יידישער קעניג ליר“, אַ פרומער נגיד און תקיף, האָט, אַזוי ווי שעקספּירס קעניג ליר, דריי טעכטער, — עטעלע, גיטעלע און טייבעלע. און אַזוי ווי יענער, האַלט דוד משהלעס בלויז פון די ערשטע צוויי. זיי זיינען די גאָטספּאָרטיקע

פרויען פון אַזוינע חשובע מענער, ווי דער שאַרפער למדן אברהם חריף און דער הייסער פרומאַק משה חסיד. די מוזיקע אָבער איז אָן אויפגעקלערטע און האָט אַ געליבטן, אַ פריידענקערישן לערער. יאפע. ווען דוד משהלעס באַשליסט אַוועקצופאָרן אויף דער עלטער מיט זיין ווייב חנה־לאה קיין ארץ־ישראל, צעטיילט ער, אַזוי ווי שעקספּירס קעניג ליר, זיין גאַנץ פאַרמעגן צווישן די צוויי על־טערע טעכטער. דער הינטערוועלטיקער טייבעלען גיט ער נישט איר חלק ירושה. דער שטאָלצער נגיד, וואָס איז אין זיין סביבה געווען אַ גאַנצער מלך, קאָן זיך אָבער נישט איינלעבן אין ארץ־ישראל און קומט צוריק אַהיים. אָבער ערשט דאָ ווערט ער היימלאָז — ווידער אַזוי ווי דער שעקספּירישער קעניג ליר. זיינע קינדער, וועלכע האָבן אים גערשנט ביים לעבן, באַהאַנדלען אים און זיין פרוי ווי פרעמדע בעטלער. די איינציקע, וועלכע ווייזט אַרויס מיטלייד און ליבע פאַר אים, איז די ניט־פרומע, אָבער גוטע טייבעלע.

די קעגנער האָבן גאָרדינען פאָרגעוואָרפן, אַז ער האָט די פּיעסע „איבערגעניצעוועט" פון שעקספּירס דראַמע „קעניג ליר". דאָס איז דורכאויס פאַלש. דער אויסערסט ערלעכער, אויפריכ־טיקער אידעאַליסט גאָרדין האָט בכיוון אָנגערופן זיין פּיעסע מיטן נאָמען פון אַ שעקספּירישער דראַמע, כדי דערמיט אונטערצושטרייכן, אַז ער האָט דעם סוזשעט גענומען ביים גרויסן מייסטער. די גאַנ־צע פּיעסע איז אָבער זיין אייגענע שאַפונג.

די פריערדיקע יידישע פּיעסן־שרייבער, דערציילט ב. גאָרין, פלעגן געוויינלעך „נעמען אַ פרעמדע פּיעסע, אַרויסקוועטשן פון איר יעדן טראָפּן זאַפט, איבערבייטן די גויאישע נעמען אויף יידי־שע, אָנקלעפּן די מאַנסבילן בערד און פּיאותן און לאָזן זיי פּאַראַ־דירן אויף דער בינע אַלס יידן". יעקב גאָרדין אָבער האָט גענומען פון שעקספּירן בלויז דעם „טרוקענעם סקעלעט". די כאַראַקטערס, ווי אויך די האַנדלונגען האָט ער אַליין געשאַפן. „דער טרוקענער חריף [אברהם], דער פליאסקעדריגעדיקער חסיד [משה] זיינען אפשר נישט מער ווי שאַטנס, נאָר זיי זיינען שאַטנס פון אמתע יידן און אַרום זיי איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישע אַטמאָספערע. מען זעט דאָ ריין־יידישע סצענעס, עס באַוועגן זיך יידישע גע־שטאַלטן און, צי גוט צי שלעכט, צי בעסער צי ערגער, טרעט גאָרדין אַרויס אַלס שעפער און ניט ווי אַ בעל־מלאכה". (דאָרט זייט 117).

„דער יידישער קעניג ליר"
(יעקב פּ. אַדלער — דוד משהלעס)

מאָריס ווינטשעווסקי האָט אָנגעוויזן, אַז יעקב גאָרדינס „יידי־שער קעניג ליר", אַזוי ווי טורגעניעווס „סטעפּנאָי קאָראָל ליר", האָט ניט מיט שעקספּירס דראַמע קיין שום געמיינשאַפטלעכקייט: „גאָרדין האָט גענומען די אידייע פון שעקספּירס דראַמע, די אידייע און ניט מער. שעקספּיר אַליין האָט גענומען נישט נאָר די אידייע, זאָנדערן [נאָר] די גאַנצע מעשה פון צוויי ענגלישע שרייבער: סער פיליפּ סידנעי און האָלינשעד. היינע וויל האָבן, אַז שעקספּיר האָט קיינעם פון זיינע 'פּלאַטס' ניט דערפונדן... די בעסטע סצע־נע אין מאָליערס 'דער גייצהאַלז' [קאַרגער] איז נישט געווען זיינע און די מעשה מיט דריי רינגען אין לעסינגס 'נאַטאַן דער וויזע' [נתן החכם] איז אַרויסגענומען פון באָקאַטשיאָ, פון וועלכן שעקס־פּיר האָט איבעריגנס אויך גענומען דעם סוזשעט פון 'אָל איז וועל דעט ענדס וועל' [אַלץ איז גוט, וואָס ענדיקט זיך גוט]... די פראַגע איז נישט פון וואַנען איר האָט עטוואָס גענומען, זאָנדערן, ווי איר האָט דאָס גענומענע באַאַרבעט". (אין ווינטשעווסקיס אַ ניט־דאַטירטן אַרטיקל פון די ניינציקער יאָרן).

גאָרדין אַליין האָט אויך גענומען דאָס וואָרט אין דער דע־באַטע וועגן שייכות פון זיין פּיעסע צו שעקספּיר. ער האָט גע־האַלטן אַ רעדע אין דעצעמבער, 1892, איבער דער טעמע: „וואָס שעקספּיר האָט צו טאָן מיט דעם יידישן קעניג ליר". און אין זיינע דערינערונגען שרייבט גאָרדין:

„ווי אַזוי די שוישפּילער קאָנען האָבן אַ טעות אין אַ פּיעסע און ווי אַזוי דאָס פּאָלק פאַרשטייט אַ פּיעסע, קאָן איך אייך דער־קלערן מיט אַ פּאָר אינטערעסאַנטע פאַקטן: ווען איך האָב פאַר־געלעזן דעם 'יידישן קעניג ליר', האָט איין שוישפּילער געזאָגט, אַז די פּיעסע וועט שטיין אויף דער אַפּישע פון פרייטיק ביז שבת. דער צווייטער האָט געזאָגט, אַז ער האָט עס געזען אין דייטשישן וואָרט־און־וואָרט פון אַ שרייבער הער שעקספּיר. אַ יידישער לי־טעראַט האָט געזאָגט, אַז עס איז אַנטנומען פון אַ מעשהלע פון טורגעניעווס 'שטיפּיניאַק'. דאָס פּאָלק אַמייסטן פאַרשטייט גאָר־נישט וואָס פאַראַ ראָל עס שפּילט דער אויטאָר. נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג פון 'קעניג ליר' האָב איך געהערט, ווי אַן אַלטער ייד האָט געזאָגט: 'אַ גוטע שטיק, אַ מוסר פון לעבן'. 'איך דאַנק אייך' — האָב איך געזאָגט מיט פרייד. — 'וואָס איז מיט אייך די שמחה?' — 'איך בין דער אויטאָר' — 'וואָס הייסט אויטאָר?' —

'איך האָב עס געשריבן'. — 'נאָך וואָס האָט איר עס געדאַרפֿט איבערשרייבן?'" (ציטירט לויטן „לעקסיקאָן פֿון יידישן טעאַטער").

צוויי אורזאַכן האָבן גורם געווען דעם גרויסן דערפֿאָלג פֿון „יידישן קעניג ליר". ערשטנס, דאָס אַרויספֿירן צום ערשטן מאָל אויף דער יידישער בינע עכט־יידישע טיפּן, וואָס זיינען דעם יידישן עולם גוט באַקאַנט; אַפֿילו דער סאַמע פּשוטער עולם האָט דער־שפּירט אָט־די נייקייט און פֿרישקייט, וואָס גאָרדין האָט אַריינ־געבראַכט אין דעם יידישן טעאַטער. צווייטנס, די אידייע פֿון דער פּיעסע, די אומדאַנקבאַרקייט פֿון קינדער צו עלטערן, האָט שטאַרק מיטגעריסן די יידישע טעאַטער־באַזוכער. אַ סך יידישע טאַטע־מאַמע האָבן אויף פֿאַרשידענע אופֿנים זיך געפֿילט געקריוודעט פֿון זייערע קינדער, פֿאַר וועלכע זיי האָבן אָפּגעגעבן זייערע בעסטע כּוחות... זייערע הערצער זיינען דעריבער טיף גערירט געוואָרן פֿון דעם אַלטן, בלינדן דוד משהלעס רוף: „העלפֿט דעם יידישן קעניג ליר!" וויינענדיק אויף דוד משהלעס, האָבן זיי באַוויינט זייערע אייגענע אַנטוישונגען.

צום דערפֿאָלג פֿון „יידישן קעניג ליר" האָט מסתּמא אויך מיטגעהאָלפֿן גאָרדינס פּשרה מיט דער פֿאָלקס־מאָראַל, וואָס פֿאָ־דערט פֿון אַ פּיעסע אַזאַ גוטן און גערעכטן סוף, ווי אין דער אַלט־יידישער דראַמע „איוב". די פּיעסע „דער יידישער קעניג ליר" פֿאַרענדיקט זיך, אַזוי ווי דער ברייטער יידישער עולם ווינטשט: דער געקריוודעטער ווערט פֿאַרגיטיקט פֿאַר זיינע אומזיסטע ליידן, און די „פּאָעטישע גערעכטיקייט" פֿייערט איר נצחון.

„דער יידישער קעניג ליר" איז דערשינען אין בוכפֿאָרם אין וואַרשע, ערשט אין 1907 (1908?). ליידער איז די פּיעסע געדרוקט געוואָרן אָן גאָרדינס וויסן און נישט פֿון זיין מאַנוסקריפּט. זי איז קענטיק די אַרבעט פֿון אַן אומוויסנדיקן סופֿליאָר און איז, נאַ־טירלעך, פֿול מיט גרייזן. דער „יידישער קעניג ליר" איז איבער־געזעצט און געשפּילט געוואָרן אין רוסיש און העברייאיש. זיין אינהאַלט איז אויך דערשינען אין ענגליש (ניו־יאָרק, 1905) *).

* * *

*) לויט די שוישפּילערין שרה קינדמאַן גיט־אָן, איז „דער יידישער קעניג ליר" אויך געשפּילט געוואָרן אויף ענגליש (איבערז. הערי טאָמאַשעווסקי) דורכן „יידישן טעאַטער פּראָיעקט" (אין 1936).

ווי שוין דערמאָנט, איז יעקב גאָרדין אָנגעשטעלט געוואָרן אין אַדלערס יוניאָן טעאַטער אַלס אָפיציעלער אויטאָר. זיין נאָמען איז געווען אָנגעגעבן אויפן טעאַטער, און ער האָט, ווי די אויטאָרן פונעם שונד־טעאַטער, געדאַרפט צושטעלן אַלע נויטיקע פּיעסן. ניט אַלץ, וואָס גאָרדין האָט דעמאָלט געשריבן, איז איצט באַוואוסט. ער איז נאָך אויך נישט געווען זיכער ביי זיך מיט זיין דראַמאַטישן טאַלאַנט און מיט דער מעגלעכקייט אויפצופירן אַ בעסערע פּיעסע מיט די פּאַראַנענע יידישע שוישפּילער און מיטן עקזיסטירנדיקן יידישן פּובליקום. צו די פּיעסן פון יענער עפּאָכע געהערן „דער פּרנס חודש", „דער רב הכולל", „מחמד און די יידן אין אַראַביע" („היסטאָרישע אָפּערע אין פינף [פיר ?] אַקטן און עלף סצענעס", 1894). לויט ב. גאָרין, האָט גאָרדין אין יענער צייט אויך פאַרפאַסט זיין פּיעסע „דער גרויסער סאָציאַליסט" פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד (אויפגעפירט שפּעטער אונטערן נאָמען „צוויי וועלטן"). ער שאַפט אויך זיין ערשטע פּיעסע פונעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן: „דער מאָרד אין מעדיסאָן עוועניו". יעקב גאָרדין פאַראורטיילט דאָרט די וואולגאַרע אַמעריקאַניזירונג פון די הינטערשטעליקע יידישע מענער און פרויען, וואָס קאָנען ניט אונטערשיידן צווישן פרייהייט און הפקרות. די דאָזיקע פּיעסע האָט אָבער קיין דערפאָלג ניט געהאַט. מעגלעך דערפאַר, ווייל גאָרדין האָט דעמאָלט נאָך צו ווייניק געקענט דאָס יידישע לעבן אינעם נייעם לאַנד. זיין אַמעריקאַנישע פּיעסע האָט דעריבער מער געערנט, ווי געשילדערט און אַמוזירט.

אַחוץ פיר־ און פינף־אַקטיקע פּיעסן, האָט גאָרדין דעמאָלט אויך געשאַפן אַ ריי איינאַקטערס. איינער פון זיי, „דער אָפּגעשטאָרבענער קינסטלער", איז אויפגעפירט געוואָרן פון עליאַס ראָטשטיין צו זיין בענעפיס אין 1893. אַ צווייטער, „יאָקל, דער אָפּערן־מאַכער" — צו גאָרדינס אַ בענעפיס־פאָרשטעלונג דעם דריטן מאי 1893, אין אדלערס ווינדזאָר טעאַטער.ביידע זיינען אַריין אין בוך „יעקב גאָרדינס איינאַקטערס", צוזאַמענגעשטעלט פון דעם פאַרפאַסערס זון, אַלעקסאַנדער גאָרדין.

אין „דער אָפּגעשטאָרבענער קינסטלער" שילדערט גאָרדין אַ סצענע אין אַ ניו־יאָרקער קאַפע, צווישן אַן אַלטן געוועזענעם אַקטיאָר פון דער יידישער בינע און אַן אַמעריקאַניזירטן פּוסטן פראַנט, דזיאבליק. דער לעצטער מאַכט חוזק פון דעם שכורלעכן אַרומ־

שלעפּערישן קינסטלער, וואָס בעטלט, מ׳זאָל אים „טראַקטירן" מיט „וויסקי", וואָס „וואַרעמט די קישקע". דזיאַבליק גיט אים אַ פּאָר גלעזלעך בראָנפן און זאָגט צו אים: „העי, טרעמפּ, דו קריגסט נאָך אַ סיגאַר אויך, ווען דו וועסט אונדז איינע שענע קאָמעדיע שפּילן, יו נאָ, אַ דראַמע מיט סאָנגס, דזשוּאיש סאָנגס, מיט אַ טענצל פון



יעקב גאָרדין
(אין 1894)

אַ יידישע[ר] טראַגעדיע, עטוואָס בורלעסקאָ, יו נאָ, און אויך צום וויינען. אָ סעי, זינג אונדז... האָו דו יו קאָל איט, ע... ע... יעס, באָבקעלעך, יו נאָ, הייסע באָבקעלעך, הייסע".

דער שכורלעכער קינסטלער ענטפערט:

— עטוואָס בורלעסקאָ, פון אַ יידישער טראַגעדיע, באָבקעלעך, יו נאָ. אָלרייט, באָבקעלעך, יו נאָ, האָכגעשעצטעס פּובליקום אונד גרויסע שעצער [פון] דער קונסט, באָבקעלעך! קריטיקער און מבינים, אָלרייט סער, באָבקעלעך, כאַ־כאַ, אַ דראַמע מיט סאָנגס, ווי איר ווינטשט, מיין הער, באָבקעלעך, יעס, אָלרייט (זינגט).

ניין... נישט דאָס, איך ליב עס נישט. (באַגייסטערט) שטעלט אייך פאָר, יהודית איז שוין פאַרגיפטעט, זי שטאַרבט. אוריאל אַקאָסטאַ שטייט נעבן איר אין פאַרצווייפלונג, דאָ קומט זיין נעבנבולער [קאָנקורענט אין ליבע], זיין פיינט, זיין פאַרהאַסטער בן יוחאי.

דער קינסטלער שפילט דאָ אויס יענע רירנדיקע סצענע פון „אוריאל אַקאָסטאַ”. ער פאַלט צו דער ערד און וויינט.

דזיאבליק זאָגט מבינות, אַז דאָס איז פון שעקספּירס אַ שפּיל. ער געדענקט, זאָגט ער, אַז „עדווין בוט האָט עס געשפּילט, יו נאָ! ער קומט פאָר, ווי אַן אַלטער דזשו און וויל ביי זיין געליבטער אויסשניידן אַ פונט האַרץ”.

טיף דערשיטערט טראַכט דעמאָלט דער קינסטלער אויפן קול: ער שילדערט זיין שייַנעם נעכטן און זיין מיאוסן היינט, און זאָגט פאָראויס זיין סוף, אַז „ווען־עס־איז אין אַ קאַלטער ווינטערנאַכט” וועט מען אים געפינען אַ פאַרפרוירענעם. נאָכדעם, ווי ער וויינט זיך אויס, קערט ער זיך אום צו זיין פריערדיקן טאָן: „כאַ־כאַ־כאַ! וואָס? איר ווילט איך זאָל אייך אַמוזירן? אייך געפעלט באַבקעלעך? אָלרייט, הייסע באַבקעלעך, הייסע... (זינגט מיט אַן איראָנישן שמייכל און שטעקט יעדערן אונטערן נאָז זיין הוט, וואו מ׳וואַרפט אים סענטן) הייסע באַבקעלעך, יידעלעך הייסע!”

דער דאָזיקער איינאַקטער איז דורכגעדרונגען מיט גאָרדינס גרענעצלאָזער ליבע צום אָרעמען קינסטלער. גאָרדין זוכט דאָרט צו באַווייזן, אַז אַפילו אין זיין געפאַלנקייט שטייט דער געוועזענער אַרטיסט טורם־הויך איבער די דזיאבליקס און זיינס־גלייכן „שעצער [פון] דער קונסט באַבקעלעך”.

דער קאַמף קעגן שונד־טעאַטער

יעקב גאָרדין איז געווען דער ערשטער אָנצופירן אַן ענערגישן קאַמף קעגן דעם יידישן שונד־טעאַטער אין אַמעריקע.

ער איז געווען איבערצייגט, אַז אַ טייל יידישע אַקטיאָרן האָבן גענוג טאַלאַנט צו ווערן עכטע קינסטלער, ווען זיי זאָלן אויפטרעטן אין קינסטלערישע ווערק, אָנשטאָט אין שונד־פּיעסן. ער איז אויך געווען טיף איבערצייגט, אַז די יידישע בינע דאַרף און קאָן צוגלייך אַמוזירן און לערנען דעם יידישן עולם.

מיט אָט־דעם ציל פאַר זיינע אויגן האָט יעקב גאָרדין אָנגעשריבן זיין סאַטירישן איינאַקטער „יאָקל דער אָפּערן־מאַכער", וואָס איז גלייכצייטיק אַ קריגס־דערקלערונג דעם שונד־טעאַטער און אַ רוף פאַר אַ בעסערער יידישער בינע. גאָרדין לאַכט דאָרט אויס מיט גאַליקן סאַרקאַזם די שונדיסטישע „היסטאָרישע אָפּערעס" מיט זייערע פּאַיאַצישע שטיק און צונויפגעשטופּטע, געלעכטעווער מוזיק. ער טוט עס דורכן מויל פון דעם דירעקטאָר און דעם קאָמפּאָזיטאָר פון דעם שונד־טעאַטער. דער ערשטער דערקלערט:

„מען דאַרף היינט פאָרלעזן אַ נייע פּיעסע, היינט מאַכן פון דער פּיעסע אַ היסטאָרישע אָפּערע, היינט צופּאַסן צו דער אָפּערע אַ קנאַקנדיקן נאָמען, היינט מאַכן אַ רעפּעטיציאָן און היינטיקן שבת שוין אויפפירן זי אויף דער בינע מיט גלענצענדיקע סצענעריס [דעקאָראַציעס], איבעראַשנדע עפעקטן, אָריענטאַלישע געזאַנג, אַפריקאַנער טענץ, אַראַבישע פערד, היספּאַנישע שאָף, יידישע, עכט היסטאָרישע ציגן, טערקישע קאָסטיומען, כינעזישע שיך, רוסישע ניהיליסטן, איטאַליענישע מעלאָדיען, אינדיאַנישע מאַרשן, דייטשישע שווערדן"... „אין ערשטן אַקט, — אַ גרויסער, דרייצן־גאָרנדיקער טורעם, און אויפן דאַך זאָלן אומשולדיקע ענגלען [מלאכים] טאַנצן

א קאַנקאַן... אין צווייטן אַקט זאָלן פּאַרקומען פליגן, וועלכע ברענגען דעם פּרינץ אַ געַרוס און אַ פּוד באַקסער פון דער פּרינצעסין. אין דריטן אַקט זאָל פּאַרקומען אַ געשטודירטער הונט, וועלכער שפּילט שאַך מיטן קייסער. אין פערטן אַקט זאָל פּאַרקומען אַ יידישער צדיק, וועלכער מאַכט מופתים״...

דער קאָמפּאָזיטאָר רעוואָלטירט צוערשט קעגן אַזאַ מין „אָפּערע". ער מוסרט־אויס דעם דירעקטאָר:

„ווי לאַנג נאָך וועט איר גלויבן אין די קנאַקנדיקע אָפּערן מיט די שרייענדיקע מאָנאָלאָגן, קוויטשענדיקע מעלאָדיען, רוישנדיקע אַריען און דונערדיקע טענץ?... איר זייט דאָך יאָ אַן אַלטער אַרטיסט מיט טאַלאַנט און פאַרשטאַנד... און זעט, וואָס אַנדערע באַהעלפערס, טעאַטער־פּאָדריאַטשיקעס טוען, און [איר] שטופּט אויך נאָך די קאַרעטע? פע? מיאוס...״

אויף דעם ענטפערט דער טעאַטער־דירעקטאָר:

„אַלטער יאָלד, וואָס דו ביזט... מיין טאַלאַנט און פאַרשטאַנד האָבן מיר נאָך נישט פאַרדאָרבן דעם מאָגן אַזוי, אַז איך זאָל קאָנען לעבן מיט לופט... איך וויל קייען... פּאַפּע [ברויט], ברודער! פּאַפּע איז אַ גרויסע זאַך... און אַז איך זע, אַז ערנסטע דראַמען, וועלכע פאָדערן קונסט און טאַלאַנט, צווינגען מיך ליגן די ציין אויף דער פּאָלעצע און אַז, פאַרקערט, אַ קנאַקנדיקע היסטאָרישע אָפּערע, מיט הומבאָג [באַטרוג], בלאָפס, געפילדער, גלענצנדע שמאַטעס, נאַרישע קינדערשע מעשיות גיט מיר בולבע, מוז איך דאָך — דו יאָלד איינער! — אין איין שעה צושניידן אַ שפּאָגלנייע היסטאָרישע אָפּערע... אַ סצענע פון דאָרט, אַן אַקט צושטורקעווען פון דאַנען, אַ צוויי אַקטן גנבענען פון אַן אַלטער אָפּערעטע, אַן עפּילאָג אַרויסלאַטכענען פון אַ פראַנצויזישער מעלאָדראַמע, אַ פּראָלאָג מיט חכמות פאַר די קאָמיקער, פון באַרנום און ביילים צירק... האָסט, ברודער, אַ נייע, קנאַקנדיקע, סוקסעספולע, דערפּאָלגרייכע היסטאָרישע אָפּערע... און די דראָנגאַטשעס גיבן געלט און שרייען בראַוואָ! — — — זיי נישט קיין יאָלד, שרייב אָפּערעס... דאָס הייסט, גנבע מוזיק און שוויג...״

גאָרדין מאָלט דאַן אויס אַ גראָטעסק בילד, ווי אַזוי דאָס יידישע שונד־טעאַטער האָט דעמאָלט (אינעם אָנהויב פון די ניינציקער יאָרן) געשפּילט שעקספּירס טראַגעדיע „אַנטאָניוס און קלעאָפּאַטראַ". ער שילדערט, ווי אַנטאָניוס שטעלט זיך אין דער פּאָזע פון אַ פעלד־

גזלן, קריצט מיט די ציין, גלאָצט מיט די אויגן, פּאַרסקעט מיט די ליפּן און שרייט: „געוואַלד, קלעאָפּאַטראַ, איך ליב דיך!”... צום סוף שטעלן זיך ביידע לעבן סופליאָרסביידל און זינגען אַ דועט: „גיי ניט פון מיר! איי־ווײ איז מיר!” א. אז. וו.; אויף וואָס דער כאָר ענטפערט פאַרטיסימאָ:

„אַנטאָניוס מײנער, שוואַרצער ציגײנער!... שור, בור, כי לעולם חסדו... חי וקים! הוררע! הוררע!”

אין דעמזעלביקן אײנאַקטער שילדערט אויך גאָרדין אַ סצענע, ווי אַזוי דער דירעקטאָר שטעלט־אָן אַ נײע פּרימאַדאָנע, וואָס קען נישט קיין נאָטן, אָבער דערפאַר, ווי זי דערציילט, אַז זי גיט אַ געשריי דורכן אָפענעם פענצטער צו איר מאַן: מאָקס! — „הערט מען פון האַרלעם ביז קעסלגאַרדן”... דער דירעקטאָר דערקלערט, אַז זינגען איז ניט וויכטיק; דער עיקר איז, וואָס „זי האָט אַ גע־זונטע געמבע”; און ער איז גרייט זי צו אַנאָנסירן: „אונדזער נײע טאַלאַנטפולע פּרימאַדאָנע מיט איר צוקער־זיסער שטימע, די יידי־שע פּאַטי, די נאַכטיגאַל פון לבנון, די קעניגין [פון] דער קונסט, די צויבער־פלייטע פון ירושלים... דער סטאַר פון דער יידישער בינע...”

אין אַן אַנדערער סצענע שילדערט יעקב גאָרדין, ווי אַזוי שונדיסטישער פּיעסן־מאַכער דערלאַנגט דעם דירעקטאָר פינף שטיק־לעך פּאַפּיר און זאָגט צו אים אַזוי:

— אָט איז מיין מייסטערווערק: ערשטער אַקט, צווייטער אַקט, דריטער אַקט, פערטער אַקט, פינפטער אַקט — — — דאָ דער־ציילט זיך, וואָס דער העלד טוט, וואוהין די פּרימאַדאָנע גייט, ווען דער מערדער שיסט, וואָס דער כאָר זינגט, — איר פאַרשטייט? און וואָס די אַקטיאָרן זאָלן רעדן, ווייסן זיי שוין אַליין, — זיי זיינען דאָך נישט קיין גרינהאָרנס... און דעם טיפּ — וועט זיי דער פּאַרוקמאַכער מאַכן... די אָפּערע רופט זיך: „צפון ודרום, אָדער די הרי חושך”.

דאָס דאָזיקע שונדיסטישע „מייסטערווערק” ווערט אָנגענומען. דער שונד־טעאַטער־דירעקטאָר ענדערט בלויז דעם נאָמען אויף „מזרח ומערב, אָדער די בייזע שוויגער, אָדער די צוויי מוזיקאַלישע פערד”. די ענדערונג ווערט געמאַכט צוליב דעם, ווייל דער די־רעקטאָר גלויבט, אַז „מיט צוויי 'אָדערן' וועט זיין גרעסער דער סוקסעס”...

איצט קומט די ריי פונעם קאָמפּאָזיטאָר. דער דירעקטאָר פאָדערט, ער זאָל פון די פינף פּאַפּירלעך מאַכן „דאָ אויפן שטעל אַן אָפּערע״. עס זאָל הייסן: „מוזיק פון מייערבער, באַאַרבעטעט פאַר דער יידישער בינע פון אונדזער גרויסן קאָמפּאָזיטאָר״... ווען דער לעצטער קווענקלט זיך, הייסט אים דער דירעקטאָר גנבענען „פּאַרטיקע מוזיק״ פון מייערבערס אָפּערע „הוגענאָטן״. דער אומגליק איז נאָר, וואָס ביי יעדן אַקאָרד, וואָס דער מוזיקער פּרוּווט נעמען פון דאָרט, באַמערקן די אַקטיאָרן: „דאָס איז שוין דאָ אין דער אָפּערע ׳שמענדריק׳, דאָס איז פון די צווי ׳שמואל שמעלקעס׳ און דאָס איז פון ׳אונדזער אָפּערע׳ די ׳פּרינצעסין פון הר גריזים׳״...

דער פאַרצווייפלטער מוזיקער באַמערקט איראָניש:

— מייערבער האָט אַרויסגעגנבעט זיין מוזיק פון אונדזערע יידישע אָפּערן, און מיר דאַרפן איצט גנבענען ביי אים צוריק!... עס איז יאָרן... האָ?!...

דער מוזיקער ווערט אַנגעשיכורט און איז שוין וויליק צו געבן מוזיק, ער וויל בלויז האָבן „עברי״. דער דירעקטאָר אָבער זידלט אים אויס:

— דראַנג, וואָס פאַר עברי!... נעם אָשמנו, בגדנו, יום זה מכובד, מן המצר! — — — וואָס הייסט? אין אַ היסטאָרישע[ר] אָפּערע שפּילט עפּעס עברי אַ ראָלע?

ס׳קומט דערנאָך פאַר אַ סצענע, ווי די מוזיק ווערט איינגעזונגען מיט ווערטער פון „פּטום הקטורת״ און מיט סתם געוואָלדן.

יעקב גאָרדין איז אָבער צופיל אַגיטאַטאָר און לערער, ער זאָל נישט פאַרענדיקן זיין סאַטירע מיט אַן אַגיטאַציע פאַר אַ בעסערן טעאַטער. ער לאָזט צום סוף דעם שיכורן מוזיקער און דעם שיכורלעכן דירעקטאָר זיך דערמאָנען די צייט, ווען זיי זיינען געווען יונג און האָבן געחלומט וועגן אמתער קונסט און עסטעטישע אויפגאָבן. דער מוזיקער זינגט דאָ אַ ראָמאַנס וועגן דער יוגנט, און דער טעאַטער־דירעקטאָר רופט אויס:

— אָ, ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען אונדזער פּובליקום זאָל פון אונדז פאָדערן ערנסטע ווערטער, ריינע, וואָרע קונסט, שיינע מוזיק!... עס איז דאָ ביי אונדז טאַלאַנטן, עס איז דאָ פיאַיקייטן... אָבער וואָס זיינען מיר שולדיק, אַז מען פאָדערט עס פון אונדז נישט!... איר פאָדערט פון אונדז אַמעריקאַנער

מאַשין־אַרבעט, טאַנדעט, מוזן מיר אייך געבן!... אונטערשטיצט אונדז אין אַזעלכע גוטע שטרעבונגען, וועלן מיר אייך ציינגן, אַז אַ יידישער טעאַטער קאָן שטיין גלייך מיט אַלע טעאַטערן אויף דער וועלט! און אַז מיט אונדזער אָרעמען זשאַרגאָן קאָן מען דינען דער וואָרהייט [דעם אמת] גלייך מיט די רייכסטע שפּראַכן פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער!...

יעקב גאָרדין האָט דערמיט אילוסטרירט די אויפגאַבעס, וואָס ער האָט דעמאָלט זיך געשטעלט: פון איין זייט אויסלאַכן און לע־כערלעך מאַכן דעם מיאוסן באַלאַגאַן, וואָס דאָס יידישע טעאַטער איז דעמאָלט געווען; און פון דער אַנדערער זייט כסדר האַמערן, אַז די יידישע בינע קאָן ווערן מיט לייטן גלייך. מען דאַרף נאָר אַריינברענגען אַהין אמתע דראַמע, און דער באַלאַגאַן וועט ווערן אַ קונסט־טעמפּל און זיינע פּאַיאַצן — עכטע קינסטלער.

יעקב גאָרדינס שטאַרקער גלויבן אין מענטשן און זיין לערע־רישער געדולד האָבן טאַקע סוף־כל־סוף באַוויזן אָט־דעם וואונדער, בישט געקוקט אויף דעם, וואָס צווערשט איז זיין ווילן געווען שטאַר־קער, ווי זיין קאָנען.

דאָס האָבן באַוויזן זיינע ווייטערדיקע פּיעסן פון יענער צייט. איינע פון אָט־די פּיעסן איז „דער ווילדער מענטש" (אויפגעפירט אין ווינדזאָר טעאַטער, מיט יעקב אַדלערן אין דער הויפּט־ראָל, דעם פערטן נאָוועמבער 1893). די פּיעסע איז אויך דערשינען אין בוך־פאָרם (וואַרשע, 1907). זי איז אָבער אַרויס אָן גאָרדינס וויסן און איז פול מיט גרייזן.

„דער ווילדער מענטש" איז געווען דער ערשטער פּרוואו פון אַ פּסיכאָלאָגישער דראַמע אויף דער יידישער בינע. גאָרדין דעקט דאָרט אויף די געפילן פון אַ ניט־נאָרמאַלן מענטשן, די געשלעכט־לעכע איבערלעבונגען פון אַ יוגנטלעכן גייסטיק־קראַנקן. גאָרדינס שפּעטערע קעגנער האָבן אָט־די פּיעסע קריטיקירט מיט דער מאָס פון דער פאָלקאָמענער דראַמע און שאַרף אונטערגעשטראָכן אירע פעלערן. אין דער צייט אָבער, ווען גאָרדין האָט זי געשאַפן (אין 1893), אין צווייטן יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט אין יידיש און איינעם סאַמע אָנהייב פון זיינע לערן־יאָרן אַלס דראַמאַטורג, איז „דער ווילדער מענטש" געווען אַ באַדייטנדיקע שאַפונג אויף דער יידישער בינע, און אויך אין ליטעראַרישן זין. גאָרדין האָט שוין דאָרט אויך אָנגעצייכנט אַ ריי יידישע טיפּאַזשן, וועלכע ער האָט

אַ צען־צוועלף יאָר שפּעטער פּאַרפיקסירט אין רעאַליסטישער פּול־קאָמענהייט.

איבער אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער, ווי גאָרדין האָט אָנגעשריבן די פּיעסע, האָב איך געזען אַדלערן אויפטרעטן אין דער יוגנטלעכער הויפּט־ראָל פון „למדן". אַדלער איז שוין דעמאָלט געווען אַרום פינף און זעכציק יאָר אַלט. דאָך האָט די פּיעסע נאָך אַלץ מיטגעריסן דעם עולם.

„דער ווילדער מענטש"

(חיים יאַבלאָקאָוו — למדן)

מאָריס ווינטשעווסקי דערציילט, אַז אין 1894 (ווען ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע) האָט ער אָנגעשריבן אַן „ענטוזיאַסטישע קריטיק" אויף אָט־דער פּיעסע, — „אַ קריטיק, וועלכע איז געווען פול מיט התלהבות", ווייל ער האָט „דאַן צום ערשטן מאָל קענענגעלערנט דעם גרויסן טאַלאַנט פון יעקב גאָרדין".

„׳דערווילדער מענטש׳ — דערציילט ווינטשעווסקי — האָט מיר [מיך] געקאָסט אַ נאַכט שלאָף. נאָך די — — — ׳באָבע יאַכנעס׳ מיט אַלע אַנדערע ווילדע באַשעפענישן, וועלכע האָבן זיך געהאַט אָנגעפּלאָדיעט אויף דער יידישער בינע, צו זען אַזאַ מייסטערווערק, ווי ׳דער ווילדער מענטש׳, איז געווען מער, ווי אַן איבערראַשונג. דאָס איז געווען איינפאַך אַן אָפּנבאַרונג״.

פינף יאָר שפּעטער, אין 1899, ווען ווינטשעווסקי האָט געזען אַן אַנאָנס, אַז „דער ווילדער מענטש״ וועט אויפגעפירט ווערן צום בענעפיס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, האָט ער געוואָרנט אַדלערן, אַז יענעם אָוונט וועט זיין אין טעאַטער אַן „איבּ־טעליגענט פּובליקום״, און אַדלער מוז דערגרייכן „דעם העכסטן גראַד פון זיין קונסט, ניט איבערטרייבנדיק, און שפּילנדיק די ראָלע, ווי אונדזער גאָרדין האָט איר [זי] באַשאַפן״...

יעקב גאָרדין פֿאַרענדיקט זיינע לערן־יאָרן

אין די בערך זעקס יאָר, פֿון סוף 1891 ביזן סוף 1897, האָט יעקב גאָרדין פֿאַרפֿאַסט, באַארבעט און איבערגעזעצט אַרום פֿיר צענדליק פּיעסן. דערפֿון זיינען אַ פֿינף־און־דרייסיק אויפֿגעפֿירט געוואָרן אונטער זיין אייגענעם נאָמען. אַרום אַ צעקסטל דערפֿון איז געבליבן אין רעפּערטואַר. פֿינף פּיעסן („דער יידישער קעניג ליר", „דער ווילדער מענטש", „די ליטווישע ברידער לוריע", „שלמהקע שאַרלאַטאַן" און „דבורהלע מיוחסת") זיינען געדרוקט געוואָרן אין אייראָפּע אַן גאָרדינס וויסן. די פֿאַרלעגער האָבן גאָר־דינען ניט אָנגעפֿרעגט, איידער זיי זיינען געגאַנגען דרוקן זיינע פּיעסן. דאָס, זאָגט גאָרדין אין אַ בריוו צו אַ פֿריינט, „בין איך זיי מוחל. זיי האָבן מיך ‚צעקאַראַדאַשעט' און צעקריפּלט. — — — זיי האָבן נישט קיין ריכטיקע קאָפּיעס. סופֿליאָרן שרייבן־איבער די פּיעסן אויסטויטיק, קאָרעגירן, שטעלן־צו (די אַלע לידלעך זיי־נען ניט מיינע — — —) און וואַרפֿן־אַרויס"...

די אַלע פּיעסן, אַפֿילו די בעסטע פֿון זיי, זיינען געווען בלויז עסקיזן, אָנוואַרפֿן צו זיינע שפּעטערע דראַמאַטישע ווערק. אַר־בעטנדיק ענערגיש צו רעפֿאָרמירן די יידישע בינע, האָט גאָרדין געלערנט נישט בלויז די רעזשיסערן, שוישפּילער און טעאַטער־באַזוכער. ער האָט אויך שווער געאַרבעט איבער זיך אַליין. זיין אידעאַל איז געווען: שאַפֿן עכטע דראַמע אין אַן ענגן בונד צווישן דעם יידישן טעאַטער און דער יידישער ליטעראַטור.

זיינע פֿריערדיקע פּיעסן, „דער יידישער קעניג ליר" (1892) און „דער ווילדער מענטש" (1893), האָבן שוין געוויזן, אַז ער קען גוט די בינע און דאָס אַלטמאָדישע יידישע לעבן. ער האָט אַרויס־געבראַכט אַ היפּשע צאָל יידישע טיפּן פֿון דער אַלטער היים. שפּע־טער, ווען זיין האַנט ווערט געאיבטער, פֿאַרפֿיקסירט ער זיי אין

זיינע בעסערע דראַמעס. די געשטאַלטן פון „דער ווילדער מענטש", למשל, — דער רייכער ווייצהענדלער שמואל לייבלעך, דער „גלאַט אַ גאַרנישט" אַלעקסאַנדער, דער הפקר־יונג וולאַדימיר וואַראַביי־טשיק, — באַגעגענען מיר שפּעטער אונטער אַנדערע נעמען אין דער „שחיטה", אין דער „יתומה" און אין „סאַפאָ". מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק איז אָן ספק געווען אַ געוואַגטער פּרואוו אַרויפצוברענגען אויף דער יידישער בינע אַזאַ גאַלעריע טיפּן.

* * *

אַ ווייטערדיקער טריט צו שילדערן דאָס אַלטמאָדישע יידישע לעבן איז געווען יעקב גאָרדינס פּיעסע „די ליטווישע ברידער לוריע", אויפגעפירט דעם 25טן אויגוסט (דעם 15טן סעפּטעמבער ?) 1894, מיט באָריס טאָמאַשעווסקין אין דער הויפּט־ראָלע.

(גאָרדינס צייטווייליק אַריבערגיין פון אַדלערן צו טאָמאַשעווסקין איז געווען צוליב אַ סטרייק אין אַדלערס טעאַטער [זומער, 1894]. יעקב גאָרדין דערקלערט דאָן עפנטלעך אין דער סאָציאַליסטישער „אַרבייטער צייטונג", אַז אַדלערס עקספּלואַטאַציע פון די אַקטיאָרן האָט אַרויסגערופן אַ סטרייק אין זיין טעאַטער און מחמת דעם איז ער [גאָרדין] אוועק פון דאָרט. ער טיילט מיט, אַז אין דעם טאַליא טעאַטער, וואו ער איז אַריבער, ווערט דורכגעפירט אַ בענעפיס־פאָרשטעלונג פאַר די סטרייקנדיקע אַקטיאָרן, און ער אַפּעלירט צום יידישן עולם צו שטיצן די אונטערנעמונג פאַר די סטריי־קערס).

אין „די ליטווישע ברידער לוריע" ווערט באַהאַנדלט דער אַל־טער און תמיד נייער סוזשעט: אַ ליבע צווישן קינדער פון שונאים. ביידערליי עלטערן קאָנען אַזוינס נישט מוחל זיין, און זיי באַ־קעמפן עס מיט אַלע מיטלען, וואָס שטייען זיי צו געבאָט. די אמתע שיר־השירים־ליבע טריאומפירט, געוויינלעך, איבערן זיב־לאָזן האָס. אָפט אָבער פאַרענדיקט זיך דער טריאומף זייער טראַ־גיש. „וואָרום שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבשאַפט"... ביי שעקספּירן שטאַרבן ביידע, ראָמעאָ און יוליא. דער יידישער עולם וויל אָבער האָבן ניט בלויז נצחון, נאָר אויך יושר. פאַרענדיקט זיך גאָרדינס פּיעסע מיט תנאים צווישן חתן־כלה...

אַ נייעס ביים משכיל גאָרדין איז אין אָט־דער פּיעסע די סימ־פּאַטישע געשטאַלט פון אַן אַלטמאָדישן רב. מעגלעך, אַז גאָרדין

איז דערצו באַוועגט געוואָרן פון דעם פיינעם טיפּ פון אַ מאָנאָך אין שעקספּירס „ראָמעאָ און יוליא". סיי ווי, מיט זיין שאַפונג פון „הרב שרגא" האָט גאָרדין זיך געשטעלט אויפן וועג פון קינסט־לערישער אָביעקטיוויטעט. דער אַלטער ר' שרגא העלפט מיט זיין אויסערסטער גוטסקייט נישט בלויז דעם זיג פון די געליבטע, רבקה און יאַנקל, איבער דער שנאה פון זייערע טאַטעס, גדליה און טוביה; ער העלפט אויך דעם קינסטלער יעקב גאָרדין צו באַזיגן אין זיך אַלע זיינע מיטגעבראַכטע פאָראורטיילן און צו דערזען דאָס פּאַר־באָרגענע ליכט אין די הערצער פון די מענטשן, וועלכע ער האָט אַמאָל באַטראַכט פאַר „פינצטערלינגע".

* * *

צווישן דער גרויסער צאָל פּיעסן, וואָס גאָרדין האָט „געלי־פערט" אין 1894־95 (פון זיי איז צו דערמאָנען „דער יידישער גלח", וואָס האָט זיך אַ לאַנגע צייט געהאַלטן אויף דער בינע), געפינט זיך אויך אַ באַאַרבעטונג פון שילערס „קאַבאַלע אונד ליבע", אונ־טערן נאָמען „רייזעלע, אָדער זעליג איציק דער קלעזמער" (ב. גאָרין גיט אָן על־פּי טעות, אַז די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן אין 1897).

פאַראַן אַ מיינונג, אַז דעם ערשטן אָנטוואורף צו אָט־דער באַאַרבעטונג האָט געמאַכט דער טראַגיש־פאַרשטאָרבענער דיכטער יוסף באָוושאָווער (יואל ענטין, יידישע פּאָעטן, צווייטער טייל, ניו־יאָרק, 1927, זייט 259). דאָס זעט אָבער אויס אוממעגלעך, ווען מיר ווייסן, אַז גאָרדינס פּיעסע איז שוין אויפגעפירט געוואָרן אין 1894. באָוושאָווער אָבער ווערט ערשט פאָראינטערעסירט אין יידי־שן טעאַטער נאָכדעם, ווי ער פאַרעפנטלעכט זיין איבערזעצונג פון שעקספּירס „שיילאָק" פאַר אַלעקסאַנדער האַרקאַוויס חודש־זשורנאַל „דער נייער גייסט", 1898.

„רייזעלע איז גאָרדינען נישט געלונגען. ער האַלט זיך צו נאָענט צו שילערס סוזשעט. די געליבטע ווערן געשטערט אין זייער ליבע. ווען אַלע געוואַלד־מיטלען העלפן ניט, זוכן די שטע־רער איינצורעדן דעם געליבטן, אַז זיין געליבטע האָט אים פאַרראַטן. ביי שילערן ענדיקט זיך די פּיעסע דערמיט, וואָס די געליבטע ווערט פאַרסמט. יעקב גאָרדין האָט אָבער, ווי שוין דערמאָנט, נישט געוואָלט אַרויסטרעטן קעגן דעם יושר־געפיל פון די יידישע מאַסן.



„מאיר יוזעפאָוויטש"
(מאַקס ראָזענטאַל — דער שוואַרצער ייד)

ער האָט דעריבער צוגעגעבן אַ פינפטן אַקט. דער פערטער אַקט ענדיקט זיך ענלעך ווי ביי שילערן. דער געליבטער (הערשעניו) פאַרסמט זיין געליבטע (רייזעלע — די טאָכטער פון זעליג איציק דעם קלעזמער). אין פינפטן אַקט ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דער סם איז קיין סם נישט געווען. אַלץ ווערט דעמאָלט אויפגעקלערט און ס'ענדיקט זיך מיט אַ גליקלעכער צוזאַמענפאַר פאַר חתן־כּלה...

מער איינדרוק האָט געמאַכט גאָרדינס אַן אַנדערע פּיעסע אין זעלביקן סעזאָן (1895) — „דער שוואַרצער ייד, אָדער מאיר יו־זעפאָוויטש", אַ דראַמע אין פיר אַקטן און צוועלף בילדער. די פּיעסע (געשטיצט אויפן פּוילישן ראָמאַן פון עליזא אָזשעשקאָוואַ) האָט אויסגענומען מער מיט אירע אַפאָריזמען (ווייניקער מיט איר סוזשעט), — אַזוי ווי אָסקאַר ווײַלדס קאָמעדיעס אין יענער צייט. אָט זיינען אייניקע מוסטערן:

„אַמאָל האָט דאָס יידישע פאָלק געשלאָגן יעדן גרויסן און וואָרן [אמתן] נביא, און היינט קאָן יעדער קליינער און פאַלשער נביאלע שלאָגן און אונטערדריקן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק".

„דבר אל בני ישראל ויסעו! — רעד צום יידישן פאָלק, און ער [עס] וועט ציען — ער [עס] וועט אויפוואַכן און גיין פאָר־אויס!"

„אַ מענטש לעבט ניט דערויף, די פערד זאָלן אים פירן אין שטאָל אַריין; ער לעבט דערויף — ער זאָל די פערד פון שטאָל אַרויספירן".

* * *

אַ גאָר געוואָגטע פּיעסע איז געווען „דער רוסישער ייד אין אַמעריקע", אויפגעפירט אין 1895 מיט אַדלערן אין דער הויפּט־ראָלע. די געוואַגטקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס קריטיקירנדיק אַלץ, וואָס איז שלעכט איבעם יידישן לעבן אין אַמעריקע, האָט גאָר־דין אויך אויפגעדעקט די וואונדן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ב. גאָרין באַמערקט צו אָט־דער פּיעסע, אַז זי כאַראַק־טעריזירט גאָרדינען מער, ווי אַלע זיינע אַנדערע פּיעסן. יעקב גאָרדין האָט געוואָגט צו קריטיקירן די יוניאָנס, כאָטש ער האָט צווישן זיי געהאַט זיינע הייסטע אָנהענגער. דאָס האָט אים אָבער נישט אָפּגעשראָקן אָנצוואַווענדן זיין בייסיקע סאַטירע „קעגן דעם,

וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר אַן איבל״ (געשיכטע פון יידישן טע־אַטער, באַנד צוויי, זייט 120).

אַרום דעם אידעאַליסטישן רוסישן ייד (סאָלאָמאָן גרינשטיין) ווייזט גאָרדין אַ גאַנצע ריי טיפּן פון דער „איסט סאַיד״ אין ניו־יאָרק, צווישן זיי אויך דעם „לעיבאָר פעיקער״ (דער אַרבעטער־פאַרפירער הוזדאַק). דער פאַלשער קאַריעריסטישער הוזדאַק לאַכט זיך אויס פון אידעאַלן. זיין כלל איז: „צו וואָס דאַרף איך שכל, אַז איך האָב אַ קאָנסטיטוציע״...

דאָס דאָזיקע ווערטל, וואָס איז דעמאָלט געוואָרן פּאָפּולער אונטערן נאָמען „הוזדאַקיזם״, האָט אַרויסגערופן בייז בלוט צווישן אַ טייל יידישע יוניאָן־פירער. די, וואָס האָבן זיך געפילט גע־טראָפן, האָבן אין די יוניאָנס געהעצט קעגן גאָרדינען.

פון דער אַנדערער זייט האָט אים די קאָנסערוואַטיווע פּרעסע געשטעמפּלט פאַר אַן אַנטיסעמיט דערפאַר, וואָס צווישן זיינע יידישע טיפּן געפינט זיך אויך אַ קרעמער, וואָס „ברענט אַלע וואָך״... די יידישע „פּאָליטישנס״ (רעדל־פירער) האָבן אויך גאָרדינען נישט מוחל געווען זיין קאַריקאַטור פון זיי אינעם טיפּ פונעם איסט־סאַידער „פּאָליטישינער״ (כאַלדעק), וועלכער איז קלאָר אין די אַמעריקאַנער „זאַקאָנעס״ — „לאַיק אַ וואָטער״ (ווי אַ וואַ־סער) און ווייסט, אַז ווען דער „פּאָליסמען״ וויל זיך האַלטן ביים געזעץ, דאַרף מען אים ווייזן אַ „גרין בלעטל״, אויף וועלכן עס שטייט אַ פינף, און נישט בלויז ווייזן, נאָר טאַקע עס אים דער־לאַנגען (פון הינטן־אַרום, ווייל „די אויגן טאָרן נישט זען, וואָס די האַנט נעמט״...).

אין זיין רעצענזיע (יולי, 1895) דערקלערט ווינטשעווסקי, אַז „גאָרדין האָט אונדז געגעבן אַ ריי בילדער פון אונדזער אייגענעם לעבן״, וואָס זיינען „אַזוי נאַטור־געטריי, אַזוי קונסט־געטריי״. גאָר־דין האָט געליפערט אַ פּיעסע, וואָס „האָט פאַר אַ העלד אַ מענטשן, מיט וועלכן דער אויסגעפּרעסטער, אויסגעסוועטעטער (אויסגעשוויצ־טער), אונטערדריקטער אַרבעטער קאָן האָבן קנאַפּ־וואָס סימפּאַטיע — — — און דאָך זעט מען עס איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, און וואָס מער מען זעט עס, עפנט מען אַלץ מער די אויגן און מען פילט אַלץ מער דעם שרעקלעכן צושטאַנד, אין וועלכן די וועלט געפינט זיך אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. מען זעט אַלץ דייטלעכער, אַז עס מאַכט נישט נאָר אומגליקלעך דעם אַרבעטער,

„שלמהקע שאַרלאַטאַן"
(אויבן: דוד קעסלער — שלמהקע:
אונטן: יעקב זילבערט — שלמהקע)

זאַנדערן [נאָר] אויך דעם קאַפּיטאַליסט, ווען ער, דער קאַפּיטאַליסט, איז נאָר אַ מענטש מיט אַ מענטשלעכע האַרץ״.

* * *

אין 1896־97 האָט אַדלער אויפגעפירט אַ צענדליק פּיעסן פון יעקב גאָרדין. געבליבן פון זיי אין רעפּערטואַר פונעם יידישן טע־אַטער זיינען בלויז צוויי: „מעדעא״ און „שלמהקע שאַרלאַטאַן״.

„מעדעא״, אַ דראַמע פונעם לעבן איבעם אַלטן גריכנלאַנד, איז באַאַרבעט פון גריל־פּאַרצערס ווערק. די באַדייטונג פון אַט־דער פּיעסע פאַר גאָרדינס ווייטערן וועג איז דער פאַקט, וואָס ער האָט די הויפּט־ראָל אויסגעצייכנט צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער פון קעני ליפּצין. זי ווערט דורך „מעדעא״ אַ באַרימטע שוישפּילערין, און דאָס דערמוטיקט גאָרדינען צו ווייטערע שאַפונגען, אָריגינעלע און קינסטלערישע.

„שלמהקע שאַרלאַטאַן״ איז געשריבן אונטערן איינפלוס פון אסטראָווסקין. די פּיעסע איז אָבער ניט אַנאָנסירט געוואָרן אַלס אַ נישט־אָריגינעלע. גאָרדינס נאָמען איז דעמאָלט געווען שטאַרק פּאָפּולער און דאָס טעאַטער האָט ניט געוואָלט צוגעבן קיין צווייטן נאָמען, בפרט אַזאַ (אין אַמעריקע) אומבאַקאַנטן, ווי אָסטראָווסקי. יעקב גאָרדין האָט געקעמפט קעגן אַט־דער באַציאונג. אַמאָל פלעגט אים געלינגען אַרויסצוקריגן אַ נאָטיץ אין אַ צייטונג, אַז די פּיעסע איז באַאַרבעט (ווי דער פאַל איז געווען ביים אויפפירן „די דריי פּרינצן״). אַמאָל ווידער האָט ער דורכגעפירט, אַז דער אַנאָנס זאָל געענדערט ווערן פון „באַאַרבעט״ אויף „איבערזעצט״ (ווי דאָס איז פאָרגעקומען ביים אַנאָנסירן זיין איבערזעצונג פון איבסענס „פאָלקספיינט״). שפּעטער האָט ער עס אויך, לויט ווינטשעווסקין, צוגעשטעלט ביי די בעמען פון די פּיעסן גופא.

די ראָל פונעם שאַרלאַטאַן האָבן געשפּילט אַמאָל אַדלער און אַמאָל קעסלער, דאָס רוב דער לעצטער. קעסלער האָט זי אויך געמאַכט פּאָפּולער אין אייראָפּע דורך זיינע גאַסטראָלן. זי איז גע־בליבן אין רעפּערטואַר און איז אויך אַרויס אין בוך־פאָרם א. נ. „דער שאַרלאַטאַן״, אין פשעמישל, 1912.

פאַרגעסענע דערפאָלג־פּיעסן

אַחוץ די שוין דערמאָנטע פּיעסן, וואָס זיינען פאַרבליבן אין רעפּערטואַר, זיינען אויך געווען אַ ריי דערפאָלג־רייכע פּיעסן, וואָס זיינען שוין היינט נישט מער באַקאַנט. אַזאַ פּיעסע איז געווען „צוויי וועלטן, אָדער דער שטרייק אין ביאַליס־טאָק" (אַנגערופן אויך „דער גרויסער סאָציאַליסט"), אויפגעפירט דעם 10טן יאַנואַר, 1896, אין אַדלערס טעאַטער (104־106 בויערי). יעקב גאָרדין איז דאָרט געווען דער פּערמאַנענטער „אויטאָר", און דאָס טעאַטער האָט יענעם סעזאָן געשפּילט כסדר זיינע ווערק, אַל־טע און נייע.

די „צוויי וועלטן" (פיר אַקטן און אַ פּראָלאָג) איז געשפּילט געוואָרן פיר וואָכן נאָכאַנאַנד. די פּיעסע ווערט דעמאָלט אַנאָנסירט ווי אַ „גרויסער דערפאָלג, גרויסער בייפאַל, גרויסער זיג און גלענצנדער טריאומף". שפּעטער ווערט זי אָפט געשפּילט מאַטינע (נאָכמיטיק) און פאַר בענעפיסן, באַזונדערס פאַר ביאַליסטאָקער פאַראיינען אין ניו־יאָרק און אויף דער פּראָווינץ. אויך יעקב גאָר־דין ווילט זי אויס פאַר זיין בענעפיס דעם 12טן פעברואַר, 1896. ער האָט אָבער צו איר צוגעגעבן, צום שלוס, אַ „לוסטיקע קאָ־מעדיע" מיטן נאָמען „דער בער", און איז אויפגעטראָטן מיט אַ פאָרטראָג צווישן די אַקטן, אויף דער טעמע: „דער אַנטיסעמי־טיזמוס אין יעקב גאָרדינס פּיעסן".

אין דער ערשטער אויפפירונג האָבן געשפּילט: מאָריס מאָשקאָוויטש (דעם רייכן פאַבריקאַנט לייזער טורקאָוו), יעקב פּ. אַדלער (דעם פאַבריקאַנטס פלימעניק באָריס, און אויך דעם שוסטערס זון עליע), מאָריס (מ. ל.) מייערסאָן, וועלכער גאַסטראָלירט שפּעטער מיט דער פּיעסע איבערן לאַנד (דעם אַלטן שוסטער ישראַליק שטיוול־זאָן), סעמיועל טאָרנבערג (דאָס לערניינגל אפרים), סערע אַדלער (דעם פאַבריקאַנטס טאָכטער דבורה און דעם שוסטערס פרוי תמר),

מערי ווילענסקי (דאָס דינסטמיידל פריידל); קלענערע ראָלן האָבן געהאַט די שוישפּילער טעפּליצקי, קאַליש, קאַצמאַן און שעווסקי. די ראָל פונעם רוסישן פּאָליצמייסטער האָט געשפּילט אַ רוסישער שוישפּילער, קאָמאַראָוו.

די פּאָפּולערקייט פון דער פּיעסע „צוויי וועלטן" איז דעמאָלט געווען אַזוי גרויס, אַז דריי פערטל יאָר שפּעטער ווערט זי אויפגעפירט אין ווינדזאָר טעאַטער, וואו לאַטיינער איז געווען דער „אויטאָר". די פּיעסע ווערט גרויס אַנאָנסירט און ס'טרעטן אין איר אויף סאַמע „סטאַרס": בערטאַ קאַליש אַלס דבורה, בעסי טאָמאַשעווסקי — לערנבוינגל, רודאָלף מאַרקס — ישראליק שוסטער, טאָמאַשעווסקי — עליע, ראַזענטאַל — באַריס, שייגאָלד — דער פאַבריקאַנט.

ביט געקוקט אָבער אויף די אַלע דערפאָלגן, ווערט די פּיעסע שוין אויף דעם צווייטן יאָר זעלטן, אָדער גאָרנישט געשפּילט. גאָרדין האָט צו־וויניק געקענט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע און פּוילן, ער זאָל קאָנען שאַפן אַ רעאַליסטיש ווערק פון איר לעבן און קאַמף.

* * *

דער זומער 1896 איז געווען אַ קריטישע צייט פאַר יעקב גאָרדין. אַדלערס טעאַטער, מיט וועלכן גאָרדין איז געווען פאַר־בונדן אַלס „אויטאָר", הערט אויף שפּילן אין פרילינג, מיט אַ חודש פריער, ווי די אַנדערע יידישע טעאַטערס. גאָרדין בלייבט אָן פּרנסה. דערצו פאַרפּלאָנטערט ער זיך אינעם פראַקציאָנעלן קאַמף אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, די „ס. ל. פּ.". ער שטעלט זיך אויף דער זייט פון ווינטשעווסקין און אַנדערע אָפּאָ־זיציאָנערן קעגן פיליפּ קראַנצן (אין אַ סעריע אַרטיקלען: „וואו פירט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג"). די אָפּאָזיציע האָט אָבער נאָך דעמאָלט נישט געהאַט קיין אייגענעם אָרגאַן. דאָס „אבענד־בלאַט", אונטער פיליפּ קראַנצעס רעדאַקציע, איז געווען די איינ־ציקע טעגלעכע יידישע אַרבעטער־צייטונג. זי האָט אויסגעאיבט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער פירערשאַפט פון די יידישע יוניאָנס, און האָט אַזוי אַרום שוין פריער געהאַט פאַראורטיילט גאָרדינס פּיעסע „דער רוסישער ייד אין אַמעריקע".

די פּראָגרעסיווע כוואַליע, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן צום לעבן דורך ברייענס וואַל־קאַמף אין די פּרעזידענט־וואַלן פון 1896, האָט גאָרדינען באַגייסטערט. ער האָט יענעם זומער געשילדערט

אַ בילד, ווי ער פאַרברענגט „אַן אָוונט ביי דעם רוסישן ייד" (ביים העלד פון זיין פּיעסע). דער „רוסישער ייד" דערציילט גאָרדינען, ווי ער ענדערט זיין מיינונג וועגן דעם אַמעריקאַנער לעבן און ער דערקלערט: „איך, דער רוסישער ייד, הויב־אָן ליב צו האָבן אַמעריקע"... גאָרדין האָט אָבער דערביי נישט צוריקגעצויגן זיין קריטיק קעגן דער יוניאָן־פירערשאַפט. פאַרקערט, ער האָט זיין קריטיק נאָך פאַרטיפט און פאַרשאַרפט, און באַשולדיקט קראַנצן, אַז אויך ער שטיצט דעם „הוזדאקיזם", דעם נישט ערלעכן יוניאָן־ביוראָקראַטיזם.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז צו זיין מאַטעריעלער נויט איז נאָך צוגעקומען איזאָלירטקייט. יעקב גאָרדין בלייבט אַליין אינעם שווערן קאַמף קעגן דעם שונד־טעאַטער.

ס'איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס אין זיין סעריע אַר־טיקלען „די לאַגע פון יידישן טעאַטער" (געשריבן יענעם זומער, 1896) הערן זיך יאוש־טענער, הגם נישט אַזוינע שטאַרקע, ווי ביי אַ טייל יידישע טעאַטער־קריטיקער פון איבער פערציק און פופ־ציק יאָר שפּעטער.

* * *

אָנהויב אָקטאָבער, 1896, ווערט גאָרדין ווידער אַן אָפיציעלער „אויטאָר". דאָס מאָל אין טאַליאַ־טעאַטער פון אַדלער און קעס־לער. זיין נייע פּיעסע פאַר זיי, „אלישבע" (אויפגעפירט צום ערשטן מאָל דעם 23טן אָקטאָבער; אין ב. גאָרינס רשימה פאַרצייכנט: „שלמהלע שאַרלאַטאַן"), ווערט געשפּילט דריי וואָכן, און ווערט נאָכדעם פאַרביטן אויף אַן אָפּערע „קול שופר" (דעם 26טן נאָוועמ־בער), וואָס גאָרדין האָט באַאַרבעט פון ווערדיס אָפּערע „ערנאַני", באַזירט אויף אַ דראַמע פון וויקטאָר הוגאָ. דאָס איז אפנים געטאָן געוואָרן, כדי צו באַפרידיקן דוד קעסלערס אַמביציע אַלס זינגער. צוליב דעם טעם איז קענטיק אויך אויפגעפירט געוואָרן פון צייט צו צייט גאָלדפאַדענס „שולמית", „בר כוכבא" און אַנדערע אָפּע־רעטעס.

אין יענער צייט, 1896, ווערט גאָרדין באַטראַכט פאַר אַן „אָפּערע־מייסטער" אפילו אין ווינדזאָר־טעאַטער, וואו יאָזעף לאַ־טיינער איז געווען דער „פּערמאַנענטער אויטאָר". טאָמאַשעווסקי פירט דאָרט אויף (אין נאָוועמבער) גאָרדינס „גרויסע פאַנטאַסטישע אָפּעראַ" — „דער ווילדער קעניג", וואָס ווערט אַנאָנסירט „אויף

זייער שטייגער״: זיי ציטירן אַ קריטיקער (מסתמא טאָקע טאָ־מאַשעווסקי אַליין), וואָס „האָט געזען יעקב גאָרדינס מאַנוסקריפּט״ און אַזוי געזאָגט:

„אַלעס, וואָס די געטלעכע פּאָעזיע קאָן ערייכן [דערגרייכן], אַלעס וואָס איז שיין און דערהאָבן, איז פאַרבונדן מיט דיזער אָפּערע. עס קלינגט אַזוי האַרמאָניש, ווי דאָס מאָרגן־ליד פון די [דער] שוואַלבע און איז אימשטאַנד אַנצוצינדן אין יעדן אַ פלאַם־פייער פון באַגייסטערונג. יעדע פּראָזע, יעדעס וואָרט איז אַ פּערל. עס איז פאַנטאַסטיש, הערלעך און עס איז אַ גרויסער זיג [פון] דער קונסט״...

דערצו באַמערקט דאָס טעאַטער פון זיין זייט אַזוי:

„יעדער טעאַטער־באַזוכער ווייסט, וואָס ה׳ גאָרדין איז, און אונדז בלייבט איבעריק צו רעדן איבער דיזער גרויסער און וויכ־טיקער אָפּערע, וועלכע איז אַ גרויסע סטודיום פון אַ וואונדער־לעכן פּסיכאָלאָגישן טיפּ״.

יעקב גאָרדינען איז, ווייזט־אויס, נישט נִיחא געווען דער לויב־געזאַנג פאַר אים, ווי אַ „אָפּערע־מחבר״, און ער נעמט שרייבן אונטער אַ פּסעוודאָנים. נאָך „קול שופר״ אין אַדלער־קעסלערס טאַליאַ טעאַטער קומט שוין אַן „אָפּערן־טראַגעדיע״ אין פינף אַקטן — „די געהיימניסע פון לאָנדאָן״, וואָס ווערט אַנאָנסירט אַלס „צוגע־שיקט פונעם געניאַלן און וועלט־באַרימטן פּראָפ. יאַקאָבי אויס לאָנדאָן״. אין ניו־יאָרק האָט מען אָבער חושד געווען, אַז יאַקאָבי איז יעקב גאָרדין, וואָס וויל ווייזן, אַז ער קאָן אויך מאַכן אַ „היס־טאָרישע אָפּער״ פונקט אַזוי שלעכט און „סוקסעספול״, ווי פּראָפּ. הורוויץ. דער לעצטער האָט טאָקע תיכף איינגעזען די געפאַר פון אַזאַ קאָנקורענץ און אָנגעשריבן פאַר אַדלער־קעסלערס טעאַטער אַן אָפּערע „מאַרי באַרבאַרי [מערי בערבערי]״, אָדער דאָס לעבן [פון] דער נשמה אין חלום״, וואָס איז אַנאָנסירט געוואָרן ווי אַ „טיפע פּסיכאָלאָגיע״ און דערביי רעקלאַמירט דעם „פּראָפעסאָר״ אַלס באַרימטן געלערנטן... דער סוף איז געווען, אַז די „אָפּערן טראַגעדיע פון פּראָפ. יאַקאָבי״ האָט נאָך צוויי אויפפירונגען (11טן און 12טן דעצעמבער 1896) געמוזט אָפּטרעטן די בינע פאַר דעם עכטן שונד־מייסטער הורוויץ.

אין 1897 איז שוין יעקב גאָרדין נישט מער דער „אויטאָר״ אין אַדלערס טעאַטער. גאָרדינס זאַכן ווערן דאָרטן זעלטן־ווען

געשפּילט. ווען טאָמאַשעווסקי טרעט דאָרט אַריין אַלס שותף, שפּילט מען כמעט כסדר די פּיעסן פון הורוויץ און לאַטיינער. סוף זומער, ערב די ימים־נוראים, דעם 27טן אויגוסט, באַווייזט זיך דאָרט אַ נייע פּיעסע פון יעקב גאָרדין — „דבורהלע מיוחסת".

גאָרדין ווערט דאָרט אַנאָנסירט ווי „אַ גאַסט אין ווינדזאָר טעאַטער". ער האָט דעמאָלט געלעבט דער עיקר ווי אַ צייטונג־שרייבער אינעם „פאָרווערטס", דעם ניי־געגרינדעטן אָרגאַן פון דער אָפּאָזיציע, און איז מער נישט געווען פאַרבונדן דירעקט מיט קיין טעאַטער אַלס „אויטאָר".

צוליב די מחלוקות אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז די מיינונג וועגן גאָרדינס „דבורהלע מיוחסת" געווען אַ פאַר־שיידענע: ווינטשעווסקי, אין „פאָרווערטס", האָט עס דערקלערט פאַר אַ קונסטווערק; אינעם „אָבענדבלאַט" אָבער האָט מען די פּיעסע מבטל געווען.

אין די אָנאָנסן איז געווען אָנגעגעבן, אַז דער סוזשעט איז גענומען פון אָסטראָווסקין. אין דער אמתן איז דער מאָטיוו אַן עלטערער. עס איז די דראָמע פון אַ געמישטער הייראַט צווישן מיוחסים און פּשוטע לייט. ביי אָסטראָווסקין איז דער קאָנפליקט צווישן דער מיוחסת טאַניא און איר קרעמערשן מאַן קראַסנאָוו. אין גאָרדינס פּיעסע זיינען די פּערזאָנען עכט־יידישע טיפּן. דבורהלעס מאַן שמעון אייזענשלאָס איז נישט קיין הערשזיכטיקער, יוסטער באַלעבאָס, ווי קראַסנאָוו, נאָר אַ גוטמוטיקער, באַשיידענער אַרבעטער, אַ שלאָסער.

דבורהלע די מיוחסת שטייט העכער אין יחוס און בילדונג פון דעם פּשוטן בעל־מלאכה שמעון אייזענשלאָס. די נויט אָבער צווינגט זי מיט אים חתונה צו האָבן. ער האָט זי שטאַרק ליב און ס'איז איר גאַנץ גוט ביי אים. אָבער דבורהלעס שוועסטער פאַרגינט נישט שמעונען און זיין פּראָסטער משפּחה אַזאַ יחוס. ברענגט זי צוזאַמען דבורהלען מיט איר אַמאָליקן געליבטן, אַן אַדוואָקאַט, און שמעון ווערט צעפּרעסן פון איפערזוכט.

די ראָל פון שמעון איז געשפּילט געוואָרן פון באָריס טאָ־מאַשעווסקין און די ראָל פון דבורהלען פון סערע אַדלער. עס האָבן זיך דאָרט אויך אויסגעצייכנט מאָגולעסקאָ, מאַשקאָוויטש, בלאַנק, ראַטשטיין, בעסי טאָמאַשעווסקי, פּאולינא עדעלשטיין און עני מאָנע. די פּיעסע איז געבליבן אין רעפּערטואַר און איז אויך אַרויס אין בוך־פאָרם (וואַרשע, 1907).

גאָרדין און די יידישע אַרבעטערשאַפט

יעקב גאָרדין האָט אָנגעהויבן זיין דראַמאַטורגישן וועג אונטער דער השפּעה פון דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. באַזעלט פון איר פּיאָנערישן ראַדיקאַליזם, שאַפט ער זיין ערשטלינג־פּיעסע „סיביריא", און באַוואוסטזיניק וועגן איר אינטעליגענץ, הויבט ער אָן אַ שמיטה שפּעטער זיין צוויטן פּעריאָד מיט זיינע בעסערע דראַמען פונעם אַלטמאָדישן יידישן לעבן. ס'איז כלל ניט איבערטריבן די באַהויפּטונג פון יעקב מילך („יידישע קולטור", נומ. 7, 1939, ז. 31), אַז „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט איבערגעפורעמט דעם גאַנצן גייסטיקן אינהאַלט פון דער פּערזאָן יעקב גאָרדין".

די ערשטע יאָרן, ווען דער יידישער ראַדיקאַלער אַרבעטער־עולם איז נאָך נישט געווען גענוג צאַלרייך צו קאָנען אָנפילן דאָס יידישע טעאַטער, האָט יעקב גאָרדין געמוזט זיך אַביסל צופּאַסן צו די דעמאָלטדיקע, נאָך נישט־גענוג אַנטוויקלטע יידישע פאָלקס־מאַסן. זיי האָבן געזוכט אינעם יידישן טעאַטער אַמוזירונג (געזאַנגען און טענץ), רירונג (לאַכן און וויינען) און דערינערונג (סצענעס פונעם יידישן לעבן, אָדער פון דער יידישער געשיכטע). צוערשט האָט דאָס אַמעריקאַנער יידישע טעאַטער זיי געגעבן די היימישע „קוני־לעמלס", „די באָבע מיטן אייניקל", „שולמית", „בר כוכבא" און אַנדערע גאָלפאַדען־פּיעסן. שפּעטער, אונטערן איינפלוס פונעם אַמעריקאַנישן בורלעסק און מעלאָדראַמע, האָט מען אָנגעהויבן פאַר זיי פּראָדוצירן „אומגליקלעכע מעדכענס", „גרינהאָרנס", און אויך „היסטאָרישע" שמשון הגבורס, שלמה המלכס, און אַזוי ווייטער.

יעקב גאָרדין זוכט צו געווינען די הערצער פון די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן דורך אַזוינע פּיעסן, ווי דער „פּאָגראָם אין רוסלאַנד" „דער יידישער קעניג ליר", „די ליטווישע ברידער

לוריע", „דער שוואַרצער ייד", „דאָס גאָלדענע קאַלב", „די דריי פּרינצן". ער שרייבט נישט אין יענע יאָרן קיין פּיעסן פונעם קאַמף צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט (הגם פאַראַן ביי אים אַ פּיעסע מיטן נאָמען „קאַפּיטאַל, ליבע און מאָרד". אגב, אַ פּיעסע „קאַ־פּיטאַליסטן און אַרבעטער" האָט גראָד פאַרפאַסט דער דעמאָלט באַרימטער „אָפּערן־מאַכער" פּראָפ. הורוויץ). גאָרדינס פּיעסן האָבן אָבער אַריינגעטראָגן צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן פּראָגרעסיווע

„גאלילעי"
(מאַקס ראָזענטאַל — ברונאָ)

געדאַנקען און שפּריכווערטער, וואָס האָבן געוועקט דאָס געוויסן און דערנענטערט צו די סאָציאַלע אידייען פון דער יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג.

זיין שווערע מאַטעריעלע לאַגע האָט גאָרדינען געצוואונגען צו געבן, פון צייט צו צייט, אַ „היסטאָרישע אָפּערע", ווי „מחמד אונד די יודן אין אַראַביע"; אָבער אין פאַרגלייך מיט די דעמאָלט פּאָפּולערע „אָפּערעס", ווי „יפת תואר, אָדער בלעם הרשע" א. א., איז עס געווען אַ ליטעראַריש ווערק. אויך אין אַזוינע מינדער־ווערטיקע פּיעסן האָט גאָרדין פאַרשפּרייט פּראָגרעסיווע אידייען און געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו איבערדערציען די יידישע טעאַטער־באַזוכער — עטיש און עסטעטיש.

פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט גאָרדין אַ געוויסע צייט אונטערגעשעצט די אינטעליגענץ פון די ברייטע יידישע פֿאָלקס־מאַסן. די דערפֿאָלגן פון אַלערליי שונד־פּיעסן האָבן אים געמאַכט דענקען, אַז די ברייטע יידישע מאַסן קאָנען ניט פֿאַרדייען עפּעס בעסערס. ער זוכט דעריבער דעמאָלט אויסצומיידן העכערע באַגריפֿן און פֿאַסט־צו זיין שפּראַך צום פֿאַרשטאַנד פונעם צוריקגעשטאַנענעם מענטשן. אינטערעסאַנט איז, אַז ער האָט פֿאַר דעם געקראָגן אַן אויסרייד פונעם פּאָפּולערן ראָמאַנען־שרייבער מ. שייקעוויטש (שמ״ר). דאָס איז געווען נאָך דער אויפֿפֿירונג פון „מעדעאַ״ (4טן יוני, 1896). שמ״ר האָט געלויבט גאָרדינס באַאַרבעטונג (פון גרילפּאַרצער), אָבער ער האָט קריטיקירט דאָס אַריינגעבן קסענאָפֿאַנטוסן אַזוינע אויסדרוקן, וואָס פּאַסן נישט אין אַזאַ ערנסטער טראַגעדיע.

* * *

יעקב גאָרדין האָט געשריבן אַ סך סקיצן פונעם אַמעריקאַנער לעבן. עס איז אָבער פֿאַר אים געווען גענפערלעך צו שרייבן אַ פּיעסע אויף אַן אַמעריקאַנער טעמע. דאָס האָט אַרויסגערופֿן צופּיל בייז בלוט. זיין ערשטע פּיעסע פונעם יידישן לעבן אין אַמעריקע, וואָס האָט אין אַנהויב געהייסן „דהי עלעקשאַן דעי״, אָדער די רוסישע יידן אין אַמעריקע״, האָט ביי איר ערשטער אויפֿפירונג (דעם 18טן יאַנואַר 1895) אַרויסגערופֿן דעם פּראָטעסט פון אב. קאַהאַן.

שילדערנדיק די „איסט סייד״ (דעם יידישן קוואַרטאַל), האָט גאָרדין אַרויפֿגעפֿירט אויף דער בינע נישט בלויז דעם פּאָליטישן „רעקעטיר״ (שווינדלער), פּייערמאַכער, א. ד. גל. שלעק, נאָר אויך דעם פֿאַרקויפֿטן קאַריעריסטישן יוניאָן־פּאָליטישן. אייגנטלעך איז דער קאַמף קעגן דעם „לעיבאָר פעיקער״ (אַרבעטער־פֿאַרפֿירער) דעמאָלט געווען די הויפּט־לאָזונג פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי („ס. ל. פּ.״) אונטער דעליאָנס פירערשאַפט. אַב. קאַהאַן איז אָבער נישט געווען צופֿרידן מיט אָט־דער ריכטונג און ער האָט אויסגעשריען ביי דער פֿאַרשטעלונג אין טעאַטער, אַז די געשטאַלט פון דעם יוניאָן־ביוראָקראַט, הוזדאַק, איז פֿאַלש. אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער ריס צווישן יעקב גאָרדין און זיין פֿריערדיקן שבחים־זינגער, אַב. קאַהאַן.

נישט געקוקט אויף קאַהאַנס אויסגעשריי „ס'איז אַ ליגן!‟, האָט דאָך די פּיעסע דעמאָלט שטאַרק אויסגענומען ביי די יידישע אַר־בעטער־מאַסן. זי איז געשפּילט געוואָרן זעקס וואָכן נאָכאַנאַנד, און נאָכדעם האָט מען זי עטלעכע יאָר שפּעטער געשפּילט מאַטינע און צו בענעפיסן, אין ניו־יאָרק און אויף דער פּראָווינץ. ווי ס'זעט אויס, האָט אַב. קאַהאַן זיך באַנוגנט מיט זיין מינדלעכן אויסרוף. ער האָט אָבער גאָרנישט געשריבן צו באַווייזן, אַז דער הוזדאַקיזם אין דער אַרבעטער־באַוועגונג איז אַ ליגן.

דעם 2טן מערץ, ווען „דער רוסישער ייד אין אַמעריקע‟ (ווי די פּיעסע האָט נאָכדעם געהייסן) איז געשפּילט געוואָרן די זעקסטע וואָך, האָט גאָרדין פאַרעפנטלעכט אַ בריוול אין רעדאַקציע פון „העראַלד‟, אין וועלכן ער ענטפערט אויף אַ פראַגע, פאַרוואָס די „יידישע פּרעסע בכלל‟, און אַב. קאַהאַן בפרט, „פאַרשווייגן‟ זיינע פּיעסן:

„די יידישע פּרעסע בכלל, ווי מען האָט מיר דערציילט, פאַר־קערט, קריטיקירט זייער פלייסיק מיינע פּיעסן — — — אַז די 'גרעסטע' יידישע קריטיקער ראַטן מיר פריער זיך אויסלערנען שטיוול פוצן און דאַן וועל איך שוין זיין אַ גוטער ליטעראַט. — פאַרוואָס מר. קאַהאַן שווייגט: איז עס דערפאַר, ווייל ער מיינט, אַז עס איז שוין מער נישט געבליבן וואָס צו זאָגן, אָדער אַנדערע אורזאַכן — דאָס קאָן איך נישט וויסן. איך האָב אַלץ דערוואַרט, אַז נאָך זיין 'דעמאָנסטראַציאָן' אין טעאַטער, וועט ער שענקען דעם 'רוסישן ייד אין אַמעריקע' אַ שטיקל פּלאַץ [אין דער ציי־טונג], און בין געבליבן מיט אַן אומפאַרענטפערטע[ר] קשיא. איך מיין, אַז מיין קאָרעספּאָנדענט וואָלט גלייכער געטאָן, ווען ער זאָל זיך, אַנשטאָט צו מיר, ווענדן מיט זיין פראַגע צו אַב. קאַהאַן‟.

דאָך, נישט געקוקט אויף זיין פאַראיבל אויף קאַהאַנס פּריי־ערדיקער „דעמאָנסטראַציאָן‟ און נאָכדעמדיקן פאַרשווייגן, האָט גאָרדין געשטיצט די אָפּאָזיציע קעגן „אבענדבלאַט‟ און פיליפּ קראַנצן, כאָטש דאָס האָט געמיינט שטיין מיט קאַהאַנען אין איין צד. נאָכדעם, ווען די אָפּאָזיציע עטאַבלירט אין אַפּריל, 1897, דעם „פאָרווערטס‟, ווערט דאָרט גאָרדין אָפילו אַן אינווייניקסטער מיטאַרבעטער, הגם די ערשטע פּאָר חדשים איז קאַהאַן געווען דער רעדאַקטאָר. (קאַהאַן ווערט ווידער רעדאַקטאָר ערשט פינף יאָר שפּעטער, אין 1902, ווען יעקב גאָרדין איז שוין גוט עטאַב־

לירט, ווי אַ דראַמאַטורג און איז נישט מער אַנגעוויזן אויף צײַ־טונג־אַרבעט).

* * *

גאָרדינס ווידער־דערנענטערונג צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען זייער גינסטיק פאַר זיין ווייטערן שאַפן. ער זעט דעמאָלט פאַר זיך אַ צאָלרייכע באַוואוסטזיניקע אַרבעטער־שאַפט, צו וועלכער מ׳קאָן רעדן, ווי אין יעדער אַנדערער ליטע־ראַטור. ער טרעט דעמאָלט אַרויס אין זונטיק־„פאָרווערטס״ (1897) מיט אַ סעריע אַרטיקלען איבער דער וועלט־דראַמע, אין וועלכע ער דערקלערט דעם עצם פון דער דראַמאַטישער קונסט, איר טע־אָריע און פּראַקטיק. ער רעדט מיט באַגייסטערונג וועגן דער קלאַ־סישער גריכישער דראַמע און שטעלט זי אָן אַ שיעור העכער פון די ווערק פון די סאַרדאָס און דיומאַס פונעם פּאָפּולערן פראַנ־צויזישן טעאַטער אין די ניינציקער יאָרן. ער האַלט בכלל ווייניק פון דער דראַמאַטישער ליטעראַטור פון די ראָמאַנישע פעלקער. אָן אויסנאַם מאַכט ער פאַר קאַלדעראָן — דעם שפּאַניער, אַלפיערי — דעם איטאַליענער, און מאָליער — דעם פראַנצויז. די ענגלישע ליטעראַטור, ווען זי האָט זיך באַפרייט פון דער פראַנצויזישער מעלאָדראַמע, האָט געשאַפן עכטע קונסטווערק: שעקספּיר, בייראָן, שעלי, שערידאַן א. ד. גל. צוליב דעם זעלבן טעם האַלט ער אויך פון די דראַמען פון לעסינג, שילער, געטע, הויפּטמאַן א. אז. וו. פון די רוסישע דראַמאַטורגן לויבט ער גאָגאָל און אָסטראָווסקי. ער דריקט אויך אויס זיין טיפן צער, וואָס איבסענס קונסטווערק האָבן ווייניקער דערפאָלג, ווי סאַרדאָס מעלאָדראַמעס.

יעקב גאָרדינס רעאַליסטישע דערציילונגען פון יענער צייט זיינען פול מיט סאָציאַלן מוסר־השכל. באַזונדערס אָבער זיינען עס זיינע פאַנטאַסטישע געשיכטעס, ווי למשל, „דאָס גליק״ („אָן אַלטע און אייביק נייע פאַנטאַסטישע געשיכטע פון דער צייט פון די נפילים״). „די נפילים״ האָבן, לויטן חומש, אַפּגעשטאַמט פון די אַרונטערגעפאַלענע געטער, אָדער מלאכים, ווי מפרשים טייטשן־אויס. גאָרדין גיט נאָך צו, אַז זיי „זיינען געווען אומצופרידן מיט די הימלען״, און דערפאַר זיינען זיי אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. ער שילדערט זיי אַלס אומוויסנדיקע באַרג־באַוואוינער, אָן שנאה און אָן קנאה, פריי פון אומנאַטירלעכע ליידנשאַפטן און גאווה. זיי בעטן גאָט, ער זאָל זיי געבן „וויסן״, כדי צו זיין גליקלעך. פאַלט

אַרונטער פון הימל אַ קאַסטן, העכער פון די העכסטע בערג. אויף די ווענט פון קאַסטן איז אויפגעשריבן „אייניקייט". זיי שטעלן איין זייער לעבן, קריכן אַרויף און עפענען דעם קאַסטן, וואָס איז פול מיט קאָסטבאַרע עדלשטיינער. עס פאַרגייען יאָרן. דער קאַסטן ווערט אויסגעליידיקט. אויף זיין דעק ליגט אַ פּשוטער גראַניט־שטיין, אויף וועלכן ס'איז אויסגעקריצט מיט קליינע בוכשטאַבן דאָס וואָרט „גערעכטיקייט". דעם ליידיקן קאַסטן מיט אַט־דעם גראַניט וואַרפן די מענטשן אַריין אין ים. זייער שטרעבן צו וויסן איז דערפאָלגרייך — זיי דערגרייכן אַ סך. יעדער אָבער זוכט גליק נאָר פאַר זיך; ווערן זיי צעטיילט, ווי פּרעמדע, ווי פיינט. אַנדערע זיינען זייער רייך; אָבער פילן זיך דאָך נישט גליקלעך — זיי וואַרטן אויף טויט און אונטערגאַנג. נאָר אייניקע קוקן אַרונטער אין די טיפענישן פון ים, און זעען דעם פּשוטן גראַניט־שטיין מיטן אויפשריפט „גערעכטיקייט"..

* * *

אין סעפּטעמבער פון זעלבן יאָר (1897) שרייבט גאָרדין אין „פאָרווערטס" אַ „קריטישן עטיוד" אין עטלעכע פאָרזעצונגען איבער „יעקל", אַב. קאַהאַנס אַ דערציילונג אין ענגליש פון ייִדישן לעבן. גאָרדין אַנאַליזירט שטעלע נאָך שטעלע און מאַכט אַזאַ סך־הכל:

„איר געפינט דאָ איבעריקע, אויסגעקוועטשטע, צוגעטשעפּעטע גלייכווערטלעך, צו־לאַנגע און וויניק אינטערעסאַנטע קאָנווערזאַציאָנען. קלייניקייטן פאַרנעמען צופיל פּלאַץ, און וויכטיקע זאַכן צו ווייניק. אין גאַנצן בוך געפינען זיך בלעטלעך, וואו איר מוזט זאָגן: צו לענגלעך, צופיל אויפמערקזאַמקייט פאַר אַ קנעפּל און צו ווייניק פאַר אַ מענטשן!

„ער [קאַהאַן] האָט אָנגעשריבן זיין 'טעיל אָוו דהי געטאָ' נישט ווי אַ געוועזן קינד פון דעמזעלבן געטאָ, ווי אַן 'אייגענער', וועלכער שרייבט פון אייגענע — — — ער האָט געשילדערט, ווי אַ פרעמדער פאַר פרעמדע. ער איז געבליבן קאַלט און פרעמד אַפילו צו זיינע אייגענע העלדן. ער לאַכט פון זיי, מאַכט פון זיי 'פאַן' [חוזק] און ציגט צו זיין אַ קאָמיקער אויך דאַן, ווען זייער לאַגע איז זייער טראַגיש"...

אַב. קאַהאַן, זעט־אויס, האָט גוט געדענקט אָט־די רעצענזיע, ווען ער האָט — קנאַפּ אַ יאָר שפּעטער — געשריבן צוויי אַרטיקלען וועגן גאָרדינס באַדייטנדיק ווערק „מירעלע אפרת".

„מירעלע אפרת"

„מירעלע אפרת" איז צוערשט אָנגערופן געוואָרן „די יידישע קעניגין ליר". איר מאַטיוו איז אָבער גאָר אַן אַנדערער, ווי אין „יידישן קעניג ליר", אָדער אין שעקספּירס „קעניג ליר". דאָרט איז דער טראָפּ געשטעלט אויף אומדאַנקבאַרקייט פון קינדער, און דאָ אויף מוטער־ליבע.

קעני ליפּצין, פאַר וועלכער גאָרדין האָט די פּיעסע „ספּעציעל געשריבן", האָט נאָך אין אַפּריל, 1897 אַנאָנסירט, אַז זי וועט אין קורצן אויפפירן צוויי נייע פּיעסן פון יעקב גאָרדין: „די ווילדע פּרינצעסין, אָדער מעדעאס יוגנט" (אויפגעפירט דעם 10טן יוני 1897) און „די יידישע קעניגין ליר". אָבער גאָרדין, וועלכער האָט געקאָנט צוגרייטן אַ פּיעסע איבער נאַכט, האָט אויף זיין „מירעלע אפרת" געאַרבעט איבער אַ יאָר צייט. די פּיעסע ווערט ערשט אויפגעפירט פּרייטיק־צו־נאַכטס, דעם 19טן אויגוסט 1898.

„מירעלע אפרת" איז אַנאָנסירט געוואָרן אַלס „אַ ווערק פון לעבן — פון דעם לעבן, וואָס מיר אַלע קענען און ווייסן, און וועלכעס אינטערעסירט אונדז אין יעדן אויגנבליק פון אונדזער עקזיסטענץ — — — אַ דראַמאַטישע שאַפונג, אויף וועלכער דער פאַרפאַסער האָט געאַרבעט אַ לאַנגע צייט, אום [כדי] זי אַרויסצוברענגען צו פולקאָמענהייט".

מיט „מירעלע אפרת" הויבט זיך אָן „די גאָלדענע עפּאָכע" פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. דאָס ערשטע מאָל אין זיין געשיכטע ווערט אַ פּיעסע אויפגענומען מיט באַגייסטערונג אי פון די ברייטע מאַסן און אי פון דער אינטעליגענץ. די פּיעסע גייט אַריין צוגלייך אינעם רעפּערטואַר פונעם טעאַטער און אין דער ליטעראַטור.

מאָריס ווינטשעווסקי האָט שפּעטער (אין 1901) געשריבן אַ

„מירעלע אפרת"
(אסתר־רחל קאַמינסקאַ — מירעלע; אידא קאַמינסקאַ — שלמהלע)

„פּראָלאָג צו מירעלע אפרת״, אין וועלכן ער שילדערט די אַלע יידישע טיפן אינעם צאַרישן רוסלאַנד, וואָס קומען־פאָר אין דער פּיעסע:

„וואו חנה דבורהס געקליבענע קללות
זיינען דער אָפּקלאַנג פון יידישן קלאָג,
וואו די פאַרפאַלגונגען און די בהלות
אייביק פאַרגיפטן אין יאָר יעדן טאָג;
וואו יעדע פרייע און פריילעכע מינע
איז אַזוי לאַנג, אַזוי שטרענג אונטערדריקט,
אַז די נחומצע בעל נפקא־מינה
ווערט דורך אַ טראָפּעלע סם נאָר דערקוויקט״.

אויך מירעלעס זין, יאָסעלע און דאַניע, באַטראַכט ווינטשעווסקי, ווי פּראָדוקטן פונעם צאַרישן רוסלאַנד:

„ביידע מיט מוחות צעדולטע, צעדרייטע,
ווינטשענדיק גוט און טוענדיק שלעכטס,
שפּילט דער אַ קערטל, יענער די פלייטע,
און פון זיין שפּיל קומט אַרויס יענער קרעכץ,
וועלכער צייט [זייט] הונדערטער ביטערע יאָרן
הערט זיך אין יעדוועדער יידישער [יעדוועדן יידישן] הויז,
ווערט אין צעבראָכענע הערצער געבאָרן,
קומט דורך געשלאָסענע ליפּן אַרויס״.

אין „מירעלע אפרת״ זעט דער אַרבעטער־דיכטער דאָס „האַרץ פון אַ מאַמען, זיגנדיק איבער אַ מעכטיקער פרוי״:

„און אָט־דעם זיג פון אַ ליבענדער מוטער
איבער זיך זעלבסט, איבער גייסט און פאַרשטאַנד;
אָט־דעם טריאומף, וואָס דער איידעלער, גוטער
מענטש טראָגט אַרויס איבער שטאָלץ נאָכאַנאַנד״.

דער פּראָלאָג איז געדרוקט צוזאַמען מיט די אַמעריקאַנער אויפלאַגעס פון „מירעלע אפרת״.

ווינטשעווסקי האָט געשריבן אַ פּאָר אַרטיקלען אין „פאָר־ווערטס״ וועגן דער פּיעסע. ער דערקלערט דאָרטן, אַז ער האַלט זי פאַר „יעקב גאָרדינס מייסטערווערק״, כאָטש דער מחבר איז מיט

אָט־דעם אורטייל „נישט אינגאַנצן איינפאַרשטאַנען". ווינטשעווסקי איז אָבער זיכער, אַז ביי אַן אַלגעמיינער אָפּשטימונג וועגן דעם, וואָלט זיין מיינונג „געקראָגן די מערצאָל שטימען". זיין זיכער־קייט האָט זיך גענומען דערפון, וואָס וועגן „מירעלע אפרת" „זיינען כמעט אַלע קריטיקער — קריטיקער, נישט פּאַסקוויל־שרייבער! — מסכים, אַז זי האָט פיל בעסער נישט געקאָנט זיין, ווערנד [בעת] ביי די אַנדערע פּיעסן איז אַזאַ פולקומענע איינשטימיקייט שווע־רער צו געפינען".

דערביי דערציילט ווינטשעווסקי אַזאַ עפּיזאָד: איידער ער האָט געשריבן זיין רעצענזיע, האָט ער „גענומען ביי מיסיס ליפּצין" די פּיעסע אין מאַנוסקריפּט און זי אָנגעהויבן לייענען מיט דעם „שטאָלצן באַוואוסטזיין אין האַרצן", אַז דאָס לייענט ער „אַלס מבין, אַלס רעצענזענט, אַלס שרייבער פון טעאַטער־קריטיק און נישט אַלס אַבי ווער"... נאָר „פון דעם גאַנצן סדר מיט אַלע הכנות, מיט די [דער] הויכע[ר] קריטיק, מיט דעם ליטעראַרישן מבין־שטאָף איז געוואָרן אַ תל־עולם". ער האָט זיך „אויפגעהויבן פון טיש אַ פּראָסטער בשר־ודם, וועלכער האָט איינפאַך געלעזן אַ דראַמע און האָט מער ווי איין מאָל, לעזנדיק, געהאַט טרערן אין די אויגן".

ער שילדערט ווייטער, ווי אַזוי ער האָט, לייענענדיק, „געזען פאַר זיינע אויגן יעדע געשטאַלט פון אָט־דער פּיעסע — אַלע אמתע מענטשן, טיפן, לעבעדיקע ברואים, פליש און בלוט", — און גיט אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק וועגן יעדן פון זיי. וועגן דער פיגור מירעלע אפרת שרייבט ער: „זי טראָגט אַ פּאַרוק און אייך דוכט זיך, דאָס איז אַ קרוין; זי הייבט אויף איר שטעקן, און איר מיינט דאָס איז אַ סצעפּטער; זי זעצט זיך אויף איר קרעסלאַ, איר לענשטול, און דער שטול שיינט אייך צו זיין אַ טראָן; זי רעדט, און איר הערט עפּעס אַזוי, ווי איר וואָלט מוזן [הערן]; זי הייסט, און איר וואונדערט זיך, ווי אַזוי מען קאָן איר [זי] נישט פאָלגן — — — און דערביי איז זי אַן איינפאַכע יידענע! אַ סוחרטע, אַ פּאַדריאַדטשיקיכע, מיט וועלכער איר אייגנטלעך האָט גאָרנישט [געמיינזאַם], וועלכע געהערט צום 'אויסבייטער־קלאַס'. אָבער וואָס העלפט די קונצן? זי איז גרויס, מעכטיק. אַ וואונדערבאַרע פּי־גור! אַ מענטש און... יאָ, און אַ מוטער; אַ גרויסער מח און אַ גרויסע האַרץ; אַ שטאַרקער ווילן און אַן איידעלע נשמה. און

„מירעלע אפרת"

(רעכטס: כינע בראגינסקא־פישזאָן — מירעלע; לינקס: ראָזע גאָלדבערג — מירעלע)

די גאַנצע צייט — — — שפּילט זיך אָפּ פאַר אייערע אויגן דער גוואַלדיקער קאַמף צווישן דעם שטאָלץ פון אַ שטאַרקער פּערזאָן און די [דער] ליבע פון אַן אמתער מוטער, און די מוטער קומט אַרויס די זיגערין פון דעם קאַמף!"

* * *

ווען „מירעלע אפרת" איז אויפגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל, האָט דער „פאָרווערטס", אונטער לואי מילערס רעדאַקציע, איר אָפּגעגעבן גאַנצע זעקס אַרטיקלען, פון מ. קאַטץ, פול מיט באַגייסטערונג. שפּעטער אָבער, ווען אב. קאַהאַן איז ווידער געוואָרן רעדאַקטאָר און זיך צעקריגט מיט גאָרדינען, טרעט ער אַרויס זייער ביטער אויך קעגן „מירעלע אפרת": „מירעלעס דערשיינען פאַר אונדז — שרייבט אַב. קאַהאַן (אין זיינע צוויי אַרטיקלען אינעם „פאָרווערטס", מערץ, 1908) — צייגט איר [שטעלט זי] אַרויס אין אַ צירלעך־לעכערלעכן ליכט. סימפּאַטיש איז זי יעדנפאַלס נישט. אַ באַרימערקע, אַ בעל־גאווהניצע. אַ גראָבע כעסנטע, וועלכע באַליידיקט אַלע ווילע מענטשן און פאַרשרייט די וועלט מיט איר אייגענער גרויסקייט. — — — איבער אַ וואולגאַרן וויץ איז זי בערייט [גרייט] צו פאַרשעמען מענטשן רעכטס און לינקס. דאָס און איר באַרימעריי איז אַזוי דום [נאַריש], אַזוי ווי אירע קאַפּריזן".

אַב. קאַהאַן האַלט אויך, אַז מירעלע האָט נישט געדאַרפט חתונה מאַכן איר יאָסעלען „מיט אַ טאָכטער פון די [דער] עקל־האַפטע[ר] שנאָרער־משפחה". ער גיט אָבער צו, אַז דאָס איז נישט איר שולד, נאָר גאָרדינס, וועלכער האָט געדאַרפט אַ שנעלע חתונה, כדי צו פאַרענדיקן דעם אַקט מיט אַ „פריילעכן צובייסן, מיט אַ טרויעריקן אל מלא רחמים, אַ געמישעכץ פון לוסטיקס מיט אומעטיקס". אויף אַזאַ אופן פאַרענטפערט קאַהאַן אויך זיין פאָרוואורף מירעלען, למאי זי האָט איבערגעלאָזן דאָס געשעפט פאַר אירע זין, „די טויגעניכטסן, און מיט דעם אידיאָטישן פיאַניצע נחומצע אַלס הויפּט־געשעפטספירער" און דערלאָזן, אַז אַלץ זאָל גיין צו גרונט אין אַ גאַנץ קורצער צייט. דער תירוץ איז, אַז גאָרדין לאָזט זי אַזוי האַנדלען בלויז דערפאַר, ווייל אַזוי טוט ביי שעקספּירן קעניג ליר...

קאַהאַן מאַכט אויך חוזק פון אַלע אַנדערע כאַראַקטערס און

טיפן אין דער פּיעסע. ער ציטירט אַ נעגאַטיווע באַמערקונג וועגן גאָרדינען פון אַ יידישן שרייבער אין אייראָפּע, כדי צו אונטער־שטרייכן זיין (קאַהאַנס) באַהויפּטונג, אַז „מירעלע אפרת" איז „אויבערפלעכלעך און פול מיט 'שונד' פון דעם געוויינלעכן מוזיק־האַלענעם [וואָדעוויל] סאָרט".

ווען אָבער „מירעלע אפרת" איז געשפּילט געוואָרן אין פּע־טערבורג, טאַקע אין זעלביקן יאָר (1908), האָט דער קריטיקער נח פּרילוצקי געשריבן:

„מירעלע אפרת — דאָס איז דער טיפער ליטעראַרישער טיפּ, אין וועלכן דער קינסטלער, דער פּראַכטפולער קענער פון יידישן לעבנס־שטייגער, האָט פאַרקערפּערט די 'ברײַנדעלע קאָזאַק'. אַ פּערל פון קונסט איז דאָס, ווייל פון זעלטן ריינע, אידעלע, גייס־טיקע, אַריסטאָקראַטישע ליניעס איז זי אויסגעוועבט. באַר זייער אַלטע פּעלקער קאָנען אַרויסגעבן אַזעלכע שיינע, טיף־מענטשלעכע גייסטער — — — באַציאָנאַל־יידיש נאָכן גייסט, איז מירעלע אפרת נאָך [לויט] אויסערלעכע אַקסעסואַרן [באַפּוצונגען, סימנים] פון איר לעבן און טעטיקייט, אַ כאַראַקטעריסטישע פאָרשטייערין פון איין באַשטימטער עפּאָכע אין אונדזער לעבנס־שטייגער. זי פאַר־קערפּערט די שענסטע שטריכן פון דער אַלטער פאָרמאַציע [שיכט] פון יידישן לעבן אין רוסלאַנד, פון דער פאָרמאַציע, וואָס איז שוין כמעט אָפּגעשטאָרבן און גוססט נאָך ערגעץ אין די פאַרוואָרפענע ווינקעלעך אויף דער פּראָווינץ" (ציטירט לויטן „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער").

ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט האָט פּרילוצקי באַשריבן (אין „אונדזער לעבן") דעם גרויסן דערפאָלג, וואָס גאָרדינס פּיעסע האָט געהאַט אין דער דעמאָלטיקער רוסישער הויפּט־שטאָט: דאָס טעאַטער איז „געווען פול איבער די ברעגעס". ס'זיינען געקומען נאַציאָנאַליסטן און משומדים, ציוניסטן, גבירים, פּראָלעטאַריער. מ'האָט דאָרט „געזען פאַר זיך איין יידיש פאָלק". דורך גאָרדינס פּיעסן („מירעלע אפרת" און „כאַסיע די יתומה") „האָבן די יידי־שע אַקטיאָרן געצוואונגען די רוסישע קריטיק אָנצובויגן דעם קאָפּ פאַרן יידישן טעאַטער און אַנערקענען פאַר אים אַן אָנגע־זעענעם אָרט אין דער משפחה פון די אייראָפּייאישע טעאַטערס".

די סיבה פון דעם גרויסן דערפאָלג דערקלערט דאָרט פּרי־לוצקי דערמיט, וואָס גאָרדין איז שטענדיק דער האַר פון דער

בינע. שרייבנדיק, זעט ער פאַר זיך די בינע, די אַקטיאָרן, וועלכע וועלן די זאַך שפּילן, און איז דעריבער פריי פון די פעלערן, וואָס מאַכן אַ טעאַטער־שטיק טויט און לאַנגווייליק. עס זעט־אויס, ווי גאָרדין וואָלט „געזעסן אין דער בודקע פון סופלער און אימפּראָ־וויזירט, און אַקטיאָרן אויף דער בינע וואָלטן זיינע באַפעלן גע־הערט און פאַר אים זיינע שטיקער באַשאַפן. און ערשט דערנאָך וואָלט גאָרדין זיינע לעבעדיקע אימפּראָוויזאַציעס אויפן פּאַפּיר פאַרפעסטיקט". ביי גאָרדינען איז די בינע תמיד אין באַוועגונג. תמיד איז זי פול, ניטאָ קיין לאַנגע הפסקות, וואָס קומען פון נישט קאָנען קאָנצענטרירן די האַנדלונג. „די לעבעדיקייט איז אַ נאַ־טירלעכע און אָרגאַנישע: די גאַנצע פּיעסע איז פון איין לעבן געקנאָטן — גאָרדין מעג אָנוואַרפן עטלעכע אינטריגעס און צענד־ליקע[ר] פּערזאָנען, דאָס געוועב פון שטיק וועט שטענדיק זיין ריין, דייטלעך. עס מעג פּינטלען אין די אויגן פון די געקייטלטע, דראַמאַטישע פעדים, פון די פּאַרוויקלטע שאַך־גענג — קיין פּלאָנ־טער, קיין מיש־מאַש, קיין תהו־ובהו איז דאָרט נישטאָ. אַן איבער־מענטשלעכע ראיה האָט גאָרדין; מיט אַ פעסטער האַנט פירט ער דורך יעדן פאָדים באַזונדער און בינדט זיי אַלע צונויף. אַלץ איז שטרענג באַקלערט, אַלץ איז פּינקטלעך אויסגערעכנט". דער־ביי לאָזט גאָרדין דעם אַקטיאָר פריי זיך באַוועגן. ער גיט אים פּלאַץ צו וואַקסן, אַנטוויקלען זיין טעכניק, זיך פּאַרטיפן, „ווערן סובטילער, בויגעוודיקער". גאָרדין „וועבט די האַנדלונג בלויז אין לעבעדיקע, געשליפענע דיאַלאָגן, איבערלאָזנדיק דעם אַקטיאָר די פרייהייט צו טאָן מיט זיינע גלידער און געזיכט־ציגן וואָס ער וויל".

אין אַמעריקע האָט מען פאַרגעוואָרפן גאָרדינען, פאַרוואָס ער האָט אין „מירעלע אפרת", ווי אויך אין אַ ריי אַנדערע פּיעסן, ספּעציעל געשריבן ראָלן פאַר באַשטימטע שוישפּילער. דאָס איז אָבער נישט קיין חסרון, נאָר אַ מעלה. צופאַסנדיק זיין דראַמע פון אָנהויב אָן צו די פאָדערונגען פון דער בינע, האָט גאָרדין גע־האָט אין זינען אַ באַשטימטן, בעסערן טיפּ שוישפּילער. דערפאַר ווערט זיין מירעלע אפרת, ווי אַ ריי אַנדערע געשטאַלטן, גוט געשפּילט פון טאַלאַנטפולע שוישפּילער, כאָטש ער האָט יענע „ראָלן" לכתחילה געשריבן ספּעציעל פאַר באַשטימטע פּערזאָ־נען.

אין 1936 איז „מירעלע אפרת" געשפּילט געוואָרן מיט דער־פּאָלג אינעם מלוכה־טעאַטער פון סאָוועט־אוקראַינע. כ׳געדענק, ווי די פיינשמעקער און עסטעטן, פאַר וועלכע יעקב גאָרדין איז, פּונקט ווי מאָריס ראָזענפעלד, נישט גוט גענוג שוין צוליב דעם אַליין, וואָס זיי זיינען פאַרשטענדלעך פאַר ברייטע מאַסן, האָבן דע־מאָלט כלומרשט געטענהט, אַז מירעלע איז אַ בורזשויקע און דאַרף

„מירעלע אפרת"
(דזשעני גאָלדשטיין — מירעלע)

נישט אידעאַליזירט ווערן אין אַ פּראָלעטאַרישער מדינה. האָט מען זיי געענטפערט, אדרבא, גאָרדין צייכנט דאָרט אָן דעם פאַ־נאַנדערפאַל פון דעם אַמאָליקן יידישן מיטל־קלאַס. עס קומט־אַרויס, אַז אַפילו אַזאַ טיכטיקע, פיינע פּערזענלעכקייט, ווי מירעלע, קאָן נישט צוגרייטן אירע קינדער צו פירן ווייטער אירע מסחרים.

דעם בעסטן ענטפער האָבן אָבער געגעבן די סאָוועטישע יידי־שע מאַסן. זיי האָבן טאָג־איין, טאָג־אויס, וואַכן און חדשים נאַכ־

אַנאַנד, אָנגעפּילט דעם יידישן מלוכה־טעאַטער. די ראָל פון מי־רעלע האָט געשפּילט די טיטולירטע „פאָלקס־אַרטיסטין" סאַנז, און די ראָל פון שלמונען — דער אַנערקענטער „פאָלקס־אַרטיסט" יעקב ליבערט, וועלכער האָט יאָרן־לאַנג געשפּילט די זעלביקע ראָל מיט אסתר־רחל קאַמינסקי. עטלעכע שוישפּילער האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי פילן זיך אין גאָרדינס פּיעסע, ווי פיש אין וואַסער און דערפאַר האָבן זיי אַלע אַזוינע באַדייטנדיקע דערפאָלגן. זיי האָבן מיר אויך דערציילט, אַז איבערן לאַנד ווערט נאָך עד־היום גאָרדינס רעפּערטואַר געשפּילט פאַר געפּאַקטע הייזער.

„מירעלע אפרת" איז אויך איבערזעצט און געשפּילט געוואָרן אין פיל שפּראַכן.

דער אָנהויב פון גלאַנץ־פּעריאָד

מיט דעם אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג פון „מירעלע אפרת" (האַרבסט, 1898) הויבט זיך אָן יעקב גאָרדינס גלאַנץ־פּעריאָד.

נאָך מיט אַ יאָר פריער איז גאָרדין געווען זייער פּעסימיסטיש וועגן די רעזולטאַטן פון זיין אַרבעט פאַר דער יידישער בינע. אָנהויב סעפּטעמבער, 1897, האָט ער געשילדערט זיין „פּערזענלעכן פּעקל צרות": „מיין יובילעאום איז היינט. פּונקט זעקס יאָר איז געוואָרן, וואָס [זייט] איך בין אַ יידישער שרייבער. אין דער צייט האָב איך פאַרן יידישן פּובליקום אָנגעשריבן: 'סיביריא', 'קעניג ליר', 'ווילדער מענטש', 'יידישער גלח', 'שוואַרצער ייד', 'ברידער לוריע', 'סאלאָמאָן קאָוס' *), 'גאַלילעי', 'ווילדער קעניג' און נאָך פילע אַנדערע דראַמאַטישע ווערק — — — אויך אויפגעשריבן עטלעכע הונדערט סקיצן, נאָוועלן און קריטישע אַרטיקלען פאַרן יידישן לעזער". באַקומען דערפאַר האָט ער, לויט זיין שילדערונג, אַ „גרויסע שטיק בלאָטע", אַלס די „פאַרקערפּערטע דאַנקבאַרקייט" צו זיין זעקס־יאָריקן יובילייִ.

יענע צייט איז באמת געווען פאַר אים אַ טראַגישע. ס'האָט אויסגעזען, אַז זיין גאַנצע מי צו רעפאָרמירן דעם יידישן טעאַטער איז געגאַנגען פאַרלאָרן. די טעאַטער־דירעקטאָרן האָבן געשטעלט

*) זלמן זילבערצווייג גיט־איבער, אַז לויט ראובן פּערלמוטער (געוועזענער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון דער אילוסטרירטער מאָנאַטשריפט „דיא טהעאַטער וועלט" [דערשינען פון נאָוועמבער 1908, ביז מערץ 1909], אין וועלכער אויך יעקב גאָרדין האָט זיך באַטייליקט), איז „סאַלאָמאָן קאָוס", אַ דייטשישע פּיעסע, לויט וועלכער גאָרדין האָט אָנגעשריבן זיין „שלמה חכם".

לויט אַ פּאַמפלעט פון יעקב פּ. אַדלער, איז גאָר „שלמה חכם" אַ באַאַרבעטונג פון „זשעני אונד שיקזאַל" פון בראַכפאָגעל. — י. מ.



„שלמה חכם"
(יעקב פּ. אַדלער — אין דער טיטלראָל)

פיעסן, וואָס האָבן אַפּעלירט צו די סאַמע פּרימיטיווסטע אינס־טינקטן. די שוישפּילער האָבן געקוקט מיט חוזק אויף דעם יידישן פאָלקס־מענטשן, וואָס צאָלט מיט שווער־פאַרהאָרעוועטע דאָלאַרן פאַר פאַיאַצעריי פונעם ערגסטן מין. אין יענע יאָרן איז גאָרדין געשטאַנען כמעט גאַנץ אַליין אין קאַמף קעגן שונד. אַפילו די בעסערע פּרעסע האָט נישט געוואָלט זיך איינרייסן מיט די איינ־פלוסרייכע טעאַטער־דירעקטאָרן, מיט די „סטאַרס" און זייערע פּאַטריאָטן, וואָס פלעגן ענטפערן מיט קולאַקעס אויף קריטיק. (אין דעצעמבער, 1897, איז דוד קעסלער אַליין געוואָרן „פאַרשפּאַרט הינטער גראַטעס" פאַר „צעבלוטיקן" אַ צייטונגסמאַן, וועלכער האָט קריטיקירט הורוויטשעס שונד־פּיעסע „טאָרן און מרס. נעק" און קעסלערן פאַר „זיך דערנידעריקן צו דער ראָלע פון פאַרשטשיק גילדענזופּע").

אַ גרויסע ענדערונג צום בעסערן האָט זיך אָנגעהויבן אינעם יידישן טעאַטער אין האַרבסט, 1898, נאָך דער אויפפירונג פון „מירעלע אפרת". די ענדערונג האָט אַרויסגערופן אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער נישט בלויז פון קריטיקער, נאָר אויך פון שריי־בער, וואָס האָבן זיך דעמאָלט פאַרנומען הויפּטזעכלעך מיט טע־אָרעטישע פראַגן וועגן סאָציאַליזם. אַזוי איז אין יענער צייט אַרויסגעטראָטן מיט אַן אַרטיקל דר. ש. פּעסקין, וועלכער האָט דערקלערט גאָרדינס טריאומף, ווי אַ צייכן, אַז „די אַרטיסטישע געפילן זיינען נאָך נישט אינגאַנצן אונטערדריקט געוואָרן אין יידישן פּובליקום" דורך דער שולד פונעם שונד־טעאַטער. דער־ביי אונטערשטרייכט ער די שטעלונג פון די דעמאָלט איבערגע־געבענע סאָציאַליסטישע קולטור־טוער צו יעקב גאָרדינס טע־טיקייט:

„אומעטום קומט־אויס די סאָציאַליסטן צו זיין די קולטור־טרעגער, ווייל זיי ווייסן, אַז וואָס מער די אַרבעטער וועלן זיין גייסטיק אַנטוויקלט אין אַלגעמיין, אַלץ בעסערע סאָציאַליסטן וועלן זיי קאָנען ווערן. — — — מיר זיינען דעריבער דירעקט פאַר־אינטערעסירט, אַז דער טעאַטער זאָל אַלץ ווערן רייגער און זאָל ווערן אַ ריכטיקע קולטור־שולע פאַר די אַרבעטער. מיר באַטראַכטן דעריבער גאָרדינס אַרבעט אַלס אַ וויכטיקן טייל פון אונדזער אייגענע[ר אַרבעט]. מיר זיינען אָבער אויך שטאָלץ, וואָס די אַרבעט, אויפצובויען אַ ציוויליזירטן יידישן טעאַטער, איז אויסגע־

קומען צו טאָן אַ סאָציאַליסט. מיר זיינען שטאָלץ, וואָס דער פּיי־איקסטער רעפאָרמער פון יידישן טעאַטער איז אונדזער גענאָסע [חבר] יעקב גאָרדין".

די נייע שטעלונג צו יעקב גאָרדינס רעפאָרם־אַרבעט אינעם יידישן טעאַטער האָט געווירקט, אַז די אַרבעטער־פּרעסע זאָל אָפּ־געבן אַ סך פּלאַץ פאַר גאָרדינס ערשטער ליטעראַרישער פּיעסע, וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען ביים ברייטן יידישן עולם. דער קריטיקער מ. קאַטץ, וועלכער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן אַ גאַנצע סעריע אַרטיקלען וועגן „מירעלע אפרת", געפינט דעריבער פאַר נויטיק קודם־כל אויסצודריקן די גרויסע פרייד, וואָס עס האָט דעמאָלט געהערשט אינעם ראַדיקאַלן לאַגער איבער דעם איבער־ראַשנדיקן ענטוזיאַזם, מיט וועלכן „מירעלע אפרת" איז אויפגע־נומען געוואָרן פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, ווי פון דער אינטעליגענץ. ער דריקט־אויס דעם וואונטש פון די יידישע קול־טורעלע קרייזן, אַז „די דירעקטאָרן און שוישפּילער זאָלן נישט וועלן מער אויפפירן קיין שונד, דורך וועלכן עס ווערן פאַרקריפּלט די בעסטע פון זייערע טאַלענטן".

אין יענער צייט איז אב. קאַהאַן נישט געווען פאַרבונדן מיטן „פאָרווערטס" (ער האָט דעמאָלט בכלל זיך דערווייטערט פון יידישן וואָרט), און מ. קאַטץ האָט אויסגעדריקט די מיינונג פון די יידישע פּראָגרעסיווע און סאָציאַליסטישע קרייזן אין ניו־יאָרק, ווען ער האָט געשריבן: „אַזאַ מערקווירדיקע האַרמאָניע" איז אין דער גאַנצער פּרעסע „מירעלע אפרת", אַז „זיצנדיק אין טעאַטער, ווערט איר היפּנאָטיזירט און אייך קומט גאָרנישט אויף די פּראַגע: 'ווי? וואָרום?'; אַלץ איז אַזוי, ווייל עס איז אַזוי — דאָס איז לעבן, און אין לעבן זיינען נישטאָ קיין ווידערשפּרוכן, ווען איר זעט זייערע אורזאַכן און זייערע פאָלגן, און דאָס איז, וואָס איר זעט אין אָט־דעם לעבנסבילד".

אָנווייזנדיק אויף דעם גרויסן מהלך, וואָס גאָרדין האָט גע־מאַכט פון „יידישן קעניג ליר" ביז צו דער „יידישער קעניגין ליר", קומט מ. קאַטץ צום פאָלגנדיקן אויספיר: „דער יידישער קעניג ליר" איז מער „אַ אימיטאַטיוועס, אַ נאָכאַמענדעס [נאָכגעמאַכט], נאָך אַ באַשטימטן מאָדעל אויסגעפירטן קונסטווערק". „מירעלע אפרת" — „אַ קרעאַטיוועס, אַליין געשאַפענעס, נאָך דעם מוסטער פון דער אייגענער פאַנטאַזיע אויסגעפירטעס ווערק. ס'איז אַ

זעלבסטשטענדיקע ריכטונג, אַן אייגענע שאַפונג, אַ פּראָדוקט פון אַ גרויסן, זייער גרויסן טאַלאַנט". מירעלעס נשמה איז „גאָר פון אַן אַנדער גאַטונג", כאָטש „אין איר שיינען־אָפּ מאַנכע קאָלירן פון דוד משהלעס נשמה [פון 'קעניג ליר']". דער לעצטער באַזיצט אָבער נישט מירעלעס „גאונות". אין מירעלען זעט מען „ווילנס־מאַכט, טעטיקייטס־קראַפט, שאַרפזין און אַמביציאַן, וועלכע קריס־טאַליזירן זיך אין הערש־זוכט און אייגנזין". בעת אין דוד משהלעס זעט מען „טאַט־ און ראַט־לאָזיקייט, דעספּאָטיע, גרויסקייט, [באַ־קומען] בירושה און בלינדע מאַכט־אויסאיבונג". די „פּורכט" [מורא] פאַר ר' דודלען הענגט־אָפּ דערפון, וואָס דערביי איז דאָ אַ „משהלעס". ער איז אַ „געקרוינטער" בירושה, אַ מין קעניג ליר. אָבער די „ערפורכט" [דרך־ארץ] פאַר מירעלען נעמט זיך דער־פון, וואָס „זי אַליין איז מירעלע אפרת", און זי קאָן זאָגן „כחי ועצם ידי עשו לי את החיל הזה" (מיין כח און די מאַכט פון מיין האַנט האָט מיר פאַרשאַפט דאָס דאָזיקע פאַרמעגן).

נאָכדעם ווי מ. קאַטץ רעדט אַרום באריכות, קריטיש, יעקב גאָרדינס נייע פּיעסע, שטעלט ער זיך אָפּ אויספירלעך אויך אויף דעם נייעם אופן, ווי אַזוי די יידישע שוישפּילער זיינען איופגע־טראָטן פאַרן יידישן טעאַטער־באַזוכער. ער דערציילט, אַז די פּיעסע איז „געשפּילט געוואָרן ווי אונטערן טאַקט פון אַ דיריגענט". אַלע שוישפּילער, וואָס האָבן אנטייל גענומען אין דער ערשטער אויפ־פירונג פון „מירעלע אפרת", האָבן „פאַרשטאַנען און געפילט" זייערע ראָלן און „זיך אויך געקימערט אום דאָס גאַנצע". עס איז נישט געווען קיין „שפּראַכן־מיש־מאַש"; אַלע האָבן גערעדט דעמ־זעלביקן דיאַלעקט; און „דאָך האָט זיך אין יעדערנס אַרט ריידן כאַראַקטעריזירט די פּערזאָן, וועלכע ער [אָדער זי] האָט פאַר־געשטעלט". דאָס קומט דערפון, דערקלערט ער, וואָס יעדער שוי־שפּילער „האָט גערעדט אַזוי, ווי דער פאַרפאַסער האָט אים אַריינ־געלייגט אין מויל"...

קעני ליפּצין ווערט באַזונדער געלויבט, וואָס „אין דער גאַנ־צער צייט פון איר שפּילן" האָט מען „אין איר נישט געזען קיין שוישפּילערין אויף דער בינע, זאָנדערן [נאָר] אַ מירעלע אפרת". זי ווערט אויך געלויבט פאַר „איר שאַרפער, ריינער אויסשפּראַך, איר דיקציע". דער עיקר אָבער דערפאַר, וואָס זי שטעלט־פאַר מירעלע אפרת נישט נאָר „מיט אירע אויסערלעכע באַוועגונגען",

„מירעלע אפרת"
(קעני ליפצין — אין דער טיטלראָל)

נאָר זי ווייזט אויך „וואָס אין מירעלעס נשמה קומט־פאָר, די עמ־פּפינדונגען און די געפילן פון מירעלע אפרת״. מ. קאַטץ באַ־דויערט נאָר, וואָס די מוזיק האָט באַגלייט מיט „אַ מעלאָדראַמאַטי־שער פידלעריי״ דעם פּסוק תהלים „למנצח על שושנים״, וואָס ליפּצין־מירעלע זאָגט. דאָס האָט נישט געמאַכט רירנדיקער דעם מאָמענט, נאָר פאַרקערט, „דערמאָנט, אַז מען איז אין טעאַטער״... בעת די סיטואַציע און „איר זאָגן אַליין״ איז געווען אימשטאַנד צו „צעברעכן דאָס הארץ״. בלויז איין חסרון געפינט דער קרי־טיקער פון דער אַרבעטער־פּרעסע אין קעני ליפּצינס ערשטן אויפ־טריט אַלס „מירעלע אפרת״: ער גלויבט, זאָגט ער, אַז זי האָט צופיל געוויינט ביים אַוועקגיין צו שלמונען, אַזוי ווי זי וואָלט גע־ווען „אַ געוויינלעכע אומגליקלעכע מוטער״. מירעלע אפרת, מיינט ער, „קאָן נאָר אַזוי וויינען פאַר גאָט, אין וועלכן זי גלויבט, אָבער נישט פאַר מענטשן, און נאָך ווען שיינדעלע איז דערביי״...

דוד קעסלער, אַלס יאָסעלע, איז געווען גוט און נאַטור־טריי, כאָטש זיין פיגור איז געווען „צו קרעפטיק פאַר אַ זאַנפטמוטיקן [צאַרטן], האַלב־צעקראַכענעם יאָסעלע — אַ ווייבערשע נשמה!״ אין קעסלערס שפּילן איז געווען „ווייניק טעאַטראַלישעס און מער רעאַלעס״. דאָס איז געווען יאָסעלע, „דער ערלעכער, גוטער נאָר און סטאַטעטשנער גבירישער יונגערמאַן״. באַזונדערס גלענצנד איז קעסלער געווען אין דעם מאָמענט, ווען ער „שפּרינגט אַרויס פון די כלים״ און פאַרמעסט זיך, ווי צו שלאָגן זיין געליבט ווייב, שיינדעלע, ווען זי באַליידיקט זיין אַלטע מאַמע, מירעלע אפרת.

שמואל טאָבאַטשניקאָוו (סעמיועל טאָביאַס), אַלס דאַניע, ווערט געלויבט פאַרן דורכפירן פולקאָם זיין כאַראַקטער, כאָטש ס'איז „נישט קיין באַדייטנדע ראָלע״. ער האָט פיין אַרויסגעבראַכט, ווי דאַניע פילט זיך אומבאַקוועם אַלס „דייטש״. דאַניעס אויסגעשרייען זיינען געווען מיט אַ קוויטש, „אַזוי ווי ער וואָלט זאָגן אַ וויכטיקן געדאַנק פון אַ פּוסטן קאָפּ״...

דיינע פיינמאַן, אַלס שיינדעלע, איז „אין פילע פּלעצער״ גע־ווען „טעאַטראַליש״ און „דעקלאַמאַטאָריש״, און מיט דעם „גע־שאַדט דער רעאַלער פאַרשטעלונג פון דעם כאַראַקטער״. גוט איז זי געווען אין דעם מאָמענט, ווען זי קומט איבערבעטן מירעלען. דאָ האָט זי פאַרגעשטעלט „אמת טריי דאָס, וואָס אַזאַ נאַטור, ווי שיינדעלע, פילט בשעת מעשה״. זי האָט געוויזן, ווי שיינדעלע

וואָלט וועלן זאָגן עפּעס „צערטלעכעס, ווייכעס, זאַנפטעס“, אָבער קעגן איר אייגענעם ווילן קומט עס אַרויס „עפּעס האַרט, באַליי־דיגנט“, און די ווערטער דריקן ניט אויס „וואָס אין האַרצן טוט זיך“.

שמואל טאָרנבערג, אַלס ר׳ נחומצע, איז געווען „מיט אַלע פּיטשעווקעס — — — כאָטש נעם און גלויב, אַז טאַליא טעאַטער האָט אויסגעשריבן ר׳ נחומצען אַליין פון סלוצק“... „אין קיין מאָמענט איז קיין ריר“ אין טאָרנבערגן נישט געווען אַנדערש, ווי דער כאַראַקטער, וואָס ער האָט פאָרגעשטעלט.

מאָריס מאָשקאָוויטש, אַלס שלמון, האָט „עכט־קינסטלעריש פאָרגעשטעלט אַ פּערזאָן, וואָס איז אַן אמת ערלעכער מאַן — — — אַפילו אין זיין מאַכן בשתיקה ביזנעס, אַפילו אין זאָגן אַמאָל אַ חניפה מירעלען. אַ דורכשניטלעכער, סימפּאַטישער, קלוגער, ער־לעכער און גוטהאַרציקער ייד“. מאָשקאָוויטש איז נישט געווען טעאַטראַליש אַפילו „אויף אַ האַלבער סעקונדע“... ער האָט זיך קיינמאָל נישט געווענדט „מיט די אויגן צום פּובליקום“... נישט געמאַכט „קיין איין איבעריקע באַוועגונג אַפילו מיטן פינגער“. ס׳איז נישט געווען „קיין איין פעלער“ צו פאַרצייכענען אין זיין שלמון.

מערי עפּשטיין, אַלס מחלה, האָט „געשפּילט פּראַכטפול“, ווען זי איז געווען מירעלעס דינסט. אַמאָל אָבער פלעגט זי זיך פאַר־געסן און רעדן צום פּובליקום אַלס די אַקטריסע עפּשטיין...

מערי ווילענסקי „האָט אין חנה דבורה פאָרגעשטעלט [אַ] צופּיל ביטערע יידענע און ווייניק יחסנטע. אַלס אַזאַ האָט זי איר ראָלע גוט געשפּילט“.

ציליע פיינמאַן (די שפּעטער באַרימטע ציליע אַדלער), אַלס מירעלעס אייניקל, דער „בר־מצוה־בחור“ שלמהלע, האָט, קאָנטיק, נאָך דעמאָלט נישט געצויגן אויף זיך קיין אויפמערקזאַמקייט, און זי ווערט אינגאַנצן נישט דערמאָנט.

* * *

„מירעלע אפרת“ איז דעמזעלביקן יאָר (1898) דערשינען אין בוך־פאָרם. אין די שפּעטערע ניו־יאָרקער אויפלאַגעס איז צוגע־געבן דער פּראָלאָג פון מאָריס ווינטשעווסקי. אין 1913 ווערט די פּיעסע איבערגעדרוקט אין פּוילן. זי איז אויך אַרויס אין אַ ריי איבערזעצונגען: אין רוסיש, דורך ט. הייליגמאַן; אין אוק־

„מירעלע אפרת"

(פון רעכטס: חנה אַפּעל — אין 1טן אַקט; בערטאַ גערסטין — אין 2טן אַקט;
דאָראַ ווייסמאַן — אין 3טן אַקט; בינע אַבראַמאָוויטש — אין 4טן אַקט)

ראיניש — ש. פּאָלאָנער; אין דייטש — אַלעקסאַנדער עליאַסבערג. לויטן „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", איז „מירעלע אפרת" אויך געשפּילט געוואָרן אין העברייאיש, אוקראַיניש, אונגאַריש, אי־טאַליעניש (אין שטאַטישן טעאַטער פון רוים), פּויליש (באַאַרבעט פון מאַרק אַרנשטיין) און אין רוסיש. זי איז אויך, בערך 1912, אויפגעפירט געוואָרן, ווי אַ „שטילער" פילם, מיט אסתּר־רחל קאַ־מינסקי אין דער טיטל־ראָל, און אין 1938, ווי אַ קלאַנג־פילם, מיט בערטאַ גערסטין אין דער טיטל־ראָל, אין דער באַאַרבעטונג פון אָסיפּ דימאָוו (מיט באַדייטנדיקע אָפּווייכונגען פון גאָרדינס אָריגינעלן טעקסט).

פיעסן מיט באַדייטנדיקע פרויען־געשטאַלטן

יעקב גאָרדינס מייסטער־יאָרן אונטערשיידן זיך פון זיינע לערן־יאָרן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס דורך דער בייער ראָל, וואָס ס'שפּילט אין זיי די יידישע פרוי.

אין זיינע אומגעפער פערציק פּיעסן, וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין די ערשטע זיבן יאָר פון זיין שרייבן יידיש, שפּילט זעלטן די יידישע פרוי אַ באַדייטנדיקע ראָל. דאָס איז אויך געווען דער פאַל אַפילו אין יענע עטלעכע פּיעסן, וואָס גאָרדין האָט אָנגערופן מיט פרויען־נעמען: אין „רייזעלע" שפּילט די הויפּט־ראָל זעליק־איציק קלעזמער; אין „אלישבע" — שלמהקע שאַרלאַטאַן (וועמעס נאָמען די פּיעסע קריגט יאָרן שפּעטער); און אין „דבורהלע מיוחסת" — שמעון אייזענשטאַל. און דאָס אַלץ נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די דאָזיקע פרויען־ראָלן זיינען געשפּילט געוואָרן פון דער טאַלאַנטפולער סערע אַדלער.

ערשט אין זיינע מייסטער־יאָרן געלינגט גאָרדינען צו שאַפן אַזוינע פרויען־געשטאַלטן, ווי מירעלע אפרת, אסתרקע (אין דער „שחיטה"), ראָניע (אין דער „שבועה"), סאָפיע (אין „סאַפאָ"), עטי (אין „קרייצער סאָנאַטאַ"), כאַסיע (אין דער „יתומה") א. אז. וו., וואָס ווערן נישט פאַרטונקלט פון די מענער־געשטאַלטן אין די זעלביקע פּיעסן.

עס פאַרמינדערט כלל נישט דעם טאַלאַנט פון קעני ליפּצין און בערטע קאַליש, ווען מ'ווייזט־אָן, אַז זייערע גרויסע דערפאָלגן זיינען געמאַכט געוואָרן הויפּטזאַכלעך אין די ראָלן פון יענע יידישע פרויען־געשטאַלטן, וואָס יעקב גאָרדין האָט געשאַפן אין זיינע מייסטער־יאָרן. צוזאַמען מיט ליפּצין און קאַליש האָבן געשפּילט אין יענע פּיעסן אַזוינע באַדייטנדיקע שוישפּילער, ווי מאַגולעסקאָ, מאַשקאָוויטש, קעסלער א. א., וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין זייערע ראָלן נישט ווייניקער, ווי די פרויען־„סטאַרס".

אויך די אויפפירונגען פון אַט־די פּיעסן אין איראָפּע (ווי שפּעטער אין אַמעריקע) דורך אַנדערע שוישפּילער, האָבן פעסט־געשטעלט די שטאַרקקייט פון די דערמאָנטע פּרויען־ראָלן, אויב זיי ווערן נאָר געשפּילט אינעם גייסט פון זייער באַשאַפער.

* * *

אין זיינע מייסטער־יאָרן האָט גאָרדין שווערער געאַרבעט אויף אַ פּיעסע, ווי אין זיינע לערן־יאָרן.

פערצן חדשים זיינען פאַרגאַנגען צווישן דער אויפפירונג פון „מירעלע אפרת" און „די שחיטה". אין דער צווישן־צייט האָט גאָרדין איבערזעצט, באַאַרבעט און פאַרפאַסט אַרום אַ האַלב טוץ טעאַטער־שטיק, צווישן זיי אויך אַן אָריגינעלע „מוזיקאַלישע דראַמע" פון אַ ווירקלעכער פּאַסירונג: „דודל משורר, אָדער דאָס איבערגעריסענע ליד", וואָס איז „געגאַנגען" פינף וואָכן און איז רעקלאַמירט געוואָרן ווי אַ „שטוינענדער סוקסעס"... אין יענער צייט האָבן שוין די טעאַטער־דירעקטאָרן געצאָלט גאָרדינען באַדייטנדיקע סומען פאַר ווערלכער ס'איז פּיעסע, וואָס טראָגט זיין נאָמען. ער אָבער האָט ווייטער אומדערמידלעך געאַרבעט צו שאַפן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים אויך גייסטיק באַפרידיקן.

די אויפפירונג פון דער „שחיטה" (דעם 16טן אָקטאָבער, 1899) איז געווען אַ געשעעניש אין יידישן קוואַרטאַל. ס'זיינען אָנגעגאַנגען וויכוחים, צי די נייע פּיעסע איז שטאַרקער אָדער שוואַכער, ווי „מירעלע אפרת". אָבער אַלע קריטיקער זיינען געווען איינשטימיק, אַז יעקב גאָרדין „האָט זיך אין ערגעץ נישט אַזוי אָפּגעשטעלט אויף די [דער] 'דעטאַלנע' באַאַרבעטונג פון זיינע ווערק, ווי גראָדע אויף דיזער" („די שחיטה").

קעני ליפּצין אַלס אסתרקע איז אין אַלגעמיין געלויבט געוואָרן. לויטן „פאָרווערטס", האָט זי געשפּילט „שיין, אינטעליגענט און טאַלאַנטפול"... נאָר אינעם פערטן אַקט איז זי שוין געווען פיזיש דערשעפּט. דער רעצענזענט שלאָגט־פאָר צו פאַרקירצן דעם לעצטן אַקט, כאָטש ער באַטראַכט דעם ערשטן און דעם לעצטן אַקט פאַר די שטאַרקסטע.

דוד קעסלער, אַלס בצלאל ראַפּאָפּאָרט, קריגט דעם צייכן: „איינפאַך גלענצנד".

מאָריס מאָשקאָוויטש, אַלס ראַפּאָפּאָרטס געשעפטס־פאַרוואַלטער

אלקנה, ווערט נאָך שטאַרקער געלויבט: „ער האָט באַוויזן נאָכ־אַמאָל, אַז עס זיינען דאָ אויף דער יידישער בינע שוישפּילער, אַבוואָל [כאָטש] זיי זיינען נישט קיין 'סטאַרס', אָבער מאַנכע סטאַרס קאָנען זיך נאָך ביי זיי אַביסעלע צולערנען".

ז. מאָגולעסקאָ מיט בינע אַבראַמאָוויטש, ווערט אָנגעוויזן, האָבן ביידע, אַלס דער רב מיט דער רביצין „געשאַפן צוויי כאַראַקטערן, וועלכע וועלן בלייבן אויפן פאָדערשטן גרונט פון דער יידישער

„די שחיטה"
(סאַראַ סקולניק — אסתרקע)

בינע, אַזוי לאַנג ווי דאָרט וועט נאָך זיין פּלאַץ פאַר ווירקלעכן רעאַליזמוס"...

מערי ווילענסקי, אַלס בענטשיק, איז געלויבט געוואָרן פאַר איר באַוויזן, אַז „אַ שוישפּילערין קאָן מאַכן פון די [דער] קלענס־טע[ר] ראָלע — די גרעסטע, ווען זי האָט נאָר טאַלאַנט"...

גאָרדין האָט די פּיעסע פאַרגעלייענט אויף אַן אונטערנעמונג פאַר דער „אַרבעטער בילדונג שול". נאָך יעדן אַקט האָט ער דער־קלערט דעם „אינהאַלט פון די וויכטיקע פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן".

ער האָט אויך אַ פּאָר מאָל, אויף בענעפיסן, צווישן זיי אויך זיין אייגענעם, גערעדט צווישן די אַקטן איבער דער טעמע „מיין ענט־פער צו אַלע קריטיקער". צום בענעפיס פאַר מאָגולעסקאָן (נאָ־וועמבער, 1899 ?) האָט גאָרדין אָנגעשריבן אַן איינאַקטער „אַ נאָכט נאָך שחיטה", וואו ער שילדערט דעם טיפן איינדרוק, וואָס די טראַגעדיע האָט געמאַכט אויף אסתרקעס עלטערן און אויף דעם פאָלקסמענטש אלקנה, דעם דערמאָרדעטן ראַפּאַפּאָרטס פּאַרוואַל־טער.

„די שחיטה" איז געשפּילט געוואָרן אין העברייאיש, רוסיש (איבערזעצט פון מ. פאַנבערג), אוקראַיניש, און פּויליש (איבערזעצט און אויפגעפירט פון מאַרק אַרנשטיין).

* * *

באַזונדערס פּרוכטבאַר איז יעקב גאָרדין געווען אין סעזאָן 1899־1900. אַחוץ עטלעכע געוויינלעכע טעאַטער־שטיק, איבער־זעצונגען און באַאַרבעטונגען, האָט ער געשאַפן דריי ליטעראַרישע ווערק: „סאַפאָ", „גאָט, מענטש און טייוול" און „די שבועה, אָדער ראַניע די פּאַטשטאַרקע".

אַלע דריי פּיעסן האָבן אַרויסגערופן לאַנגע דיסקוסיעס אין ליטעראַרישע און טעאַטער־קרייזן. זיין „יידישע סאַפאָ" (געשריבן פאַר בערטאַ קאַליש) איז אָנגעגריפן געוואָרן נישט בלויז פון אָר־טאָדאָקסן, נאָר אויך פון פּראָגרעסיווע מענטשן. יעקב גאָרדין האָט (יולי, 1900) פאַרעפנטלעכט אַ רייע בריוו צו אים פון געביל־דעטע מענער און פרויען. איינער, אַ ראַדיקאַלער דאָקטאָר, וועל־כער האָט שפּעטער פאַרטיידיקט די „יידישע סאַפאָ" — סאָפיע פינגערהוט — ווי אַן אָנזאָג אויף דער נייער פרוי, האָט גע־שריבן:

„מיינט איר נישט, אַז דאָס שטיק איז צו־ראַדיקאַל און דאָס עס איז נאָך צו־פרי אַזעלכע שטיק אויף דער יידישער בינע אויפ־צופירן ?... עס קאָן זיין, אַז די אידייע איז טאַקע אַ ריכטיקע, אָבער איז דען אַ טעאַטער דער פּלאַץ, וואו מען זאָל פּראָפּאַגאַנדירן אַזעלכע נייע רעוואָלוציאָנערע אידייען ?"

אַ יידישער אַדוואָקאַט האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט מיט־גענומען מיט זיך אין טעאַטער דעם „אַסיסטענט לידער" (דער וויצע־אָנפירער) פון זיין „טעמעני דיסטריקט"... און הערנדיק די

„אַנטי־לאַ [קעגן געזעץ] און אַנטי־מאָראַל טענדענצן”... האָט ער געפילט, אַז עס איז אַ „דיסגרעיס” [אַ שאַנד] פאַר ייִדן... אַלס אַדוואָקאַט, וואָלט ער געקאָנט, שרייבט ער, פאַרטיידיקן די ייִדישע סאַפאָ אין געריכט, אַפילו ווען זי וואָלט איר אומגעזעצלעך קינד „אין געהיים דערמאָרדן”. ער וואָלט געטענהט, אַז זי איז געווען משוגע... „אָבער נישט שעמען זיך, אָפן זאָגן די גאַנצע וואַרהייט [אמת], נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַליין זאָרגן פאַר אַן אומגעזעצלעך [קינד], דאָס טוט [ניט] קיין אָנשטענדיקע פרוי”...

פון דער אַנדערער זייט האָט מען צו אים אויך געהאַט טענות, למאַי סאַפיע פינגערהוט האָט צום סוף חתונה מיט איר קינדס פאָטער, כאָטש זי האָט ליב און ווערט געליבט פון אַ צווייטן — אַ מאַן פון אַן אַנדערער פרוי.

אין זיין לאַנגן ענטפער פאַרטיידיקט גאָרדין צוערשט זיין אַדעסער סאַפאָס רעוואָלוציאָנערישקייט. זי פאַרלירט דעם קאַמף קעגן די פאָראורטיילן פון דער געזעלשאַפט. זי ווערט אָבער נישט קיין מעטרעסע, נאָר „גייט פירן אַ שטילן שווערן לעבן פון אַן ערלעכע[ר] אַרבעטערין”... ער פאַרענדיקט זיין אַרטיקל מיט דער פראַגע: וואָס טוט איצט אונדזער „ייִדישע” סאַפאָ? און ער ענטפערט:

„די ערד שלאָפט...
זי וואַנדערט אַליין אין דער וויסטע [מדבר]...
ווי דורך אַ נעבל ציט זיך איר אומבאַקאַנטער וועג”...

אין דער „ייִדישער סאַפאָ” האָבן אויך, אַחוץ בערטאַ קאַליש, זיך אויסגעצייכנט אַ גאַנצע ריי אַנדערע שוישפּילער, מענער און פרויען. די פּיעסע איז דערשינען אין פאַרשידענע אויסגאַבעס, איינע מיט אַ פאָרוואָרט פון דר. הלל זאָלאָטאַראָוו, און איז אַרויס אין צוויי רוסישע איבערזעצונגען: „שרה פינגערהוט (סאַפאָ)” פון א. וואָלקאָנסקי און די „ייִדישע סאַפאָ” — ד. ראָזענבליט. די פּיע־סע איז, לויטן „לעקסיקאָן פון ייִדישן טעאַטער”, אויך געשפּילט געוואָרן מיט דערפאָלג אויף דער רוסישער בינע, באַזונדערס דורך דער קאַרש־טרופּע, אונטערן נאָמען „דאָס אַדעסער לעבן”.

* * *



„גאָט, מענטש און טייוול"
(דוד קעסלער — הערשעלע דובראָוונער)

ניט ווייניקער דעבאַטעס האָט אַרויסגערופן יעקב גאָרדינס צווייטע פּיעסע פון יענעם יאָר (1900), „גאָט, מענטש און טייוול". דעם פּראָלאָג צו דער פּיעסע האָט ער שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט אַרום אַ האַלב יאָר פריער אין דער „פרייע געזעלשאַפט". אָבער ווען די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן, האָבן געוויסע קריטיקער איינגאַנצן אַרויסגעלאָזן פון אויג דעם סאָציאַלן מאָמענט, וואָס גאָרדין האָט דאָרט אַרויסגעבראַכט, און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט בלויז אויף דעם, אַז דער פּראָלאָג איז גענומען פון „איוב" און „פאוסט".

אין „גאָט, מענטש און טייוול" האָט גאָרדין אַרויסגעבראַכט אַ גאַנצע ריי פּרויען־געשטאַלטן, וואָס מאַכן נאָך היינט אַ טיפן איינ־דרוק. די מענער־ראָלן: אוריאל מזיק, לייזער בדחן, כאַצקעל דראַכמע און הערשעלע דובראָוונער זיינען געוואָרן קלאַסיש אין יידישן טעאַטער. יעדער באַדייטנדיקער שוישפּילער האָט אין אַ געוויסער צייט געזוכט אויסצופּרואוון זיינע כחות דורך זיי.

„גאָט, מענטש און טייוול" האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער ענגלישער קריטיק אויף דעם יידישן טעאַטער. זי האָט אים אַרויסגעשטעלט, ווי אַ מוסטער, צו וועלכן דאָס אַלגעמיינע אַמעריקאַנער טעאַטער דאַרף שטרעבן. יעקב גאָרדין איז פון דער דעמאָלטיקער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ פאַרגליכן געוואָרן צו איבסענען, און דער פּרעסטיזש פון דער יידישער בינע און איר רעפּערטואַר איז דעמאָלט הויך געשטיגן.

אין ענגליש איז דערשינען אַן איבערזעצונג פון פּראָלאָג און אויסצוגן פון דער פּיעסע גופא. אין העברייאיש איז די פּיעסע איבערגעזעצט געוואָרן פון ק. ל. סילמאַן (ירושלים, 1915 — גע־שפּילט געוואָרן איז זי שוין אין 1908, אין יפו). אין אוקראַיניש — ב. ליסקאָוועצקי. אין רוסיש — צוויי איבערזעצונגען: איינע אונ־טערן נאָמען „סאַטאַנאַ", פון טש. שען, אַ צווייטע פון ט. הייליגמאַן. אין דייטש איז די פּיעסע דערשינען אונטערן נאָמען „געלט" (קעלן, 1906). דער איבערזעצער ווערט נישט דערמאָנט, נאָר ער האָט געמוזט האָבן אַ שייכות צום יידישן קריטיקער בעל מחשבות, וועלכער האָט מיר נאָך אין פרילינג 1903 דערקלערט, אַז דער נאָמען „גאָט, מענטש און טייוול" (און נאַטירלעך אויך דער פּראָ־לאָג) איז צו פּרעטענציעז. ס'איז דאָך נישט קיין איוב־דראַמע און אויך נישט קיין פאוסט, נאָר אַ פאַמיליען־דראַמע, פאַר וועלכער

„גאָט, מענטש און טייוול"

(רעכטס: יעקב קאַצמאַן — לייזער בדחן; לינקס — אויבן: איזידאָר האָלענדער — אוריאל מזיק; לינקס — אונטן: נתן קלינגער — כאַצקל דראַכמע)

דער פּאַסנדיקסטער נאָמען דאַרף זיין „געלט". ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז אונטער אָט־דעם נאָמען וועט די פּיעסע איבערגעזעצט ווערן אין דייטש.

אונטערן נאָמען „דער שטן" איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפּאָלג אין רוסיש און אין פּויליש, אין די באַדייטנדיקסטע טעאַטערס.

אַ נייע באַאַרבעטונג פון „גאָט, מענטש און טייוול" איז אויפגעפירט געוואָרן (29־1928) פון מאָריס שוואַרץ אינעם יידישן קונסט־טעאַטער, אויף דער ראַדיאָ (1939) דורך יעקב מעסטל, און (1949) ווי אַ פילם דורך יאָזעף זיידען.

* * *

אַ פּאָר חדשים נאָך דער אויפפירונג פון „גאָט, מענטש און טייוול" איז אויפגעפירט געוואָרן „די שבועה, אָדער ראָני'ע די פּאַטשטאַרקע", („מוזיקאַלישע דראַמע אין פיר אַקטן, סוזשעט אַנט־נומען"). כאָטש דער סוזשעט איז גענומען פון גערהאַרט האָופטמאַן, האָט אָבער גאָרדין אַריינגעבראַכט אין דער פּיעסע אַ ריי נייע יידישע געשטאַלטן, באַזונדערס דעם העכסט־סימפּאַטישן פרויען־טיפּ, ראָניע, וואָס צייכנט זיך אויס מיט איר נאַטירלעכקייט און אויפריכטיקייט.

אין וואַרשע איז „די שבועה" אויפגעפירט געוואָרן (לויטן „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער") אונטער דער רעזשי פון י. ל. פּרץ. זי איז אויך געשפּילט געוואָרן אויף דער רוסישער בינע און דערשינען אין אַ רוסישער איבערזעצונג (ד. ראָזענבליט, אָדעס, 1912).

„די שבועה"

(אויבן: מרים טרילינג — ראָניע; אונטן: מאָריס מאָשקאָוויטש — אַקסל)

„קרייצער סאָנאַטאַ“ און „יתומה“

די פרויען־געשטאַלטן אין גאָרדינס פּיעסן זייגען אין די יאָרן 1901־1903 באַרייכערט געוואָרן מיט נאָך צוויי: עטי, אין „קרייצער סאָנאַטאַ“ (אויפגעפירט 10טן יאַנואַר, 1902 *), און כאַסיע, אין „די יתומה“ (אויפגעפירט 12טן אָקטאָבער, 1903).

„די יתומה“ איז, ווייזט אויס, געשריבן געוואָרן נישט שפּע־טער, אויב נישט פריער, ווי „קרייצער סאָנאַטאַ“. קעני ליפּצין האָט רעציטירט שטעלן פון „די יתומה“ שוין אין אָקטאָבער, 1901.

ביידע פרויען־געשטאַלטן האָבן געהאַט מוסטערן אין גאָר־דינס פריערדיקע פּיעסן. עטי, וועלכע דערשיסט איר מאַן און איר שוועסטער, האָט דערמאָנט אָן אסתרקע פון דער „שחיטה“, וואָס קוילעט איר מאַן. כאַסיע איז געווען אין געוויסע פּרטים ענ־לעך צו ראָניע די פאַטשטאַרקע פון דער „שבועה“, כאָטש כאַסיע איז נישט אַזאַ פעסטער כאַראַקטער, ווי ראָניע.

די „קרייצער סאָנאַטאַ“ איז געווען גאָרדינס גרעסטער דער־פאָלג ביי די ברייטע מאַסן. מאָריס ווינטשעווסקי דערציילט אין זיין רעצענזיע אין „פאָרווערטס“, אַז דאָס טעאַטער איז „אַזוי פול, אַז מען פאַרקויפט שטיי־פּלעצער און מען שטעלט־צו שטולן פון ביידע זייטן אָרקעסטער. דאָס פובליקום איז ענטוזיאַסטיש און די שוישפּילער ווערן אַרויסגערופן דריי־פיר מאָל נאָך יעדן אַקט. דער פאַרפאַסער אויך“. און אַט־דער „גרויסער טריאומף“, ווי דאָס טאַליא טעאַטער האָט די פּיעסע שפּעטער אַנאָנסירט, האָט אָנגע־האַלטן אַרום פיר חדשים, ביזן שלוס פונעם סעזאָן.

מאָריס ווינטשעווסקי וואונדערט זיך „וואָס דאָס באַטייט“.

---

*) לויט „דזשואיש ענגליש דראַמאַ“ — ערשט אין יוני, 1902.

ער דערקלערט עס דערמיט, וואָס „קרייצער סאָנאַטאַ" איז אַ „שטאַרקע דראַמע", אַ „פיין־געצייכנט לעבנס־בילד", וואָס „נעמט אייך און האַלט אייך און איז אינטערעסאַנט, לעבעדיק פון אָנ־הויב ביזן אויסלאָז".

„קרייצער סאָנאַטאַ"
(סעמיועל גאָלדענבורג — רפאל פרידלענדער)

ב. גאָרינס „טעאַטער־זשורנאַל" האָט אָפּגעגעבן דער פּיעסע עטלעכע אַרטיקלען. ב. גאָרין אַליין זעט אין „קרייצער סאָנאַטאַ" אַ „שטיק, וואָס איז באַזירט אויף קונץ, און דאָך האָט זי אַ נאָענטע שייכות מיט קונסט". ער גיט אָבער צו, אַז „באַזונדערע סצענ־קעלעך" ווייזן, ווי „דער אויטאָר קאָן טיף אַריינבליקן אין לעבן און אונטערכאַפּן אַזוינע מאָמענטן, צו וועלכע מ'דאַרף האָבן דאָס

אויג פון אַ וואָרן קינסטלער״. אַ צווייטער שרייבער (מ. א., דאָרט, אין זעלביקן נומער פון דעם 1טן פעברואַר, 1902) שילדערט, ווי שווער אים איז אָנגעקומען צו קריגן אַ בילעט אַריינצוגיין אין טעאַטער און ווי אַזוי ער האָט נאָכן צווייטן אַקט „זיך אָנגעהויבן אומצוקוקן אויפן פובליקום״, און האָט „זיך געפרעגט אַ קשיא: גוואַלד, רבונו־של־עולם! וואָס האָט דאָ צוזאַמענגעבראַכט אָט־דאָס גאַנצע פובליקום? וואָס איז דאָ אַזוינס אין דעם שטיק, וואָס האָט אָנגעלאָקט אָט דיזע מענגע [גרויסע מאַסע] מענטשן? זאָל דאָס זיין גאָרדינס פּאָפּולאַריטעט? איז דאָך דאָס אַ כלל גדול, אַז גאָר־דינס שטיקער באַצאָלן זיך געווײנלעך נישט אַזוי, ווי די שונד־שטיקער?״

דער שרייבער ווייזט־אָן אויף געוויסע שטריכן אין עטיס פאָ־טער, רפאל פרידלענדער, וואָס דערמאָנען אָן צלאל ראַפּאַפּאָרט, אין דער „שחיטה״, און אָן דעם יידישן קעניג ליר. ער האָט נאָך געקאָנט צוגעבן אַ ריי אַנדערע געשטאַלטן, וואו גאָרדין שיל־דערט איינגעשפּאַרטע יידישע תקיפים. דער עיקר, אָבער, איז דאָך נישט דער שטריך, וואָס פאַראייניקט זיי, נאָר די שטריכן, וואָס אונטערשיידן זיי.

בערטאַ קאַליש איז קריטיקירט געוואָרן פון ב. גאָרינען, אי פון ווינטשעווסקין.ביידע גיבן צו — דער ערשטער אינגאַנצן, און דער צווייטער טיילווייז — די מיטשולד פון אויטאָר. ביידע זיינען אָבער איינשטימיק, אַז זי האָט „אין עטלעכע פלעצער אַליין אויך צוגעפּאַלשעוועט״, ווי ב. גאָרין דריקט זיך אויס. ווינ־טשעווסקי זאָגט עס אַרויס איידעלער: זי איז „פיין, סימפּאַטיש, אָנציענד, אָבער ערטערווייז שוואַך, איבערהויפּט אין דעם לעצטן אַקט״. ער דערקלערט עס מיט דעם, וואָס הגם אסתרקעס טאָט אינעם לעצטן אַקט פון דער „שחיטה״ איז אים אויך פאָרגעקומען נישט „גענוג מאָטיווירט״, אָבער נאָכדעם, „נאָכן אַרויסגיין פון טעאַטער, ווען מאַדאַם ליפּצין [אַלס אסתרקע] האָט דעם מאַן אירן געקוילעט״, איז ביי אים „קיין פראַגע נישט געווען, אַז זי האָט נישט געקאָנט אַנדערש האַנדלען: זי איז געווען... גענוג אויפגעבראַכט צו באַגיין מער ווי איין מאָרד. זי איז געווען שטאַרק. דאָס איז נישט געווען דער פאַל ביי מאַדאַם קאַליש״.

די „קרייצער סאָנאַטאַ״ איז געוואָרן איבערזעצט און געשפּילט



„קרייצער סאָנאַטאַ"
(בערטא קאַליש — עטי)

אין רוסיש אונטערן נאָמען „זאַ אָקעאַנאָם", און אונטערן זעלבן נאָמען איז זי נאָך היינט אויך פּאָפּולער (רוסישע אינטעלעקטואַלן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פלעגן מיך אָפּט פרעגן, צי האָב איך גע־קענט פּערזענלעך דעם מחבר פון „זאַ אָקעאַנאָם"). אין ענגליש איז „קרייצער סאָנאַטאַ" איבערזעצט פון לענגדאָן מיטשעל. זי איז געשפּילט געוואָרן אין 1904 מיט בלענטש וואָלש אין דער ראָל פון עטי *). אין אַ בריוו צו אַ פריינט, ציטירט אינעם „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", שרייבט גאָרדין, אַז „קרייצער סאָנאַטאַ" איז אין ענגליש „געשפּילט געוואָרן כמעט אין גאַנץ אַמעריקע". מ'האָט אים „פּאָר איר געשימפּט [געזידלט] און געלייגט אין דער ערד אַריין פון איין זייט, גערימט און געלויבט ביזן הימל פון דער אַנדער זייט". צוואַנציק יאָר שפּעטער האָט בערטאַ קאַליש, דע־מאָלט שוין אַן ענגלישע אַקטריסע, געשפּילט איר עטי־ראָל אין „קרייצער סאָנאַטאַ" אויף דער ענגלישער בינע.

כאַסיע פון דאָרף קאָראַטשעקראַק („די יתומה") איז ענלעך צו ראָניע, די פּאָטשטאַרקע פון אַ דאָרף ביים טייך בוג (די העלדין פון דער „שבועה"), בלויז מיט דעם, וואָסביידע זיינען פּשוטע, ער־לעכע יידישע דאָרפסקינדער פון אוקראַינע. בעת אָבער אין ראָניען, ווען זי זעט, אַז אַלץ איז פאַרלאָרן, דערוועקט זיך צאָרן קעגן דעם, וועלכער האָט זי געקריוודעט, — ציט זיך כאַסיע צוריק פון לעבן דורך זעלבסטמאָרד. כאַסיע איז פון אָנהויב ביזן סוף אויס־געהאַלטן מיט איר ראָמאַנטישקייט, פּאָעזיע, צערטלעכקייט און נאַאיווקייט.

די פּיעסע „די יתומה" איז, נאָך מער ווי די „שחיטה", דורכ־געפּירט אין אַלע דעטאַלן. פּרילוצקי האָט אָנגעוויזן אויף דער לייכטקייט און שיינקייט, מיט וועלכער דער צווייטער און דריטער אַקט פון דער „יתומה" איז געבויט. דער דריטער אַקט איז פול מיט פּאָעזיע, מיט אַ ליכטיקן הומאָר, מיט שאַרפזיניקער און בייסנדיקער איראָניע. שיין און פול מיט לעבן זיינען די סצענע מיט דער סטענגע, די סעודה אין סאַלאָן פון גבירישן זינדל מיטן קבצן, מאָטיע שטרייכל פון קאָראַטשעקראַק, און דאָס אַהיימקומען פון די „אַריסטאָקראַטן". דאָס זיינען אומפאַרגעסלעכע סצענעס.

*) זע (ביים סוף פון בוך) יעקב מעסטלס אַרטיקל „יעקב גאָרדינס פּיעסן אין פילם, ראַדיאָ און אַנדערע שפּראַכן".

„כאַסיע די יתומה"

(רעכטס — אויבן: נאַדיאַ נעראָסלאַווסקא; רעכטס — אונטן: בערטאַ גוטענטאַג;
לינקס — אויבן: שרה קינדמאַן; לינקס — אונטן: ראָזעטא קאָהן)

„די יתומה" איז געשפּילט געוואָרן אין העברייאיש (איבערזעצט פון מסלול), רוסיש (י. יולין) און אוקראַיניש.

* * *

גאָרדינס פּאָפּולאַריטעט ביי די ברייטע פאָלקס־מאַסן פאַרשאַרפט דעם קאַמף קעגן אים פון דער קאָנסערוואַטיווער פּרעסע. שוין צו זיין צען־יאָריקן יובילי אַלס דראַמאַטורג (דעם 10טן נאָוועמבער, 1901) האָט אַ קאָנסערוואַטיווע יהודימשע צייטונג אויפגעהויבן אַ העצע קעגן גאָרדינס פּיעסן. זי האָט פאַרמסרט גאָרדינען פאַר אירע לייענער, אַז ער איז, נאָך זייענדיק אין רוסלאַנד, געווען „אַ זשורנאַליסט און רעוואָלוציאָנער", און אַז ער האָט זיך באַטייליקט „אין אַלע באַוועגונגען פון די אומצופרידענע און באַזונדערס אין דער אַנאַרכיסטישער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג". אַז — כדי זיך צו ראַטעווען פון דער געפאַר צו ווערן פאַרשפאַרט אין טורמע, האָט ער געגרינדעט אַ סעקטע מיטן צוועק „צו באַקערן די יידן צום קריסטנטום"... דאָס „האָט אַרויסגערופן אַזאַ רעש צווישן די יידן, אַז ער [גאָרדין] האָט געמוזט אַנטלויפן" קיין אַמעריקע, וואו ער איז געוואָרן „אַ הייסער מיטאַרבעטער" אין די אַנאַרכיסטישע זשורנאַלן.

„די אַנאַרכיסטן — דערציילט ווייטער די דאָזיקע צייטונג — האָבן געמאַכט אַ קאָנספּיראַציע צו פאַרכאַפּן די יידישע בינע אין זייערע הענט מיט יעקב גאָרדין אָן דער שפּיץ, אַלס פירער פון דער נייער געטאָ־דראַמע, און מיט זיין הילף האָבן עס די אַנאַרכיסטן געהאָפט צו פאַרכאַפּן אין זייערע הענט יעדן פאַקטאָר פון דענקען, וואָס האָט געקאָנט 'אויסאיבן וועלכן ביסט איז איינפלוס אויף דער געטאָ'".

נאָכדעם, ווי די צייטונג דערציילט וועגן גאָרדינס יובילי, וועגן זיינע פאַרערער, „וואָס וואָגן צו שטעלן אים אין איין ריי מיט שעקספּיר, איבסען און זודערמאַן", פאַלט זי אָן אויף זיינע פּיעסן. זי פאַראורטיילט „די שחיטה" דערפאַר, וואָס אַ וואַלד־הענדלער, „אַ ייד אַ למדן", פירט דאָרט אַן אויסגעלאַסן לעבן; דאָס „גאָלדענע קאַלב" („עגל הזהב, אָדער דער גאָלדענער גאָט", 1895), — ווייל דער אונטערצינדער דאָרט איז אַן אָרטאָדאָקסישער ייד; „סאַפאָ" פּרעדיקט פרייע ליבע (ס'איז פּונקט דער היפּוך! — ק. מ.);

אין „דבורהלע מיוחסת״ איז אַן אָרטאָדאָקסישער ייד אַ בעל אכסניה, וואָס האָט ווייסע שקלאַפן.

דאָס „טאַגעבלאַט״, וואָס האָט געהאַט חשבונות מיט די יידישע ראַדיקאַלן, האָט געזוכט זיך אָפּצורעכענען מיט זיי דורך אַן אָנפאַל אויף זייער דראַמאַטורג, און פאַר־איינס צו צעשטערן זייער ווירקונג אויף דער יידישער בינע. האָט דאָס „טאַגעבלאַט״ אַליאַר־

יעקב גאָרדין
(אין 1902)

מירט זיינע לייענער, אַז אַזוינע פּיעסן, ווי „די יתומה״, שענדן די יידישע „טהרת המשפחה״ (פאַמיליע־ריינקייט). די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט צוריקגעשלאָגן די אַטאַקע. אָבער דער דאָזיקער אָנפאַל פונעם „טאַגעבלאַט״ האָט געהאַט פאַר גאָרדינען ווייטגייענדיקע רעזולטאַטן.

ווי אַ פּערזאָן מיט אַ שטאַרקן ווילן, האָט גאָרדין באַשלאָסן צו מאַכן זיך אומאָפּהענגיק פון די טעאַטער־דירעקטאָרן, וועלכע קאָנען באַווירקט ווערן דורך די העצעס אין דער פּיינטלעכער פּרעסע.

ער ווערט אין 1904 אַליין אַ טעאַטער־דירעקטאָר (אין טאַליא טע־אַטער), גיט אַרויס אַן אייגענעם אָרגאַן: „די דראַמאַטישע וועלט" — „אַ מאָנאַטלעכע שריפט פון ליטעראַטור, קריטיק און דראַמאַטישע נייעס, ספּעציעל געווידמעט דעם יידישן טעאַטער" — און פירט־אויף אַ קאַמף־פּיעסע מיטן נאָמען „טהרת המשפחה", אויסצולאַכן די צבועקעס, וואָס נעמען זיך אָן כלומרשט די קריוודעס פון דער יידישער פאַמיליען־ריינקייט.

גאָרדין האָט דערוואַרט, אַז דער „פאָרווערטס" וועט, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, זיך שטעלן אויף זיין זייט קעגן זייער געמיינ־שאַפטלעכן שונא. אַנשטאָט דעם, האָט אַב. קאַהאַן, דעמאָלט שוין ווידער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", אָנגעשריבן אַ קריטיק אויף גאָרדינס פּיעסע „טהרת המשפחה", וואָס האָט אַרויסגערופן פאַר־ביטערונג ביי גאָרדינס פריינט.

אַב. קאַהאַן איז נישט געווען דער איינציקער צו קריטיקירן גאָרדינס אַ פּיעסע. ל. מילער האָט שאַרף אַרונטערגעריסן „גאָט, מענטש און טייוול", און בכלל פאַראורטיילט גאָרדינס דראַמאַטישע ווערק, ווי טענדענציעזע, און אים געוואָרנט קעגן שרייבן ווייטער טענדענץ־פּיעסן. ב. גאָרין האָט פאַראורטיילט אַ גאַנצע ריי פּיעסן פון גאָרדינען. ס'האָבן אים אויך מער־ווייניקער קריטיקירט אַ ריי אַנדערע שרייבער. דאָך האָט קיין קריטיק אים נישט אַזוי אויפ־געגרעגט און נישט געפירט צו אַזאַ פאַרביטערטער מחלוקה, ווי די צווישן אים און אַב. קאַהאַן. אַפּנים, אַז דאָרט איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט גאָרדינען אָנגעגריפן מער, ווי סתם אַ „מילדע, העפלעכע און פריינטלעך אויסגעדריקטע קריטיק", ווי אַב. קאַהאַן שרייבט וועגן דעם אין זיינע זכרונות (ציטירט אינעם „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער").

טעאַטער־קאָנקורענץ און פּרעסע

דער ציל, צו רעפאָרמירן דעם יידישן טעאַטער, האָט אויסגעזען דערגרייכט נאָך אַ קאַמף פון דרייצן יאָר. דער בעסערער טעאַטער האָט אַרום זיך גרופּירט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג און די פּראָגרעסיווע עלעמענטן בכלל. כמעט אַלע באַדייטנדיקע שוישפּילער האָבן געזוכט אויפצוטרעטן אין „ליטעראַרישע" פּיעסן, און האָבן אויסגעווײלט פאַר זייער בענעפיס אַ פּיעסע פון יעקב גאָרדין, אָדער פון זיינע נאָכפאָלגער. דאָס זעלבע האָט געטאָן יעדע אַרבעטער־יוניאָן און אַנדערע ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס. איצט האָט יעקב גאָרדין אויך געקראָגן די מעגלעכקייט צו ווערן דירעקטאָר פון אַ יידישן קינסטלערישן טעאַטער.

אין יענער צייט (אויגוסט, 1904) האָט גאָרדין שוין געהאַט אויפגעפירט איבער זעכציק גאַנצע פּיעסן — אָריגינעלע, באַאַרבעטע און איבערזעצטע, און אַ צוויי טוץ איינאַקטערס (קאָמעדיעס, וואָדעווילס, דראַמאַטישע סצענעס א. ד. גל.). זיינע ווערק פלעגן אָפט געשפּילט ווערן אין צוויי טעאַטערס צוגלייך. אַחוץ זיינע נייע שאַפונגען, פלעגן אויך אָפט געשפּילט ווערן אַ דריי צענדליק פון זיינע פריערדיקע פּיעסן, ווי „סיביריא" (1891), „פּאָגראָם אין רוסלאַנד" און „דער יידישער קעניג ליר" (1892), „דער ווילדער מענטש" (1893), „דער יידישער גלח", „ברידער לוריע", „סאָלאָמאָן קאוס, אָדער שלמה חכם" (לויטן טעאַטער־לעקסיקאָן — אין סעזאָן 1899־1900) און „רייזעלע" (1894, לויט ב. גאָרין — 1897), „רוסישער ייד", „שוואַרצער ייד" און „אידא" (1895), „צוויי וועלטן", „ווילדער קעניג" און „אלישבע, אָדער שלמהלע [שלומקע] שאַרלאַטאַן" (1896), „מעדעא" און „דבורהלע מיוחסת" (1897), „מירעלע אפרת" (1898), „שחיטה" און „סאַפאָ" (1899), „שיינע מרים", „גאָט, מענטש און טייוול", „שבועה" און „גאון" (1900), „ממזר"

(1901), „קרייצער סאָנאַטאַ", „עץ הדעת" און „שטיפמוטער" (1902), „יתומה" און „וואָרהייט" (1903) א. א.

פון צייט צו צייט פלעגן שוישפילער אויך אויפפירן איינ־אַקטערס פון גאָרדין, ווי „דער אָפגעשטאָרבענער קינסטלער", „די וואַנזיניקע אַקטריסע", „אַ נאַכט נאָך דער שחיטה", „כאַצקל דראַכמע נאָך הערשעלע דובראָוונערס טויט", „פאַרוואָס האָבן אונדז די

„די שיינע מרים"
(נאַטאַן דראַנאָוו — דאָן סעבאַסטיאַן)

מענער ליב?", „פאַרמער און אַקטריסע", „אַ קריג צווישן מאַן און ווייב", „ער און זי", „אַ יתומה אויף שפּאַס", „דער נייער אַטעלאָ" א. א.

די דאָזיקע דערפאָלגן, ווי אויך דער פאַראַדנער יובילײ פון זיין צען־יאָריקן שאַפן אַלס דראַמאַטורג, די „גאָרדין־וואָך" פון נאָוועמבער, 1901, און די פייערונג פון זיין פופציקסטן געבוירנטאָג אין מאַי, 1903, און אַלע אַנדערע דערפאָלגן און כבודים, האָבן נישט פאַרבלענדט גאָרדינס אויגן נישט צו זען, אַז דאָס שונד־טעאַטער

ציט נאָך אַלץ ברייטע מאַסן. ער האָט אויך גוט געוואוסט, אַז ער קאָן ווייניק בויען אויף זיינע פאַרערער צווישן די טעאַטער־דיי רעקטאָרן, כל זמן זיי קאָנען מאַכן גרעסערע פּראָפיטן פונעם שונד. ס'איז אים אויך געווען קלאָר, אַז נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער קען בעסער די בינע־טעכניק, ווי אירע שונד־מייסטערס, איז ער נישט בכח צו קאָנקורירן מיט זיי. ער האָפט אַפילו, ביי זיין בעסטן ווילן, אָנצושרייבן אַמאָל, אונטער אַ פּסעוודאָנים, אַ שונד־פּיעסע (וואָס זאָל קאָנען אַראָפּטרייבן פונעם טעאַטער־מאַרק די גע־ווייסנלאָזע שונד־הענדלער, און נאָכדעם אַרויספירן זייער עולם פון שונד־פינצטערניש). דאָך האָט ער נישט געקאָנט אַפּעלירן צו די נידעריקע אינסטינקטן פון דעם דורכן שונד־רעפּערטואַר דעמאַ־ראַליזירטן עלעמענט. אַזוי איז אין 1904 געווען דער גרעסטער דערפּאָלג געבילדס אַ שונד־שטיק, אין וועלכן אַן אַקטריסע האָט גע־רעדט אַזוינע עקלהאַפטע רייד, וואָס ווען זי רעדט אַזוינס אין אַ פּריוואַטן הויז, וואָלט מען זי, לויטן „פאָרווערטס", אָן ספק אַרויס־געטריבן מיט שאַנד...

די קאָנסערוואַטיווע, כלומרשט אָרטאָדאָקסישע יידישע פּרעסע, האָט גאָרנישט געהאַט אויסצוזעצן קעגן דעם ערגסטן מין שונד־און־שאַנד. זי האָט זיך אָבער געוואָרפן מיט רציחה אויף יעקב גאָרדינס פּיעסן, אין וועלכע ער רירט־אָן דעם כבוד פון איר אָפּ־גאָט — דעם גביר. אַזוי איז דאָס „טאָגעבלאַט", און אַלע אַנדערע ציַיטונגען פון זעלבן אַרויסגעבער, אָנגעפאַלן אויף גאָרדינס „יתומה". אין דער פּיעסע איז ניטאָ קיין וואָרט וועגן סאָציאַליזם אָדער קלאַסן־קאַמף. פאַראַן אָבער דאָרט פּילפאַרביקע בילדער פונעם לעבן, וואָס ווייזן, ווי אַזוי די רייכע באַהאַנדלען די אָרעמע, אַפילו ווען יענע זיינען זייערע נאָענטע קרובים.

דער מיאוסער אָנפאַל אויף גאָרדינען, דער פאַרזוך צו שטעמפּ־לען אָט־דעם ריינעם, עטישן ליטעראַט, ווי דעם צעשטערער פון יידישער פאַמיליע־ריינקייט, — בלויז דערפאַר, ווייל ער מאָלט די יידישע בורזשואַזיע, אַזוי ווי ער זעט זי אין דער ווירקלעכקייט, האָט שטאַרק אויפגערעגט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין אַמע־ריקע. דער „פאָרווערטס" האָט ביי דער געלעגנהייט זיך אָפּגע־רעכנט מיטן „טאָגעבלאַט", מיט וועלכן ער איז געשטאַנען אין קריג: ער האָט גענומען פאַר זיין בענעפיס גאָרדינס „די יתומה" און האָט עס מיטגעטיילט דורך אַ לייטאַרטיקל אויף דער ערשטער

זיִיט מיט אַזאַ „קאָפּ״: „ווי די חוצפּה און געמיינהייט פון משומד און פושקע וועט באַוויזן ווערן אויף די סטעידזש [דער בינע] פון טאַליא טעאַטער. אַ דעמאָנסטראַציאָן פאַרן ,פאָרווערטס׳״.

ווייטער לייענט זיך אַזוי: „׳די יתומה׳, קוויטשען די חזירים און חזירימלעך פון דער ׳סיוער [קאַנאַל]־שמאַטע׳, איז אַ קאַדעטס־קע פּיעסע, קיין מענטש, קיין ייד וועט מער נישט קומען איר [זי־זען]. אַלע לויפן פון איר ווי פון אַ פּעסט״. דער „פאָרווערטס״ נעמט דעריבער „די יתומה״ פאַר זיין בענעפיס, „צו באַווייזן די געמיינ־הייט, די שופטעריי און די חוצפּה פון דיזע [אַט־דער] פאַרלוימ־דונג; אויסצודריקן שטאַרק זיין טיפסטע פאַראַכטונג צו די טינט־און־פעדער־קאַדעטן פון די [דעם] ׳טאַגעבלאַט׳״, און צו „באַ־ווייזן ווער עס איז שטאַרקער אין קוואַרטאַל״...

אָבער באַלד נאָך גאָרדינס נצחון איבער זיינע אָנפאַלער פון קאָנסערוואַטיוון צד, האָט זיך געמערקט, אַז ער האָט אויך שטאַרקע קעגנער אין „ראַדיקאַלן״ לאַגער: דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״, אַב. קאַהאַן, און די קאָנקורענטן צווישן די טעאַטער־דירעקטאָרן.

* * *

יעקב גאָרדין האָט אָנגענומען די אָנפירונג פון טאַליא טע־אַטער, אונטער דער פאַרוואַלטונג פון ל. שפּאַכנער, בערטאַ קאַ־לישעס מאַן, מיט דער האָפענונג, צו פאַרשנעלערן דעם זיג פון דער בעסערער פּיעסע, און גלייכצייטיק צו באַפעסטיקן זיין מאַ־טעריעלע לאַגע. אָנהויב סעזאָן 1903־1904 האָט טאַליא טעאַטער ברייט אָנאָנסירט, אַז „די בינע וועט זיין אונטער דער לייטונג און אויפזען פון יעקב גאָרדין, וועלכער וועט זיין דער אויטאָר און סופּערווייזער [קינסטלערישער לייטער] פון אַלע פאָרשטעלונגען. פּיעסן וועלן אויפגעפירט ווערן נאָר אַזעלכע, וואָס זיינען פּראָדו־צירט פון יעקב גאָרדינס פעדער, אָדער וועלכע וועלן פון אים אָפּראָבירט ווערן״.

אַלס שוישפּילער זיינען אָנאָנסירט געוואָרן קעסלער און מאָש־קאָוויטש, ליפּצין און קאַליש, די פיינמאַנס, טאָבאַטשניקאָווס, מאָגיס א. א., און ס׳האָט אויסגעזען, אַז טאַלאַי ווערט אַן עכטער קונסט־טעאַטער.

יעקב אַדלער, וועמענס פּרעסטיזש איז געווען געבויט הויפּט־זאַכלעך אויף זיין גאָרדין־רעפּערטואַר, האָט זיך געפילט שטאַרק

MEMORANDA OF AGREEMENT made and entered this 15th day of September, 1899 by and between M i c h a e l M i n t z representing and J a c o b G o r d i n as follows, to wit. Kamil Mintz-Lipzin

WHEREAS said Jacob Gordin is the author and owner of an original drama or theatrical play in Jewish Dialect or "Yiddish" entitled "DIE SCHECHITE" (The Sacrifice), and

WHEREAS said Michael Mintz is desirous of securing to himself the exclusive right of producing, playing and performing, or causing to be produced, played or performed said play or drama, for said Kamil Mintz-Lipzin

Wherefore said Michael Mintz agrees to pay to said Jacob Gordin the sum of Three hundred dollars, the receipt w whereof is hereby acknowledged, and a royalty of Five (5) dollars for each and every performance of said play.

Jacob Gordin

פראַגמענט פון אַ קאָנטראַקט

צווישן יעקב גאָרדין און דער שוישפּילערין קעני ליפּצין (פון יאָר 1899), לויט וועלכן גאָרדין גיט איר „אַלע רעכט" (אויף 22 יאָר) פון זיין פּיעסע „די שחיטה" — פאַר $300.00 און צו $5.00 האָנאָראַר פאַר יעדער פאָרשטעלונג.

ענלעכע קאָנטראַקטן זיינען צווישן זיי געמאַכט געוואָרן פאַר דער פּיעסע „מירעלע אפרת" (אין 1898 — פאַר $200.00 און צו $10.00 פאַר אַ פאָרשטעלונג, אויף 25 יאָר) און פאַר „די שבועה" (אין 1900 — פאַר $350.00 און צו $5.00 אַ פאָרשטעלונג אויף 24 יאָר).

געטראָפן פון גאָרדינס פאַרבינדונג מיט קעסלער, קאַליש און ליפּ־צין. אַדלער האָט דעריבער גרויס אַנאָנסירט זיין רייכן רעפּער־טואַר און צוגעזאָגט אויך אויפצופירן נייע פּיעסן פון יעקב גאָר־דין.

ב. גאָרין, דער רעדאַקטאָר פונעם „טעאַטער זשורנאַל", האָט דעמאָלט געשריבן, אַז מען מעג אַ סך דערוואַרטן פונעם נייעם סעזאָן (1903־1904), ווייל אַלע דריי טעאַטערס: גרענד (אַדלערס), טאַליאַ (מיט גאָרדינען אַלס גוטהייסער פון די פּיעסן) און פּיפּלס (טאָמאַשעווסקיס) האָבן אַ באַשטימטן פּנים. „אַלץ איז אויסגע־קריסטאַליזירט". גאָרדין וועט נישט דורכלאָזן קיין שונד; אַדלער קאָן שוין נישט ווערן קיין קונצנמאַכער.

טיילווייז איז עס אַזוי געווען, און אפשר נאָך בעסער. אַפילו טאָמאַשעווסקי האָט דעמאָלט פון צייט־צו־צייט אויפגעפירט אַ בע־סערע פּיעסע — דאָס רוב לעאָן קאָברינס, און אַמאָל אַפילו גאָר־דינס („דודל משורר", „ווילדער קעניג", „דבורהלע מיוחסת"). טאַליאַ האָט צוערשט געשפּילט כמעט אויסשליסלעך גאָרדינס פּיעסן, און אַדלער האָט געפּרואווט נאָכפאָלגן. אָבער די קאָנקו־רענץ צווישן אים און קעסלערן האָט ביסלעכווייז אויך אים פאַר־ביטערט קעגן גאָרדינען.

צוליב קינסטלערישע אַמביציעס, און אויך מחמת מאַטעריעלע מאָטיוון, האָט קעסלער געזוכט אויפצוטרעטן אין אַדלערס ראָלן. כדי אָבער אַדלער זאָל אים נישט קאָנען פאַרבאָטן צו שפּילן אין אַ פּיעסע, וואָס איז זיין (אַדלערס) „אייגנטום", האָט קאָנטיק גאָר־דין דערלויבט אַרונטערצונעמען זיין נאָמען פון די אַנאָנסן. אַזוי האָט טאַליאַ אַנאָנסירט, אַז קעסלער טרעט אויף אין „סאַלאָמאָן קאָוס" — „אַ נייע באַאַרבעטונג אויף דעם זעלבן סוזשעט ווי שלמה חכם פון דעם באַוואוסטן שרייבער עליכם שלום"... אַדלער ענטפערט אויף דעם מיט אַן אַנאָנס: „מיר ווילן זען אַדלערס 'שלמה חכם', שרייען [שרייט דער] עולם"...

ביסלעכווייז אָבער רעדוצירט אַדלער זיין גאָרדין־רעפּערטואַר צו אַ מינימום. פון דער אַנדער זייט קאָן אויך נישט קעסלער כסדר קאָנקורירן מיט אַדלערן. יעקב גאָרדין שאַפט דערווייל אַ ריי פּיעסן — אָריגינעלע: „די יתומה", „די וואָרהייט" (אויפגע־פירט דעם 4טן דעצעמבער, 1903) און די מוזיקאַלישע דראַמע „די פּלשתים" (31טן מערץ, 1904); און איבערזעצטע: גאָרקיס „טראַ־

געדיע פון קליינבירגעלעכן לעבן — מיעשטשאַניע" (23טן אָקטאָבער, 1903), מעטערלינקס „די העלדין" („מאָנאַ וואַנאַ", 27טן נאָוועמבער, 1903), הויפּטמאַנס „די פּאַרלאָרענע, אָדער ראָזאַ בערנדט" (13טן אַפּריל, 1904) און „זונענאויפגאַנג" (29טן אַפּריל, 1904), און גאָרקיס „אויפן דעק פון לעבן" (22טן אַפּריל, 1904).

אָבער צום נייעם סעזאָן (1904־1905) האָבן אַדלער און קעסלער זיך פּאַראייניקט מיט בערטע קאַלישעס מאַן אין גרענד טעאַטער. גאָרדינס קאָנקורענטן זיינען געווען פיל שטאַרקער פון אים, שוין דורכדעם אַליין, וואָס זייער פּערזאָנאַל איז געווען באַזונדערס פּאָפּולער אין גאָרדינס רעפּערטואַר. זיי האָבן אויך באַלד אָנגעהויבן אַ ריקזיכטסלאָזן קאָנקורענץ־קאַמף קעגן גאָרדינס טעאַטער און אויך קעגן זיין פּערזאָן.

אין צווייטן נומער פון זיין „דראַמאַטישע וועלט" — „אַ מאָנאַטלעכע שריפט פון ליטעראַטור, קריטיק און דראַמאַטישע נייעס, ספּעציעל געווידמעט דעם יידישן טעאַטער" — קלאָגט זיך גאָרדין אויף די מענעדזשערס פון גרענד טעאַטער, אַז זיי „צאָלן צו פאַרשידענע שמיר־בלעטלעך" מ׳זאָל וואַרפן אויף אים שמוץ, און צוגלייך גייען זיי שפּילן זיינע פּיעסן „גאָט, מענטש און טייוול", „סאַפאָ", „קרייצער סאָנאַטאַ" און אַנדערע. ער פאָדערט, זיי זאָלן אים צאָלן ראָיאַלטיס (טאַנטיעמע, האָנאָראַר) און וואָרנט זיי מיט געריכט.

מ׳האָט אויך געזוכט צו פאַרמיאוסן גאָרדינען ביי די אַרבעטער מיט דער דערקלערונג, אַז פריער „איז יעקב גאָרדין געווען אַן אַרבעטער־פריינט, געקעמפט פאַר פרייהייט, געקעמפט, אַז אַלע מענטשן זאָלן זיין גלייך, און יעצט האָט ער זיך פאַרקליידט מיט איין קאַפּיטאַליסטישע[ר] מאַסקע, און ווערט אַן אַמעריקאַנער יענקי. צונויפגענומען פערציק־פופציק אַרבעטער און וועט מאַכן פון זיי די מאַטניאַ [אַ סך געלט]".

גאָרדין פאַרזיכערט, אַז אין טאַליאַ טעאַטער וועט נישט זיין קיין „באָס" און קיין „דינער", און די פערציק־פופציק אַרבעטער וועלן דאָרט אַרבעטן ווייניקער און קריגן מער פון „אירגענד וועלכן אַרבעטער אויף דער איסט סאַיד". ער דערקלערט אויך, אַז אַלס טעאַטער־דירעקטאָר איז ער אין געפאַר מער צו פאַרלירן, ווי צו געווינען. דער עיקר אָבער איז ער דאָרט פאַראַנטוואָרטלעך „מאָראַליש". זיין דורכפאַל וועט הייסן, אַז די „ליטעראַרישע פּיעסן"

(וואָס ביי געוויסע מענעדזשערס איז עס אַ זידל־וואָרט) האָבן נישט קיין דערפֿאָלג.

גאָרדין, דער אומקאָמפּראָמיסלעכער, האָט נאָך דערצו באַזונדערס פֿאַרביטערט די קאָנסערוואַטיווע פּרעסע דורכדעם, וואָס ער האָט אין אירע פֿיר צייטונגען נישט אַנאָנסירט זיין טעאַטער. האָבן יענע אים „אַנאָנסירט" אָן געצאָלטס: זיי האָבן דערקלערט, אַז אַפּילו לעצטן יאָר, ווען ער האָט געהאַט אַזוינע צוויי טאַלאַנטן, ווי קאַליש און קעסלער, איז טאַליאַ טעאַטער געווען אַ דורכפֿאַל, און „פּילע בענעפֿיסן זיינען באַגראָבן געוואָרן"...

דעם שטאַרקסטן קלאַפּ אָבער האָט יעקב גאָרדין באַקומען פֿון אַב. קאַהאַן, דעם רעדאַקטאָר פֿונעם „פֿאָרווערטס", וואָס האָט אָנגעהויבן אַרונטעררייסן גאָרדינס יעדע נייע פּיעסע. דער מאָמענט, וועלכן קאַהאַן האָט פֿאַר דעם אויסגעוויילט, און די טאַקטיק, וואָס ער האָט דערביי אָנגעווענדט, האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס זיינען נישט קיין רעצענזיעס פֿון אַ טעאַטער־קריטיקער, נאָר אַ סיסטעמאַטישער פּלאַן צו צעשטערן גאָרדינס פּרעסטיזש און מאַכן צו־נישט זיין גאַנצע מי פֿון די לעצטע דרייצן יאָר.

דער „פאָרווערטס" און יעקב גאָרדין

די פינף־אַקטיקע־פּיעסע „טהרת המשפּחה — אַ לעבנס־בילד פון דעם יידישן לעבן אין ניו־יאָרק" — איז אויפגעגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל פרייטיק־צו־נאַכטס, דעם 2טן סעפטעמבער, 1904. דער „פאָרווערטס", וואָס האָט אַ היפשע צייט פאַרשוויגן גאָרדינס נייע פּיעסן, איז פּלוצלינג געוואָרן זייער פלינק, און האָט שוין שבת פאַרנאַכט, אין זיין זונטיק־נומער פון 4טן סעפּטעמבער, פאַרעפנטלעכט אַ רעצענזיע אויף „טהרת המשפּחה", — געשריבן נישט פון די טעאַטראַלן יואל ענטין און מ. קאַטץ, נאָר פונעם „פאָרווערטס"־רעדאַקטאָר אַליין, פון אַב. קאַהאַן.

אויפן ערשטן בליק האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז דאָס טוט דער „פאָרווערטס" צוליב דער סאָציאַלער וויכטיקייט פון דער זאַך: ער וויל מאַכן רעקלאַמע פאַר אַ פּיעסע, וואָס באַצוועקט צו באַווייזן, אַז די יידישע ראַדיקאַלע באַוועגונג איז מאָראַליש ריינער, ווי אירע קאָנסערוואַטיווע אָנפאַלער. אויסגעלאָזן האָט זיך פונקט קאַפויר. אַב. קאַהאַן האָט אין זיין רעצענזיע אַרונטערגעריסן די פּיעסע „טהרת המשפּחה" מיט אַ ביטול, וואָס גאָרדין האָט געקאָנט דערוואַרטן פון דער קאָנסערוואַטיווער פּרעסע, אָבער בשום אופן נישט פון אַ סאָציאַליסטישער צייטונג.

אַב. קאַהאַן האָט אָפּגעגעבן אַ דריטל פון זיין רעצענזיע דעם קאַמף מיטן „טאַגעבלאַט", ווי אַזוי די ראַדיקאַלע באַוועגונג האָט צוריקגעשלאָגן דעם אָנפאַל אויף דער פּיעסע דורך דעם „טאַגעבלאַטס" מלחמה־געשריי: „טהרת־המשפּחה" (פאַמיליע ריינקייט)! דער „אָפּקלאַנג", וואָס איז „איבערגעלאָזן געוואָרן" פון אָט־דעם אָנפאַל, שרייבט אַב. קאַהאַן, „איז דער [דאָס] ווערטל, דער [דאָס] גלייכווערטל וועגן טאַגעבלאַטערײַ — 'טהרת המשפּחה', מיט איין אויג פאַרגלאָצט, און מיט אַ בויערי־וואונק אין די [דעם] אַנדערע[ן]

אויג]״... די ידיעה וועגן גאַרדינס פּיעסע מיט אַט־דעם נאָמען — זאָגט קאַהאַן — איז דעריבער דערהאַלטן געוואָרן פון דעם „גאַנצן קוואַרטאַל״ מיט אַ פריילעכן שמייכל, באַגלייט מיט אַן אַפּלאָדיסמענט אַלס אַ זייער „אינטערעסאַנטער איינפאַל״. מען האָט „זיך גע־קליבן צו זען די פראַגע אין די הענט פון דער קונסט״. צום סוף איז אַלץ אין דער פּיעסע געווען „נישט אויסגעמאָלט, נאָר אויס־געשפּראָכן״. די, וואָס שפּילן „די פּאָזיטיווע כאַראַקטערן פון דער פּיעסע, ווי מען רופט עס — דאָס הייסט, די ערלעכע, דענקנדע פּערזאָנען אין דער דראַמע״ זיינען בלויז אַגיטאַטאָרס. „די נעגאַ־טיווע, דאָס הייסט, די צבוע׳יאַצקע חברה פון דער פּיעסע ווערן פאַרגעשטעלט אויף אַ שטייגער״, וואָס געהערט צו „די [דער] ביליקסטע[ר] אַרבעט אויף דער סטעידזש [בינע]״. די ראָלע דאָרט פון „אַ גראָבן־יונג, אַ פּאָליטישן, אַ געמבלער, אַ צבועק און אַן עם־הארץ״ איז „אַ גאַנץ געוויינלעכע קאַריקאַטורע, — נישט קיין סימן פון קיין לעבעדיקן מענטשן, נאָר אַן איבערקרימעניש ביי יעדן וואָרט, ביי יעדן שריט. דאָס זעלבע איז מיט דער ראָלע פון דעם צבוע׳יאַצקען, פאַרשמאָלצענעם איסט־סיידער רעוורענד, וועלכער רעדט נאָר פון יידישקייט און ריינקייט — — —ביידע דיזע ראָלן זיינען פון דעם ווערייעטי סטיידזש [וואָדעוויל־בינע] סאָרט, וועלכן מיר זיינען צוגעוואוינט צו זען פון מר. לאַטיינער, ניט איין האָר בעסער״...

אַב. קאַהאַנס אויספיר איז, אַז אין דער פּיעסע איז נישטאָ „קיין אינטערעסאַנטע דראַמאַטישע אַנטוויקלונג... מען פילט זיך גלייכגילטיק צו דעם, וואָס קומט פאָר... עס לאַנגווייליקט זייער אָפט, אַחוץ [דעם] פילט זיך, אַזוי ווי מען האָט שוין דאָס אַלץ געזען און געהערט אין אַנדערע פּיעסן פון גאָרדינען, אָדער פון אַנדערע״.

אַן ענטפער אויף אַב. קאַהאַנס רעצענזיע האָט געגעבן זיין אַל־טער פריינט לואי מילער, אונטער דער איבערשריפט „אַ קריטיק אויף אַ קריטיק״. מילער לאַכט־אויס די „מבינות״ פון דעם „פאָר־ווערטס״־רעדאַקטאָר און מוסרט־אויס די סאָציאַליסטישע צייטונג „נישט צו צעשטערן די אַרבעט פון פילע״.

גאָרדינס מאַנאַטשריפט „די דראַמאַטישע וועלט״ פון 15טן סעפּטעמבער, וואו ל. מילערס קריטיק איז געדרוקט, האָט אויך אַ פריינטלעכע רעצענזיע אויף „טהרת המשפחה״ פון אַ קריטיקער,

וואָס שרייבט אונטערן פסעוודאָנים „דאָקטאָר" (מעגלעך דר. הלל זאָלאָטאַראָוו). ער קומט צום אויספיר, אַז אַ טענדענץ־פּיעסע קאָן זיין אַ דערפאָלג (ווי די פּיעסע איז פּאָקטיש געווען אַ געוויסע צייט). גאָרדין אַליין קריטיקירט דאָרט זיין „דילעטאַנטן קריטיקער", נישט אָנרופנדיק אים ביים נאָמען, און פאַרענדיקט, אַז אַ קריטיק, „וואו איר געפינט נישט ווארהייט [אמת] און וועלכע צייגט אייך נישט דיווירקלעכקייט, איז קיין קריטיקער [קריטיק] נישט". אָבער זיין פולשטענדיקן ענטפער גיט ער גראָד אין בריוו־קאַסטן... יעקב גאָרדין דערקלערט דאָרט סאַרקאַסטיש:

„אויב צווישן מיר און דעם, וואָס טרייבט־אָן דעם וואָגן פונעם 'פאָרווערטס', איז ניטאָ קיין האַרמאָניע, איז עס נישט דערפאַר, ווייל ער האָט מיר, חלילה, אַ רעה געטאָן, אָדער ווייל איך בין מקנא זיין פּאָפּולאַריטעט, זיין רום, זיין גרויסע געלערנטקייט, זיינע קענטעענישן אין ליטעראַטור א. אז. וו. איך קאָן נישט האַרמאָנירן מיט אים, ווייל ער איז מיין פרינציפּיעלער קעגנער, ווייל וואָס איך בוי, צעשטערט ער, דאָס וואָס איך טו מיין גאַנצעס לעבן, פאַרניכטעט ער. מיר אַרבעטן פאַר איינעם און דעמזעלבן קאָנטיגענט מענטשן. איך וויל זיי פירן פאָרווערטס, ער שלעפּט זיי דורכן 'פאָרווערטס' ריקווערטס [צוריק]. איך זאָג זיי: אַ מענטש דאַרף זיין אויפריכטיק און דאַרף אָפּן פאַרטיידיקן זיינע פרינציפּן. ער לערנט זיי צו זיין פּאָליטיקער. איך זאָג: אַ רעוואָלוציאָנער דאַרף נישט האָבן קיין צוויי 'לשנה טובה תכתבוס', אַז ס'זאָל אויסקומען אי אַהין, אי אַהער. ער זאָגט: מען דאַרף האָבן אין זינען די צירקולאַציאָן. איך זאָג: אַן ערלעכער מענטש דאַרף נישט חנפענען. ער זאָגט: מען דאַרף נאָר זוכן גוטע פריינט. איך זאָג: מען דאַרף זיי געבן וואָס מער לעקטשורס [לעקציעס]. ער מיינט: ס'איז גענוג איינמאָל אין יאָר אַ 'רעדע'... איך זאָג, מען דאַרף די מאַסן הייבן צו זיך. ער זאָגט, מען דאַרף זיך אַראָפּלאָזן צו די מאַסן, חנפענען זיך צו זיי און האַרמאָנירן מיט זייערע נידעריקערע אינסטינקטן. איך זאָג, מען דאַרף שרייבן נאָר גוטס, ערנסטעס, באַלערנדעס, אויפקלערנדעס. ער צווינגט זיי צו לעזן וועגן שידוכים, שדכנים, אַלטע מוידן, פּימפּס [„קאַדעט"], ווי אַ באָרדער [שכן] עפנט מיט אַ שליסל פרעמדע רומס [צימערן] א. אז. וו. איך זאָג, אַז אַ שרייבער דאַרף נישט זיין קיין ישיבה־בחור. ער דאַרף זיין אַן אינטעליגענטער מענטש און האַנדלען אָנשטענדיק. ער אָבער

געפינט פּאָר פּאַסיק צו שרייבן אַ קריטיק וועגן מיין ׳טהרת המשפּחה׳, ווערנד [בעת] אַלע ווייסן, אַז מיר געפינען זיך נישט אין פריינטלעכע פאַרהעלטענישן, און ווערנד ער פאַרשטייט, אַז פילע וועלן זיך וואונדערן — פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ איילעניש? פריייטיק האָט מען געשפּילט דאָס שטיק צום ערשטן מאָל, און שבת איז שוין דערשינען אַ ׳קריטיק׳ פון דריי קאָלומס?! א. אז. וו., א. אז. זו.

„מיט איין וואָרט, איך זעט — מיר זיינען מענטשן מיט פאַר־שידענע כאַראַקטערן, דערפאַר קאָן צווישן אונדז קיין האַרמאָניע נישט עקזיסטירן. מאַכן אָבער אַ זיס פּנים צו אַ מענטשן, וועלכער איז מיר ניט סימפּאַטיש, און זאָגן אים: ׳האַו דו יו דו [וואָס מאַכסטו], מיין טייערער פריינט׳, נאָר דערפאַר, ווייל ער איז אַ באָס [באַלעבאָס] אין אַ צייטונג, און מורא האָבנדיק, אַז אַפילו אַ קאַץ קאָן אויך קאַליע מאַכן, — אַזעלכע זאַכן האָב איך נישט געטאָן, און איך וועל זיך דאָס געוויס נישט דערלויבן צו טאָן, ווען מיין קאָפּ פאַנגט־אָן צו ווערן גרוי״...

אָט־די אומקאָמפּראָמיסלעכע שטעלונג זיינע האָט גאָרדינען געקאָסט צו טייער. דער „פאָרווערטס״ איז דעמאָלט געווען, און איז יאָרנלאַנג פאַרבליבן, די איינציקע טעגלעכע אַרבעטער־צייטונג אין אַמעריקע. דער „פאָרווערטס״־רעדאַקטאָר איז געווען נישט סתם „אַ באָס אין אַ צייטונג״, ווי גאָרדין האָט זיך אויסגעדריקט, נאָר דער פולער בעל־דעה פון אַ געוואַלטיקער פּאָליטישער און עקאָ־נאָמישער מאַכט, וואָס מאָריס ווינטשעווסקי האָט אַ פינף־זעקס יאָר שפּעטער („צוקונפט״, מאַי־יוני, 1910) כאַראַקטעריזירט אַלס אַ „סאַמאָדערזשאַוויע״ (זעלבסטהערשאַפט).

ווי אַ ווידערשפּעניקער קעגן אָט־דער מאַכט, האָט יעקב גאָר־דין שוין נישט געקאָנט מער האָבן די שטיצע פון דער סאָצי־אַליסטישער פּרעסע. פאַרקערט, זיינע פּיעסן ווערן שוין דאָרט בסדר אַרונטערגעריסן, אָדער מינימיזירט. דאָס דערמוטיקט זיין הויפּט־שונא, דעם שונד־טעאַטער. דער מלך שונד קומט דעמאָלט צוריק אין יידישן טעאַטער מיט פלאַטערנדיקע פאָנען. ער הויבט אויף זיין געלע פאָן אויך איבער גאָרדינס אייגענעם קונסט־טעמפּל, דעם טאַליאַ טעאַטער. יעקב גאָרדין מוז דאָרט דערלויבן זיינע שותּפים, מאָגולעסקאָ און אַנדערע, אויפצופירן זייערע „סוקסעס״־פּיעסן. ער ראַטעוועט דעם פּרעסטיזש פון זיין טעאַטער, סוף סע־

זאָן, בלויז דורך אויפפירן פּיעסן פון דער וועלט־ליטעראַטור („האַמלעט", „אָטעלאָ", „אוריאל אַקאָסטאַ", „קין", „די רויבער" א. ד. גל.), מיט דעם יידיש־דייטשישן קינסטלער מאָריץ מאָריסאָן (דער העלד פון גאָרדינס איינאַקטער „דער אָפּגעשטאָרבענער קינסטלער") אין די טיטל־ראָלן.

* * *

נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען און שטרויכלונגען פון אינעווייניק און פון דרויסן, האָט גאָרדין נאָך „טהרת המשפחה" אויפגעפירט יענעם סעזאָן (1904־1905) צוויי אָריגינעלע פּיעסן, וואָס זיינען געבליבן אין רעפּערטואַר פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן טעאַטער, און זיינען אויך איבערזעצט און געשפּילט געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן: „די אמתע קראַפט" (אויפגעפירט דעם 28טן אָקטאָבער [אין טעאַטער־לעקסיקאָן איז נישט־ריכטיק אָנגעגעבן — נאָוועמבער] 1904 אין אַדלערס טעאַטער) און „דער אונבאַקאַנטער", אַ סימבאָלישע דראַמע מיט אַ פּראָלאָג (אויפגעפירט אין זיין טאַליאַ טעאַטער דעם 7טן פעברואַר, 1905).ביידע פּיעסן זיינען געווען אַ דערפאָלג. די ערשטע איז געשפּילט געוואָרן באַלד צוויי חדשים, און די צווייטע צען וואָכן נאָכאַנאַנד ביז דער פּסח־וואָך, ווען גאָרדין האָט געלאָזט אויפפירן זיין ספּעציעלע יום־טוב־פּיעסע „קעניג און גאָט — סאַטירישע דראַמע אין פינף אַקטן פון אַלע היסטאָרישע צייטן" (20טן אַפּריל, 1905).

די „אמתע קראַפט" איז געווען פריי פון „אַגיטאַציע", אין ענגן זין, כאָטש דער הויפּט־העלד, דר. גאָלדענווייזער, זיין מוטער און זיין קינדס לערער, כאַיוטין, שטייען נאָענט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַב. קאַהאַן האָט געמוזט צוגעבן אין זיין רעצענזיע (פון 1טן נאָוועמבער), אַז „בילדער זיינען אין דיזער [דעם] שטיק דאָ; געשילדערט, געמאָלן, ווערט דאָ יע", נאָר — „קיין דייטלעכער געדאַנק, וואָס ער וויל דאָ זאָגן, האָט דער שרייבער נישט געהאַט"... קאַהאַנס אויספיר איז, אַז „די פּיעסע גייט 'לאַנגזאַם', ווי מען רופט עס, און אָפט איז זי גאַנץ לאַנגווייליק"...

אין דער אמתן איז „די אמתע קראַפט" געוואָרן (לויט סערע אַדלערס זכרונות אין „פאָרווערטס" גופא) איינע פון די אויסערגעוויינלעך דערפאָלגרייכע פּיעסן אויף דער יידישער בינע אין

„דער אונבאַקאַנטער"
(זיגמונט מאָגולעסקאָ — שלמה הוץ)

אַמעריקע, אַזוי גיך ווי יעקב אַדלער האָט איבערגענומען פון קעס־לערן די ראָל פון דר. גאָלדענווייזער און סערע אדלער — די ראָל פון פאַניע (וואָס בערטאַ קאַליש האָט פריער געשפילט). די פּיעסע האָט דווקא יאָ אַ „דייטלעכן געדאַנק”, אַפילו פאַר היינט, אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער. לויטן „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער” איז זי אויך איבערזעצט אין רוסיש (דורך ד. ראָזענבליט).

נאָך מער דערפאָלג איז געווען גאָרדינס פּיעסע „דער אונ־באַקאַנטער”, וואָס איז יאָרנלאַנג געשפּילט געוואָרן אין אַמעריקע און אין אייראָפּע. מ׳האָט זי אויך אויפגעפירט אין דייטש, אוקראַי־ניש און רוסיש. אין די לעצטע צוויי שפּראַכן איז זי אויך דער־שינען אין בוך־פאָרם (אין רוסיש אונטערן נאָמען „ליבע און טויט”). דער פּראָלאָג איז אויך געווען פאַרעפנטלעכט אין דער „צוקונפט”, אונטער דער רעדאַקציע פון פיליפּ קראַנץ.

אַחוץ זיינע פיר אָריגינעלע פּיעסן פון יענעם סעזאָן, האָט נאָך גאָרדין אויפגעפירט אַ פּאָר באַאַרבעטונגען, צווישן זיי אָק־טאָוו מירבאָס „די גרויסע רעוואָלוציע, אָדער די שלעכטע פּאַס־טוכער” (12טן מאַי, 1905) און אַ איבערזעצונג פון סטרינדבערגס „דער פאָטער” (2טן נאָוועמבער, 1904).

מיטן שלוס פון סעזאָן ווערט גאָרדין אויס טעאַטער־דירעקטאָר. אין דעם נייעם סעזאָן (1905־1906) דערנענטערט זיך גאָרדין ווידער צו אַדלערן, וועלכער פירט־אויף גאָרדינס נייע פּיעסן „דער מטורף”, „אלישע בן אבויה” א. א.

„אלישע בן אבויה״ און אַנדערע פּיעסן

אין דריי פון די פיר ניו־יאָרקער יידישע טעאַטערס האָט דער טעאַטער־סעזאָן 1905־1906 זיך אָנגעהויבן מיט גאָרדינס פריערדיקע פּיעסן. אַדלערס טעאַטער, מיט יעקב גאָרדין אַלס „אויטאָר״, האָט זיך דערפּענט מיט „די אמתע קראַפט״. טאַליאַ (ליפּצין, קעסלער און מאָשקאָוויטש), וואָס האָט געשפּילט בלויז זונטיקס, האָט אויפגעפירט „מירעלע אפרת״ און „גאָט, מענטש און טייוול״, און האָט כמעט דעם גאַנצן סעזאָן געשפּילט גאָרדינס פּיעסן („די שחיטה״, „מעדעא״, „די שבועה״, „יידישער קעניג ליר״, „רוסישער ייד אין אַמעריקע״, שלמקע שאַרלאַטאַן״, „יתומה״, „קרייצער סאָנאַטאַ״ א. א.). בערטאַ קאַלישעס טעאַטער האָט אָנגעהויבן דעם סעזאָן מיט „קרייצער סאָנאַטאַ״, „די וואָרהייט״, „גאָט, מענטש און טייוול״ און „סאַפאָ״, און נאָכדעם נישט געשפּילט קיין איין פּיעסע פון גאָרדינען ביזן שלוס פון סעזאָן, ווען אַפילו דאָס פערטע טעאַטער (טאָמאַשעווסקיס) האָט אויפגעפירט אַ פּאָר עלטערע גאָרדין־פּיעסן. (בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט אין אירע זכרונות, אַז באָריס טאָמאַשעווסקי האָט יענע יאָרן יאָ געוואָלט אויפפירן גאָרדינס אַ נייע פּיעסע. גאָרדין האָט זיך אָבער דעמאָלט געלאָזט גוט באַצאָלן, און דאָס האָט טאָמאַשעווסקין „ניט געלוינט״, ווען ער האָט געקאָנט „אַליין צונויפקלעפּן מיט ניכטערנעם שפּייעכץ 'פּינטעלעך', 'נשמהלעך', מיט 'פּענדעלעך'״...).

אַדלערס טעאַטער איז געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט יענעם סעזאָן אויפגעפירט נייע פּיעסן פון יעקב גאָרדין: „דער מטורף, אָדער אַ מענטש פון אַן אַנדער וועלט״; „אלישע בן אבויה״; „די קינדער פון דער זון, אָדער די אינטעליגענציע און די כוליגאַנעס״ — אַן איבערזעצונג פון גאָרקיס אַ ווערק; און „דער פרעמדער״. אַדלער האָט אויך אויפגעפירט פון־דאָס־ניי גאָרדינס „עץ־הדעת״ (געגאַנגען אַ חודש נאָכאַנאַנד), דעם „יידישן קעניג ליר״, „שלמה

חכם״, „ווילדער מענטש״, „יידישער גלח״, „שוואַרצער ייד״ און „רייזעלע״.

„דער מטורף״ איז געשפּילט געוואָרן צען וואָכן נאָכאַנאַנד פאַר געפּאַקטע הייזער. ערשט אויף דער דריטער וואָך האָט אַב. קאַהאַן צוגעגעבן אין „פאָרווערטס״, אַז „מיט דער אויסנאַמע פון ׳מירעלע אפרת׳, איז דאָס די בעסט־געבויטע דראַמע אין זיין [גאָרדינס] צעטל. זי איז גוט געבויט און איר אַלגעמיינער איינדרוק איז אויך

„דער מטורף״

(רעכטס: פּיטער גראַף — ישראל־יעקב; לינקס: לוטער אַדלער — בן־ציון)

אַ סימפּאַטישער, אַ געזונטער״. ער געפינט בלויז אַ חסרון, אַז „די כלה איז צו שיין״ — „די פערזאָנען ריידן צו קלוג״...

אַחוץ די אַדלערס, האָבן זיך אין דער פּיעסע אויך אויסגעצייכנט לעאָן בלאַנק אַלס מלכיאל גאַרבער — אַ הערשנדיקע, דעספּאָטישע נאַטור, ווי גדליה לוריע א. ד. גל.; פּיטער גראַף אַלס דער גאָלדשמיד ישראל יעקב, — אַן אַלטער משכיל און פאָלקס־פילאָזאָף; מערי ווילענסקי, אַלס שרה חוה, דעם גאָלדשמידס ווייב — גאָרדינס אַ נייער טיפּ פון אַן אַלטמאָדישער יידישער פרוי, וואָס פאַרהאַלט זיך קריטיש צום אַרומיקן יידישן לעבן.

די פּיעסע איז דערשינען אין בוך־פאָרם אין אַמעריקע (אין עטלעכע אויפלאַגעס) און אין אייראָפּע. זי איז אויך איבערזעצט אין העברייאיש (פון ישראל ברוך) און איז געשפּילט געוואָרן אין רוסיש (אין ד. ראָזענבליטס איבערזעצונג).

* * *

„אלישע בן אבויה" (אויפגעפירט דעם 5טן יאַנואַר, 1906) איז גאָרדינען געווען באַזונדער ליב. אלישע, דער מערקווירדיקער תנא פון אַכצן הונדערט יאָר צוריק, איז לויט דער יידישער לעגענדע איינער פון די פיר גדולים, וואָס האָבן זיך דערהויבן צו די העכסטע סודות פון דער גאָטהייט. בעת אָבער ר' עקיבא איז „בשלום" אַריין און אַרויס אין „געטלעכן גאָרטן", האָט אלישע דאָרט „גע־נומען אויסהאַקן די פלאַנצן"... ער ווערט אַן „אחר" (אַן אַנ־דערער), פאַרבייט די יידישע תורה אויף דער גריכישער פילאָ־סאָפיע און רופט די יידישע יוגנט צו פאַרלאָזן די ישיבות און זיך נעמען צו מלאכה. מאָריס ראָזענפעלד האָט אין זיינע ערשטע לידער, אין די אַכציקער יאָרן, באַזונגען אלישע בן אבויה. אַנדערע דיכטער האָבן אים נאָכגעפאָלגט.

יעקב גאָרדין האָט אויסגעדיכטעט אַן אלישע אין זיין איי־גענער געשטאַלט, — אַ מאָנסבילישער מירעלע אפרת, ווי וויג־טשעוסקי האָט גאָרדינען אַמאָל אָנגערופן. אלישע איז שטאָלץ און איינגעשפּאַרט. צוגלייך אָבער צאַרט, פול מיט ליבשאַפט און פאַר־געבונג. דורך אלישע בן אבויה האָט יעקב גאָרדין אויך פאַר־טיידיקט זיינע סאָציאַל־עטישע אידעאַלן, וואָס ער האָט פּראָפּאַגאַנ־דירט אין זיין יוגנט, אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן אין רוסלאַנד, באַזונדערס אין זיין „גייסטלעך־ביבלישע ברידערשאַפט".

„אלישע בן אבויה" איז צוערשט נישט געווען אַזאַ גרויסער דערפאָלג, ווי די פּיעסע איז עס געוואָרן עטלעכע יאָר שפּעטער, אין אַ נייער אויפפירונג. דאָס ערשטע מאָל איז זי געשפּילט גע־וואָרן אַרום פינף וואָכן.

אין יענער צייט (סוף 1905) האָט דער פריערדיקער גרינדער און רעדאַקטאָר פונעם „פאָרווערטס", לואיס מילער, געגרינדעט די „וואָרהייט", און דאָס האָט פאַרוואַנדלט די צוויי גוטע ברידער, מילער און קאַהאַן, אין בלוטיקע שונאים. אַזוי ווי גאָרדין איז גע־שטאַנען נאָענט צו דער „וואָרהייט", וואו זיין נאָענטער חבר, וויג־

טשעווסקי, איז געווען אַ שותף, ווערן שוין די רעצענזיעס וועגן גאָרדינס פּיעסן באַנוצט, ווי אַ פֿערזענלעכער אָנפֿאַל אויף אים. די „פֿאָרווערטס"־רעצענזיע איבער „אלישע בן אבויה" (דעם 17טן יאַנואַר) איז געווען געשריבן פֿונעם בייסנדיקן פּעלעטאָניסט מ. באַראַנאָוו. ער האָט געמוזט צוגעבן, אַז גאָרדינס „אלישע איז אַ גרויסאַרטיקע פיגור, איינע פֿון די שענסטע און מעכטיקסטע, וועל־כע אונדזער טאַלאַנטפֿולער דראַמאַטישער דיכטער האָט געשאַפֿן"; אַז דער בעטלער, טוביה האביוני, איז אַ ראָל פֿאַר אַ גרויסן שוי־שפּילער; דאָס גלייכן די געשטאַלטן פֿון רבי מאיר (אלישעס גרויסער תלמיד) און פֿון דעם פֿאַנאַטישן ראש הישיבה; אַז אויך די ראָל פֿון אלישעס טאָכטער, נעמי, איז אַ רייכע און „אַ קינסט־לערין וואָלט געקאָנט מאַכן זייער פּיל פֿון איר". דאָך דערפּילט דער „פֿאָרווערטס"־רעצענזענט זיין „באַשטעלונג" און רייסט־אַרונ־טער די פּיעסע: ער נעמט זיך אָן דאָרט די קריוודע פֿון די ערשטע קריסטן; ער באַשולדיקט גאָרדינען, אַז ער האָט זיי גע־מאַכט לעכערלעך און באַמערקט דערצו סאַרקאַסטיש, אַז „אויב ער האָט עס געטאָן, כדי צו געפֿעלן דעם יידישן עולם, האָט [איז] עס אים געלונגען". ער האַלט, אַז „די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט דעם מוט צו פֿאַרלאָזן די אַלטע רעליגיע און אָפֿן צו שטעלן זיך אויף דער זייט פֿון דער נייער, זיינען געווען מער צו באַוואונדערן, ווי צו אָפּלאַכן". זיין אויספֿיר איז, אַז גאָרדין האָט געמאַכט לעכערלעך די יידן־קריסטן „אויף דעם חשבון פֿון היסטאָרישער וואָרהייט און פֿילייכט אויך פֿון קינסטלערישער וואָרהייט". דער רעזולטאַט, זאָגט ער, איז, אַז „דאָס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַלס אַ גרויסאַרטיקע טראַגעדיע [דורך דעם כאַר פֿון די יידן־קריסטן], האָט זיך גע־ענדיקט כמעט אַלס אַ קאָמעדיע. עס האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ פֿאַר דער פּיעסע און פֿאַר איר פֿאַרפֿאַסער"...

„אלישע בן אבויה" איז באַלד אַרויס אין דרוק. די פּיעסע איז אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אין וואַרשע און איז שפּעטער אַריין אין דער יובֿילײ־אויסגאַבע פֿון גאָרדינס דראַמעס. איבערזעצונגען פֿון איר זיינען דערשינען אין העברייאיש (פֿון ק. י. סילמאַן) און אין רוסיש (פֿון ד. ראָזענבליט). לויטן „לעקסיקאָן פֿון יידישן טעאַטער", איז זי אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין ירושלים, אין העברייאיש, אין 1909.

* * *

„דער פרעמדער"
(יעקב פּ. אַדלער — נפתלי־הערץ)

נאָך „אלישע בן אבויה" איז צוערשט אויפגעפירט געוואָרן (דעם 23טן מערץ, 1906) גאָרדינס איבערזעצונג פון גאָרקיס „קינדער פון דער זון", און אַ צוויי וואָכן שפּעטער (דעם 6טן אַפּריל), לכבוד פסח, זיין אָריגינעלע פּיעסע „דער פרעמדער".

גאָרדין אַליין האָט פון זיין נייער פסח־פּיעסע נישט פיל געהאַלטן. לעאָן בלאַנק האָט דערצויילט קאָברינען („ערינערונגען פון אַ יידישן דראַמאַטורג", באַנד 1, זייטן 127־128), אַז די פּיעסע „דער פרעמדער" האָט „דווקא שטאַרק אויסגענומען". אָבער גאָרדין איז נישט געווען צופרידן פון איר דערפאָלג. אים האָט ווי געטאָן, וואָס אָט־די פּיעסע נעמט־אויס מער ווי „אלישע בן אבויה". איינמאָל, ווען דאָס פּובליקום האָט אים אַרויסגערופן, האָט גאָרדין געהאַלטן אַזאַ רעדע:

„איך האָב אייך געגעבן אַ פּיעסע 'אלישע בן אבויה', איז זי אייך נישט געפעלן געווען, און מיר איז זי זייער געפעלן געווען. האָב איך אייך איצט געגעבן אַן אַנדער[ע] פּיעסע, 'דער פרעמדער'. איז זי אייך געפעלן, און מיר — זייער נישט. וואָס לויפט איר צו אַזאַ נאַרישע[ר] מעלאָדראַמע? וואָס געפעלט אייך דאָרט?"

און ווען אַדלער האָט געמאַכט אַ גוואַלד: „מיסטער גאָרדין, וואָס האָט איר געטאָן? איר דערהרגעט דעם סוקסעס", האָט גאָרדין אים געענטפערט: „איך האָב דעם עולם־גולם דעם אמת געזאָגט!..."

די רעצענזיע אין „פאָרווערטס" (דעם 19טן אַפּריל) אויף דער פּיעסע „דער פרעמדער" ווערט אויסגענוצט דער עיקר אַרונטערצורייסן די פּערזאָן יעקב גאָרדין. מ. באַראַנאָוו שרייבט:

„די פּיעסע אין אַלגעמיינעם איז בעסער, ווי די מייסטע מעלאָדראַמען, וועלכע ווערן געגעבן אויף דער אַמעריקאַנער סצענע. ווען הער גאָרדין וואָלט זיך נישט געהאַלטן פאַר אַ יידישן שעקספּיר, וואָלטן מיר געזאָגט, אַז ער טוט דאָס בעסטע, אויף וואָס זיין קליינער טאַלאַנט איז פיאיק אין די אומשטענדן, אין וועלכע די יידישע בינע איז געשטעלט געוואָרן אין אַמעריקע. אָבער פון אַ מאַן, וואָס האָט די חוצפּה צו פאַרגלייכן זיך מיט שעקספּירן און איבערזעצן, דאַרף מען פאָדערן אַ סך מער. אַזאַ מאַן טאָר מען נישט שאַנעווען. מען קאָן נישט פאָדערן פון אַ מענטשן מער, ווי ער איז פיאיק צו געבן. אָבער ווען ער האָט די פרעכהייט אַרויפצוקריכן אויף אַ פּלאַץ, וועלכער באַלאַנגט נאָר צו גרעסטע און בעס־

טע, דאַרף מען אים אָן צערעמאָניעס און אָן מיטלייד אַראָפּוואַרפן פון דאָרטן".

* * *

די סיבה, וואָס גאָרדין האָט זיך געפילט באַזונדערס שווער געטראָפן דורך די אָנפאַלן אויף אים אין סאָציאַליסטישן „פאָר־ווערטס", איז געווען פשוט: דאָס בעסערע יידישע טעאַטער, אַזוי ווי די בעסערע יידישע ליטעראַטור, האָט זיך געשטיצט אויף די אויפגעקלערטע יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן און זייער אינטעליגענץ.

„דער פרעמדער"
(פּיטער גראַף — קלמן־משה)

זייער אָנוועזנהייט האָט גאָרדינען געגעבן מוט און כח צו רע־פאָרמירן די יידישע בינע, אויסבילדן אַ קאדר פון קינסטלער, פרויען און מענער, און דערציען אַ טעאַטער־פּובליקום פאַר בע־סערע פּיעסן. זיין גאַנצע אַרבעט איז אָבער געשטעלט געוואָרן אין געפאַר דורך דער נייער טענדענץ פון „פאָרווערטס", וואָס איז באַשטאַנען, לויט גאָרדינס אויסדרוק, אין „זיך אַראָפּלאָזן צו די מאַסן" און „האַרמאָניזירן מיט זייערע נידעריקערע אינסטינקטן" („דראַמאַטישע וועלט", פון 15טן סעפּטעמבער, 1904). אָט־די נייע

טענדענץ, איינגעפֿירט פֿון אַב. קאַהאַן, און זיין סיסטעמאַטיש אַרונ־טעררייסן גאָרדינס פּיעסן האָבן געדראָעט צו צעשטערן אַלץ, וואָס יעקב גאָרדין האָט אויפֿגעבויט אין פֿופֿצן יאָר שווערער אַרבעט. דאָס האָט געגעבן אַ באַרעכטיקונג יענע שוישפּילער, וועלכע זיי־נען באַרימט געוואָרן דורך גאָרדינס פּיעסן, זיך צוריקצוקערן צום שונד. אַזוי אַרום זיינען פֿאַרשטאַרקט געוואָרן די רייען פֿונעם שונד־טעאַטער, וועמענס באַזוכער און פּראָפֿיטן האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן.

דאָס האָט געמוזט ביסלעכווייז ווירקן אונטערצומינעווען דאָס געזונט פֿון דעם געוויינטלעך שטאַלצן, אומאָפּהענגיקן רעפּאַרמאַטאָר פֿון דער יידישער בינע. (דאָס גיט אויך צו דער „לעקסיקאָן פֿון יידישן טעאַטער״: „ווייזט־אויס, אַז די לעצטנס אָפּטע דורכפֿאַלן אין טעאַטער און די ניט איבעריק־פֿריינטלעכע סביבה האָבן אונ־טערגעגראָבן גאָרדינס געזונט״...).

אָבער גראָד יענעם יאָר ווערט גאָרדין אַנערקענט אין דער בעסערער טעאַטער־וועלט אין אַמעריקע. זיין „קרייצער סאָנאַטאַ״ ווערט יענעם יאָר געשפּילט אויף בראָדוויי. אַ גרויסע צאָל פּראָ־פֿעסאָרן און סטודענטן פֿון די באַדייטנדיקע אוניווערזיטעטן פֿלעגן קומען אויך דירעקט אין יידישן טעאַטער צו זען גאָרדינס פּיעסן. דאָך האָט גאָרדין, דעמאָלט אַ מאַן פֿון 53 יאָר, איבערגעלעבט אַ גייסטיקן קריזיס. ער וואָלט לייכט געווען אַריבערגעטראָגן די „פּאָרוערטס״־צונעמענישן, ווי „שעקספּיר־גאָרדין״ א. ד. גל. ערגער אָבער איז געווען, וואָס ער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן רעווידירן זיין שטעלונג צו דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און צו די בייע ריכטונגען אין דער דראַמאַטישער קונסט.

אויף נייע וועגן

צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד איז יעקב גאָרדין געווען אַן אויסגעהאַלטענער קאָסמאָפּאָליט. נאָך אין יולי, 1905, אין זיין דעבאַטע מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי, איז יעקב גאָרדין אַרויסגעטראָטן שאַרף און אַנטשידן פאַר אַ „קאָסמאָפּאָליטישן, אינ־טערנאַציאָנאַלן, אַלמענטשלעכן לעבן". אַרגומענטירנדיק קעגן דר. זשיטלאָווסקיס נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, האָט יעקב גאָרדין דער־קלערט:

„דער ייד איז צופיל אַריינגעמישט אין דער אינטערנאַציאָ־נאַלער וועלט, ער האָט אויפגענומען צו פיל לשונות, ער איז גע־וואָרן דורך זיין היסטאָרישן לעבן צו פיל קאָסמאָפּאָליטיש, ער האָט געקראָגן צו פיל סימפּאַטיע צו העכערע אוניווערסאַלע אידייען, עס זאָל יעצט מעגלעך זיין צו מאַכן פון אים אַ נאַציאָנאַליסט. דער מאָסן־ייד גייט בלינדערהייט וואוהין די סיסטעם פון דעם אַלגע־מיינעם סאָציאַלן לעבן פירט אים, און דער דענקענדער ייד איז שוין לאַנג אַריבערגעוואַקסן איבער די ענגע, קליינלעכע נאַציאָנאַלע דברים־בטלים. דער ייד דענקט צו טיף און ברייט, ער זאָל זיך קאָנען באַנוגענען מיט שמאָלע, פלאַטשיקע אידייען פון נאַציאָנאַ־ליזמוס. מיין געערטער אָפּאָנענט איז גאָר קיין ייד נישט, ווען ער רעדט פון יידישן נאַציאָנאַליזמוס. ער איז אַ פולקאָמענער ייד, ווען ער רעדט וועגן גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און אוני־ווערסאַלע וועלט־אַנשויאונגען!"

גאָרדינס אויספיר איז געווען: „נאָר צוויי נאַציאָנען האָבן מיר יעצט: דאָס איז מענטש און אוממענטש, אונטערדריקער און אונטערדריקטער, דער וואָס פּראָדוצירט און דער אומזיסטיקער פרעסער. דער קאַמף, וואָס גייט איצט אַן צווישן דיזע צוויי נאַ־ציאָנען, וועט פריער אָדער שפּעטער ברענגען דערצו, אַז עס וועט

נאָר בלייבן איין נאַציאָן, איין פאָלק, איין קעניגרייך, איין קולטור, איין ציוויליזאַציאָן, איין גרויסע פאַראייניקונג, וועלכע וועט זיך רופן מיטן גרויסן הייליקן נאָמען: מענטשהייט!"

אין דער דאָזיקער דעבאַטע איז יעקב גאָרדין אַרויסגעטראָטן קעגן דער מיינונג, אַז יידיש איז די שפּראַך, וואָס האָט געשאַפן, אָדער וועט שאַפן אַ ספּעציעל־יידישע נאַציאָנאַלע קולטור; אַז יידיש וועט פאַראייניקן די יידן אין אַ גרויסער נאַציע. פאַר אים איז יידיש געווען בלויז אַ מיטל אַריינצופירן די יידישע מאַסע „אין דעם גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן שאַצקאַמער פון דער וועלט־קול־טור". דערביי האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז „כל־זמן מיליאָנען רעדן און פאַרשטייען נאָר יידיש, איז צו רעדן און שרייבן פאַר זיי אין יידיש גראַדע אַזוי ערנווירדיק און אַזוי ניצלעך, ווי צו שרייבן אין ענגליש, אָדער פראַנצויזיש". ער האָט אָבער נישט אָנערקענט, אַז די מיליאָנען יידן, וואָס האָבן אַנדערע שפּראַכן, ווערן דערמיט אויס יידן, אָדער אַז „די העברייאיסטן, וועלכע זאָגן, אַז די געזעצלעכע יידישע שפּראַך איז לשון קודש", ווערן דורך דעם אויסגעשלאָסן פונעם יידישן פאָלק.

גאָרדין האָט אויך נישט אָנערקענט, אַז אין יידיש ווערן גע־שאַפן „ספּעציעל יידישע פאָרמען פון ליטעראַטור". אַזוינע פאָר־מען האָט ער געזען בלויז אין תנ"ך און אין תלמוד. די מאָדערנע יידישע קינסטלער, האָט ער אָנגעוויזן, נעמען זייערע פאָרמען פון דער וועלט־ליטעראַטור. די יידישע דראַמע, זאָגט ער, „ווען זי האָט געוואָלט זיין אַ נאַציאָנאַלע, איז זי געווען אַ קאַריקאַטורע. און זי איז אַ דראַמע, מער אָדער ווייניקער, ווען זי נעמט די דראַ־מאַטישע פאָרמען פון דער ליטעראַטור פון די אומות העולם".

אָבער, אונטער דער ווירקונג פון דער איינגעוואַנדערטער יידי־שער ראַדיקאַלער יוגנט, וואָס איז געווען נאַציאָנאַל געשטימט, האָט יעקב גאָרדין אָנגעהויבן וואַקלען אין זיינע קאָסמאָפּאָליטישע אידייען. ער ווערט שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די שטורמישע דעבאַטעס צווישן די פאַרשידענע יידישע פּאַרטיי־פירער, וואָס האָבן באַזוכט אַמעריקע נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905. ער איז געווען דער פאָרזיצער אויף דער דעבאַטע צווישן מאַרק ליבער און דאַניעלי. דער לעצטער מאַכט אויף אים אַ גוטן איינדרוק און ער באַטייליקט זיך אין זיין אָפּשייד־אָוונט. גאָרדין אונטערשטרייכט דאָרט אין זיין רעדע (מאַי, 1907), אַז ער איז נישט קיין נאַציאָ־





יעקב גאָרדין

(פאָטאָגראַפיע און ביוסט פון 1907)

נאַליסט — ער האָט בלויז ליב יונגעלייט, וואָס אַרבעטן פאַרן כלל...

אַ ראַדיקאַל־נאַציאָנאַליסטישער שרייבער האָט דעמאָלט דער־צו באַמערקט: „גאָרדין ׳איז קיין נאַציאָנאַליסט נישט׳, און דאָך פרייט עס אים זייער, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעהויבן אויפ־צולעבן, וואָס די יידישע מאַסן לאָזן זיך נישט פאַרקויפן פון יעדן פאָליטישן; גאָרדין ׳איז קיין נאַציאָנאַליסט נישט׳, און צופרידן איז ער, וואָס גראַדע די יידן אָרגאַניזירן זיך, באַוועגן זיך, טוען עפּעס אַזוי, אַז אין זיינע [אין גאָרדינס] אויגן שטייען זיי העכער פאַר אַנדערע ניט־יידן״.

אין דער אמתן האָט יעקב גאָרדין, ווי געזאָגט, אין יענער שטורמדיקער צייט אָנגעהויבן פאַרלירן זיין זיכערקייט מיט די אידייען פון די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן. ביסלעכווייז וועפּט אויך אויס זיין רוסיפיציזם. ער הייבט־אָן ווערן אַמעריקאַניזירט, כאָטש די רוסישע שפּראַך און די רוסישע ליטעראַטור איז אים נאָך אַלץ באַליבט. וואָס ווייטער ווערן אים אַלץ נענטער די יידן אין אַמעריקע, די יידישע שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור. ער נעמט ליב האָבן די ניי־איינגעוואַנדערטע יידישע יוגנט, וואָס רעדט פון אלוועלטלעכער יידישער קולטור, יידישער ליטעראַטור, יידישער קונסט. ער הייבט־אָן געבן לעקציעס איבער דער נייער יידישער דראַמאַטישער ליטעראַטור. ער רעדט אַפילו איבער אַזוינע, דע־מאָלט נאָך גאָר יונגע און אומבאַקאַנטע שרייבער, ווי פּרץ הירש־ביין. ער זוכט דעמאָלט אָנצוהייבן אַ נייעם פּעריאָד אין זיין שאַפן. אָנשטאָט די אַלטמאָדישע יידן פון דער אַלטער היים, ווילט זיך אים אַרויסברענגען די נייע יידן אין אַמעריקע. דערביי וויל ער עס טאָן דורך נייע קונסט־פאָרמען. ער געפינט אָבער נישט די געהעריקע פריינטלעכע סביבה פאַר זיינע נייע פּלענער. אָנשטאָט צו ווערן דערמוטיקט אין זיינע נייע פּרואוון, ווערט ער אויס־געלאַכט, אויסגעזידלט. ער זעט אַרום זיך צופיל קנאה און שנאה. אַנטוישונג און פאַרביטערונג האַלטן־אָפּ זיין שאַפונג־דראַנג — ער הייבט־אָן ליידן גייסטיק און פיזיש.

* * *

אַרומגערינגלט פון אַ ראַדיקאַל־נאַציאָנאַליסטישער יונגוואַרג, וואָס האָט אָנגעפילט די ליטעראַריש־דראַמאַטישע קלובן, וואו ער

פלעגט אָפּט אויפטרעטן, האָט גאָרדין געפּרוּאווט אַרויספירן אויף דער בינע אָט־דעם נייעם טיפּ יידישע יוגנט. גלייכצייטיק האָט ער, אונטער דער ווירקונג פון דער דעמאָלטיקער מאָדערנער וועלט־ליטעראַטור, אָנגעהויבן זוכן נייע פאָרמען פאַר זיין דראַמע. דער־צו איז נאָך צוגעקומען אַ דריטער מאָטיוו:

ווי שוין דערמאָנט, איז יעקב גאָרדין נישט געווען באַגייס־טערט פון דעם דערפאָלג פון זיין פּיעסע „דער פרעמדער". ביים ברייטן יידישן עולם האָט אויסגענומען גאָרדינס סימפּאַטישע שיל־דערונג פון דער נייער יידישער היים אין אַמעריקע. דער שטרענ־גער לערער, יעקב גאָרדין, וואָס האָט אַריינגעגעבן אַזוי פיל „מאָ־ראַל" אין זיין היסטאָרישער דראַמע „אלישע בן אבויה", האָט אָבער זיין פּסח־פּיעסע „דער פרעמדער" באַטראַכט פאַר מער אַמוזירנדיק, ווי באַלערנדיק. ער איז דעריבער געווען מער באַזאָרגט וועגן דעם נישט געניגנדיקן דערפאָלג פון זיין „אלישע", ווי צופרידן פון דער ענטוזיאַסטישער אויפנאַמע פונעם „פרעמדן". לויט זיין שטי־מונג, האָט ער געדאַרפט באַלד נאָכדעם געבן ווידער אַ פּיעסע מיט אַ מוסר־השכל. צוליב זיינע אידעאָלאָגישע און קינסטלערישע איבערברוכן, און מחמת די ביטערע אָנפאַלן אויף אים, איז אָבער אַוועק כמעט דריי פערטל יאָר, ביז ער איז אַרויסגעטראָטן מיט זיין נייעם ווערק „אויף די בערג", אויפגעפירט דעם 20טן יאַנואַר, 1907.

דער מחבר פון „אויף די בערג״

דער נייער סעזאָן, 1906־1907, האָט זיך געעפנט אין אַדלערס טעאַטער מיט גאָרדינס דערפאָלג־פּיעסע „דער פרעמדער״, מיט וועלכער דאָס זעלבע טעאַטער האָט פאַרענדיקט זיין פריערדיקן סעזאָן. טאַליאַ טעאַטער (פון קעסלער, ליפּצין און מאַשקאָוויטש) האָט אָנגעהויבן מיט דער „יתומה״ און „מירעלע אפרת״. קאַליש טעאַטער — מיט „קרייצער סאָנאַטאַ״ און „רוסישער ייד אין אַמעריקע״, און אַפילו טאָמאַשעווסקיס פּיפּלס טעאַטער האָט זיך דערעפנט מיט גאָרדינס אַלטער פּיעסע „דבורהלע מיוחסת״.

יעקב גאָרדין האָט דעם סעזאָן געזאָלט אַריין אַלס שותף, אָדער אויטאָר אין טאַליאַ טעאַטער. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן צוליב קעסלערן: זומער 1906 האָט קעסלער זיך געלאָזט אויפהעצן פון גאָרדינס שונאים און געזוכט צו שטערן די אויפפירונג פון „קרייצער סאָנאַטאַ״ דורך בלענטש וואַלש אויף בראָדוויי. (שפּעטער האָט קעסלער זיך אויך געמשפּט מיט אַדלערן און אים פאַרבאָטן אויפצופירן „גאָט, מענטש און טייוול״). סיי ווי האָבן דריי טעאַטערס געשפּילט דעם סעזאָן גאָרדינס פריערדיקע פּיעסן: טאַליאַ — גאַנצע צוויי צענדליק; אַדלערס — אַרום אַ טוץ; קאַליש — אַ צענדליק. פון צייט־צו־צייט פלעגט אויך טאָמאַשעווסקי אויפפירן די עטלעכע פּיעסן פון זיין באַשרענקטן גאָרדין־רעפּערטואַר.

דורך און דורך אַ לערער, האָט יעקב גאָרדין אַלעמאָל אָפּגעגעבן אַ סך ענערגיע אויף לעקציעס און פאָרלעזונגען, הויפּטזאַכלעך פאַר דעם נוצן פון זיין ליבלינג־אינסטיטוציע, די „עדיוקיישאַנאַל ליג״ — דער ערשטער באַדייטנדיקער אַמעריקאַנער לערן־אַנשטאַלט אין יידיש. אינעם לערניאָר 1906־1907 האָבן

דאָרט געלערנט אַרום פינף הונדערט סטודענטן אונטער אַכט און צוואַנציק לערער, צווישן זיי אויך יעקב גאָרדין. אַחוץ דעם לימוד פון ענגליש, זיינען אַלע קעגנשטאַנדן געלערנט געוואָרן אין יידיש: מאַטעמאַטיק, סאָציאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, פיזיק, פיזיאָלאָגיע, היגיענע, מאָדערנע דראַמע, יידישע געשיכטע א. א. אַרום 1904 האָט די יידישע „עדיוקיישאָנאַל ליג" געקויפט אַן אייגן הויז אויף אויס־צאָלן (אין 183 מעדיסאָן סטריט) און אין אירע באַריכטן פון יענער צייט געפינען זיך אָפּט באַשטעטיקונגען, אַז „דערהאַלטן פון יעקב גאָרדין [דאָ קומט די סומע, וואָס ער האָט געקראָגן פאַר דער לעקציע, ביי דער אָדער יענער אָרגאַניזאַציע]". פאַר זיך אַליין האָט גאָרדין קיינמאָל נישט גענומען קיין געצאָלטס פאַר זיינע לעקציעס און רעדעס. דעם סעזאָן 1906־1907 האָט גאָרדין געגעבן אַ סך לעקציעס און פאַרלעזונגען (פון זיינע ווערק) צו גונסטן דעם דעמאָלט קראַנקן דיכטער מאָריס ראָזענפעלד. ער האָט אויך פיל געשטיצט דעם „פּראָגרעסיוו דראַמאַטישן קלוב" און דעם „יעקב גאָרדין ליטעראַרישער קרייז".

אין יענעם יאָר האָט גאָרדין אויך אַ סך זיך אָפּגעגעבן מיט מאַקסים גאָרקין, וועלכער האָט דעמאָלט באַזוכט אַמעריקע. גאָרקי האָט אים געשריבן אַ פריינטלעכן בריוו, אַז ער וויל זיך זען מיט אים, דעם איבערזעצער פון זיין „מיעשטשאַניע". זיי האָבן פאַר־בראַכט אַ היפּשע צייט. דער שטאָלצער גאָרדין האָט, נאַטירלעך, קיין וואָרט נישט באַמערקט וועגן זיינע אייגענע שאַפונגען, כאָטש אים האָט וויי געטאָן, ווי מאָריס ווינטשעווסקי דערציילט, וואָס גאָרקי האָט דעמאָלט פון אים געוואוסט בלויז אַלס זיין איבער־זעצער... שפּעטער האָט, קאָנטיק, גאָרקי אויסגעפונען פון אַנ־דערע קוועלן וועגן גאָרדינס ראָל ביי דער יידישער בינע, און לכבוד גאָרקיס באַזוך אין טאַליאַ טעאַטער, איז אויפגעפירט גע־וואָרן דער ערשטער און צווייטער אַקט פון „גאָט, מענטש און טייוול" און דער צווייטער און דריטער אַקט פון „מירעלע אפרת".

די אַלע טעטיקייטן וואָלטן אָבער דעם ענערגישן יעקב גאָרדין נישט געקאָנט שטערן פּאַרטיק צו מאַכן אַ נייע פּיעסע אינעם אָנהויב פונעם סעזאָן. פאַקטיש האָט דאָס טאַליאַ טעאַטער שוין אָנהויב סעפּטעמבער, 1906, אָנאָנסירט: „אין פאָרבערייטונג" גאָר־דינס נייע פּיעסע „אויף די בערג". די פּיעסע ווערט אָבער אויפ־געפירט כמעט פינף חדשים שפּעטער.

דאָס פּאַרציען אַזוי לאַנג די נײַע פּיעסע איז אַן צווייפל געווען צוליב איר נײַ־מאָדנעם אינהאַלט. גאָרדין האָט יענעם זומער (1906) פאַרטראַכט אַ פּראָלאָג „אויף די בערג" (פאַרעפנטלעכט אין דער „צוקונפט", אָקטאָבער, 1906), וואָס האָט אויסגעדריקט די אומצופרידנקייט פונעם באַרג־גייסט מיט די אָנגעקומענע יידישע געשעפטסלייט, וועלכע האָבן צעשטערט די רו פון די קעטסקיל־בערג דורך זייערע קראָמען און האָטעלן. פאַראַן אינעם פּראָלאָג אַ ווייטער אָפּקלאַנג פון הויפּטמאַנס „פערזונקענע גלאָקע", וואו דער גייסט „וואַלדשראַט" זוכט נישט צו דערלאָזן, אַז אויפן באַרג זאָל קלינגען אַ קירכן־גלאָק. גאָרדינס צוויי בערג־גייסטער: „רוח הטבע" (נאַטור־גייסט) און „נגד האדם" (אַנטי־מענטש) האָבן אָבער אַ קנאַפּן שייכות צו הויפּטמאַנס געשטאַלטן. דער יונגער „רוח הטבע" איז פריינטלעך צום „אייביקן וואַנדערער", דעם יידישן אימיגראַנטישן עולם, וואָס איז געקומען אויף די בערג. און אַפילו דער אַלטער „נגד האדם" איז דער היפּוך פון דעם שטיפערישן, שפּרינגענדיקן באָק־ענלעכן וואַלדשראַט. „נגד האדם" איז אַן עכטער יידישער גייסט, אַ מין קעלעמער מגיד. ער איז בייז בלויז אויף יענע יידן, וועלכע קומען אויף זיינע גרינע בערג שפּילן אין קאָרטן, זויפן, פרעסן און הולטעווען. ער האָט אָבער גאָרנישט קעגן אַזוינע יידן, וואָס זוכן אויף זיינע קעטסקיל־בערג רו און דערהאָלונג.

לאָגישערווייז האָט גאָרדין געדאַרפט שילדערן, ווי אַזוי אַטדער שטרענגער מאָראַלישער גייסט נעמט נקמה פון די „אַלרייטניקעס", וואָס פאַרמיאוסן די בערג מיט זייערע העסלעכע אויפפירונגען. גאָרדין איז אָבער געווען צופיל רעאַליסט נישט איינצוזען דעם אמת, אויף וועלכן ס'האָבן שוין אָנגעוויזן די יידישע נביאים און תהילים־זינגער מיט טויזנטער יאָר פריער, אַז אונטער דער ממשלה פון געלט ווערן אָפט צעטראָטן גראָד די ערלעכע און ריינע, בעת די רשעים און טמאים ווערן כסדר רייכער און מעכטיקער.

גאָרדין האָט דעריבער נישט געקאָנט צוטראַכטן קיין לאָגישע רעאַליסטישע דראַמע צו זיין פאַנטאַסטיש־סימבאָלישן פּראָלאָג. האָבן זיי טאַקע ביידע נישט קיין שייכות איינע צו דער אַנדערער, ווי דאָס האָט, למשל, זיין פּראָלאָג צו „גאָט, מענטש און טייוול". די פּיעסע פאַר זיך אַליין איז אָבער דורך און דורך רעאַליסטיש.

זיינע שילדערונגען פון דעם געוויסן טיפ יידישע „אַלרייטניקעס״ פון יענער צייט זיינען גענומען דירעקט פונעם לעבן. זיי ווערן אַזוי אויך געשילדערט אין די סקיצן פון לעאָן קאָברין. דאָס איז געווען אַ טיפּ פון ריקזיכטסלאָזע, מגושמדיקע פּאַרשוינען, אָן אַ פונק מענטשלעכקייט. פון דער אַנדערער זייט האָט די דורכגע־פאַלענע רוסישע רעוואָלוציע פון 1905 געבראַכט קיין אַמעריקע דעם העכסט־אידעאַלן טיפּ יידישע רעוואָלוציאָנערע פּרויען. די יעניקע פון זיי, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין דער אָרימער אַרבע־טער־סביבה, האָבן זיך מער־וויניקער צוגעפּאַסט צום אַמעריקאַנער לעבן. אַ טייל פון זיי זיינען געוואָרן דער וואַכזאַמער געוויסן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און שטייען אויך היינט, כמעט פינף־צענדליק יאָר שפּעטער, אין די רייען פונעם קעמפערישן אַוואַנ־גאַרד. אַנדערע האָבן זיך ביסלעכווייז אַריינגעלעבט אין אַנדערע קרייזן; זיך אַרויפגעאַרבעט, פאַרבאַלעבאַטיזירט, אָדער אַפילו זיך פאַרגבירישזירט. די צאַרטע, עקזאַלטירטע, אידעאַלע קינסטלעריך־קעמפערין פּנינה פון גאָרדינס „אויף די בערג״ פאַלט אָבער אַריין דירעקט פון איר הויך־אידעאַלער יידיש־רעוואָלוציאָנערער סביבה אין רייכן הויז פונעם ערגסטן מין אַלרייטניקעס. דער דאָזיקער קאָנטראַסט איז צו שטאַרק. דער קאַמף איז נישט פאַר אירע פּי־זישע כחות, און זי ברעכט־צוזאַמען.

* * *

„אויף די בערג״ — „דראַמע אין פיר אַקטן מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג״ — איז אויפגעפירט געוואָרן (20טן יאַנואַר, 1907) אין אַ קליינעם טעאַטער, וואָס האָט געשפּילט בלויז זונטיק מאַטינע און אָוונט. צוליב הינטער־קוליסן פּאָליטיק, זיינען די ראָלן געווען שלעכט איינגעטיילט. נישט געקוקט אָבער אויף אָט־די שטע־רונגען איז די פּיעסע פון זונטיק צו זונטיק געשפּילט געוואָרן אַלץ בעסער אין משך פון די פינף־זעקס וואָכן, וואָס זי איז גע־גאַנגען.

ווי ס'איז געווען צו דערוואַרטן, האָט אַב. קאַהאַן נישט געפונען קיין איין איינציקן גוטן שטריך אין גאָרדינס נייער פּיעסע. ער האָט געשריבן, אָבער ער האָט עס נישט באַוויזן, אַז „אויף די בערג״ איז באַאיינפלוסט פון אַ ראָמאַן און אַ דראַמע אין ענגליש, און אַז די אַלרייטניקעס אין אָט־דער פּיעסע זיינען צו שוואַרץ

געמאָלן. סוף סעזאָן האָט ער אויסגעלאַכט דאָס טאַליאַ טעאַטער, וועלכעס ער רופט־אָן „זיבעטל" (ווייל ס'האָט געשפּילט בלויז איין טאָג אין וואָך, שטאָט זיבן), אַז ס'האָט פאַרלאָרן אַ שלאַכט אויף די בערג...

די כסדרדיקע אָנפאַלן אין „פאָרווערטס" האָבן געשטעלט אין סכנה דעם קוואַל פון גאָרדינס חיונה. די זאָרג איבער דער צע־שטערונג פון זיין דראַמאַטישן בנין, ווי אויך די זאָרג פאַר זיין גרויסער משפחה, וואָס איז געווען אָנגעוויזן אויף זיין פאַרדינסט, האָט סוף־כל־סוף אויך אונטערגעגראָבן גאָרדינס געזונט. און אין יוני, 1907, איז ער אַפּגעפאָרן קיין איראָפּע זוכן היילונג אין קאַרלסבאַד.

* * *

ראובן ברייניך, וועלכער האָט זיך באַפריינדט מיט גאָרדינען אין קאַרלסבאַד, דערציילט: זיי האָבן ביידע איינע די אַנדערע ביז דעמאָלט נישט געהאַט געלייענט. ברייניך האָט אָבער באַלד דער־זען אין גאָרדינען אַ שיינע נשמה פון אַ „ליידנדן־דענקענדן יידן". ער האָט „אין אים גלייך געפילט דעם קינסטלער, דעם פּאָעט, דעם גוטן, ווייכן מענטשן, דעם פיינעם יידן — אַ ייד פון פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט".

גאָרדינס מויל, דערציילט ברייניך, האָט „אָממייסטן געשוויגן, דערפאַר האָבן זיינע אויגן שטענדיק גערעדט און אַלעס [אַלץ] אָפּגעשפּיגלט. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער צוהערער. אַלץ האָט ער געהערט, אויפמערקזאַם געהערט". באַזונדערס האָט זיך גאָרדין שטאַרק צוגעקוקט צו די אַלטמאָדישע, די טיפּישע גאַ־ליציאַנער יידן.

וועגן זיך און זיינע ווערק האָט גאָרדין נישט גערעדט. „ער איז געווען העכער פון זיינע ווערק, און האָט אויף זיי פון אויבן אַראָפּגעקוקט. ער האָט גערעדט מיט אָנערקענונג, מיט ליבע פון די יונגע יידישע טאַלאַנטן. ער האָט אַ קלאָרע אויג געהאַט פאַר פרעמדע שאַפונגען". ער האָט „נישט נאָר ביכער געשריבן, נאָר אויך ביכער געלעזן". אים האָבן אינטערעסירט וועלט־פראַגן, פּראָבלעמען פון לעבן און טויט, קונסט־פראַגן, ליטעראַרישע שטרע־מונגען, די צוקונפט פון יידישן פאָלק און פון דער יידישער קונסט.

לויט ברייני̇נס איינדרוק, איז יעקב גאָרדין געווען „אַ מענטש פון פיינע[ר] העכערע[ר] קולטור״ אַ פּערזענלעכקייט פון אַ יידישן תלמיד־חכם, וואָס „האָט אייגענעם גייסט און סטיל״. ער האָט „געקוקט אויף אַלעס מיט אַ פילאָזאָפישע[ר] רו, מיט אַ געוויסע[ר] קלוגע[ר] און גוטע[ר] איראָניע״, און איינגאַנצן איז ער „געווען מעלאַנכאָליש געשטימט״... „זיין מינע איז געווען שטאָלץ־עניוות־דיק, פאָרנעם־טרויעריק, רואיק־שטיל, בנעימותדיק״.

גאָרדינס רייזע איבער גאַליציע

די רייזע איבער גאַליציע פאַרנעמט ביי גאָרדינען דעם אויבן־אָן אין זיינע רייזע־בילדער פון אייראָפּע.

נישט געקוקט אויף די אינטריגעס און רשעות, וואָס האָבן אונטערגעגראָבן זיין געזונט, איז גאָרדין געווען אין אַ בעסערער שטימונג, ווי מיט זעכצן יאָר פריער, ווען ער איז געפאָרן פון רוס־לאַנד קיין אַמעריקע. זיינע רייזע־בילדער זיינען דורכגעפלאָכטן מיט שטימונגען, באַהויכט מיט אַ לייכטן, גוטמוטיקן הומאָר. זיי זיינען נאָך היינט, עטלעכע־און־פערציק יאָר שפעטער, אָנגענעם און אינטערעסאַנט צו לייענען.

די קלאַסנצעטיילונג אויף דער דייטשישער שיף פאַרשאַפט גאָרדינען אַ סך פאַרדרוס. באַזונדערס רעגט אים אויף די לאַגע פונעם דריטן קלאַס, וואָס ליגט אונטן אין שמוץ און אָרעמקייט: „אַלע פּראָפיטן פון שיף קריגט מען פון אים [פון דריטן קלאַס], און ער קריגט דערפאַר גראָבע באַהאַנדלונג און פאַראַכטונג. מכות צו עסן און ווייניק פלאַץ צו לעבן”.

אין זיינע שילדערונגען פון די מיטפאָרער אינעם צווייטן קלאַס פאַרצייכנט ער אויך עטלעכע, אים נישט סימפּאַטישע, יידישע פאַסאַזשירן: „אַ רומענישער ריעל עסטעיט [הייזער־האַנדל] כאַ־פערלאַפניק, וועלכער איז נאָך גאַרנישט לאַנג געווען אַן אַרבעטער און אַ מאַשין האָט אים אָפּגעשניטן צוויי פינגער. איצט רעדט ער דייטש, שפילט פינאָקל [אַ קאָרטן־שפיל] און לאַכט פון די אַר־בעטער”... „אַ שיקאַגער עושר, וואָס האַלט זיך זייער שטאָלץ און ווייסט נישט, ווי צו זיצן ביים טיש... ער מאַכט זיך האַרץ און פילט זיך במחילה”... „אַ ניו־יאָרקער ראַבאַיס זינדל, אַ בחורל פון זעכצן יאָר, קרימט־איבער, אויף אַ שיף־קאָנצערט, ווי אַזוי אַ ייד רעדט ענגליש; דאָס בחורל מאַכט מיאוסע אָנצוהערענישן,

און, זיין טאַטע, דער ראַבאַי, קוועלט פונעם זונס ׳חריפות׳ און די דייטשן פרעגלען זיך פון נחת״.

געקומען אין דייטשלאַנד, פאַרברענגט גאַרדין מער ווי אומעטום אין בערלין. די דייטשישע הויפטשטאָט איז אים געווען שטאַרק געפעלן. אַלץ, זאָגט ער, איז דאָרט „סיסטעמאַטיש און האַרמאָניש. עס איז שיין נישט טיילוויז, נאָר אַלץ אינגאַנצן גענומען איז שיין, אויסגעהאַלטן, צוגעפאַסט״. גאַרדין מאַכט דערפון אַזאַ אויספיר: „דער דייטש איז דער איינציקער מענטש אין דער וועלט, וועלכער באַזיצט פולקאָמען די קראַפט פון עקאָנאָמיע״... „דאָס לעבן איז פאַר אים נישט אינעם פאַרשווענדן, נאָר אינעם עקאָנאָמיזירן״... דער דייטש „עקאָנאָמיזירט לעבנדיק און לעבט עקאָנאָמיזירנדיק״...

גאַרדין באַוואונדערט די דייטשישע טעאַטערס און די קונסט־אויסשטעלונגען, איבערהויפט די, וואָס זיינען דעם קייזער און די יונקערס נישט געפעלן... ס׳רעגט אים אָבער אויף, ווען ער זעט, ווי „די בערלינער כאַפּן אַראָפּ די היטלען מיט פרייד, מיט התלהבות, מיט שטאָלצקייט פאַר דעם פאַרבייפאָרנדיקן קרוינפרינץ״. גאַרדין מאַכט דערביי אַ פאַרגלייך צווישן דייטשלאַנד און אַמעריקע, און ער באַשליסט: „ווי איך קום נאָר צוריק, נעם איך אַרויס מיינע סיטיזן־פעיפּערס [בירגער־פּאַפּירן]״.

מעגלעך, אַז אַט־אַזוינע סצענעס האָבן אים באַווירקט, נישט געקוקט אויף זיינע „אינטערנאַציאָנאַלע פּרינציפּן״, אַרויסצוגעבן זיין שטרענגן אורטייל, אַז דער „דורכשניטלעכער דייטש״ איז „שטומפּיק ווי אַ יידישע האַק״... „אומפאַרגעבלעך דום [נאַריש]״ און „אומבאַגרענעצט פרעך״...

ניט קיין בעסערע מיינונג האָט גאַרדין וועגן דעם דייטשישן ייד: „דער דייטשישער ייד איז במחילה גאָר קיין ייד נישט. אַ ייד דאַרף זיין רעוואָלוציאָנעריש און סקעפּטיש — ער איז ניט. דאָס איינציקע, וואָס איז אים געבליבן, איז אַ פייאיקייט צום געשעפט און אַ ׳סעמיטישע נאָזע׳ — דאָס איז ניט פיל. דער דייטשישער ייד קריכט פון דער הויט, צו ווערן דייטש. און דער דייטש שטופּט אים אָבער צוריק אין זיין יידישע[ר] פעל אַריין — און דערפאַר העלפט דעם יידישן דייטש זייער ווייניק זיין קריכן״... און ער באַמערקט דערצו סאַרקאַסטיש: „אייניקע יידישע פאַרזאָרגער שרעקן זיך זייער שטאַרק, וואָס יידן נעמען אַנטייל אין

רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. וואו אין דער וועלט זיינען נאָך דאָ אַזעלכע לאַיאַלע יידן, ווי אין דייטשלאַנד? און וואו אין דער וועלט איז דער אַנטיסעמיטיזם אַזוי שטאַרק, ווי אין דייטשלאַנד?"

* * *

אין די רייזע־בילדער פון עסטרייך פאַרנעמט ביי גאָרדינען דעם ערשטן פּלאַץ גאַליציע, וועלכע ער שילדערט אַזוי: „אַ לאַנד פון קאָנטראַסטן. דאָס אַלטע און דאָס נייע, מתים און לעבעדיקע, אַפּיקורסות און פאַנאַטיזמוס, די חוצפּה פון פּאַריזער מאָדע און אַזיאַטישע נאַאיוויטעט, דער פאַרגעשריטענער צוואַנציקסטער יאָר־הונדערט און דער פינצטערער דרייצנטער יאָרהונדערט, — אַלץ איז צוזאַמענגעמישט און עס לעבט צוזאַמען און עס שפּאַצירט־אום איבער די גאַסן פון לעמבערג".

אַ באַזונדערס גוטע מיינונג האָט יעקב גאָרדין וועגן די גאַ־ליציאַנער יידיש־רעדנדיקע אינטעליגענטן. די דאָזיקע „אמת יידי־שע אינטעליגענטן זיינען אַלע שרעקלעכע נאַציאָנאַליסטן", שרייבט ער, און זיינען אידעאָלאָגיש זיינע „פאַרביסענע קעגנער". דאָך האָט ער זיי ליב, ווייל זיי זיינען „ערנסטווירדיקע און אַנשטענדיקע מענטשן" און האָבן אַן „אייגענע, אָריגינעלע פיזיאָנאָמיע" — דעם חן פון „שיינעם עלטער" און דעם ענטוזיאַזם פון דער אידעאַליסטי־שער יוגנט... דערצו זיינען אַט־די גאַליציאַנער אַלע לומדים: אומעטום „אין די בתי־מדרשים, אין וואַגאָנעס און קאַפע־הייזער" האָט ער באַגעגנט גאַליציאַנער יידן „דורכגעקנאָטענע אין לומדות". די גאַליציאַנער יידיש־רעדנדיקע אינטעליגענטן זיינען „דענקענדע מענטשן, פון וועלכע מען קאָן עטוואָס הערן און עטוואָס לער־נען"... ער האָט זיך דעריבער „געפילט גוט" צווישן זיי. זיין נשמה, זאָגט גאָרדין, „האָט זיך אָפּגערוט דאָרט", און ער איז אין גאַליציע „גאָר אַן אַנדער מענטש געווען"...

אין בערלין האָט גאָרדין באַדויערט דאָס פאַרשווינדן פון דער „שיינער, בלאָנדער, בלוי־אויגיקער גרעטכען"... און אין ווין האָט ער געפילט פאַרדרוס, וואָס די דאָרטיקע שיינע פרויען זיינען „אַ סימבאָל פון זאָאָלאָגישע[ר] צופרידנהייט"... דערפאַר איז ער אָבער געווען אַנטציקט פון די גאַליציאַנער יידישע פרויען. ער האָט דערקלערט, אַז „ווער עס וויל זען אַ טיפּ פון אַן אמת יידי־שע[ר] שיינע[ר] פרוי, דער זאָל פאָרן קיין גאַליציע"...

זיין פאַרליבטקייט אין די יידן פון גאַליציע פאַרבלענדט אָבער נישט גאַרדינס אויגן, צו זען דאָרט אויך די שאָטנזייטן. דאָס זיינען פאַר אים געווען דער חסידיזם און די חסידישע רביים, ביי וועמען די גאַליציאַנער יידן זיינען געווען אין „גלות"... ער האָט אויך באַזוכט איינעם פון אָט־די „גוטע יידן" — דעם בעלזער. דער דאָזיקער „צדיק" האָט זיינע חסידים „געהייסן שטימען נישט נאָר קעגן די סאָציאַליסטישע, נאָר אויך קעגן די יידישע ציוניסטישע קאַנדידאַטן. ער האָט געהייסן האַלטן נאָר פאַר די פוילישע רע־אַקציאָנערע רעגירונגס־קאַנדידאַטן"...

אַדאַנק זיין לעמבערגער באַגלייטער, האָט גאַרדין זיך שטאַרק קאָנטראָלירט, און זיין האַלב־שעהדיקער שמועס מיטן בעלזער רבין איז דורכגעגאַנגען בשלום. איידער ער איז צו אים אַריין אין צימער, האָט ער געמוזט צושטעלן דעם גבאי אַ קוויטל. ווען גאַרדין האָט אָנגעגעבן זיין נאָמען: „יעקב יוסף בן יחיאל מיכל הלוי", האָט דער גבאי באַמערקט: „אייער פאָטערס נאָמען דאַרפן מיר נישט. איר גיט אונדז נאָר אייער מוטערס נאָמען". אויף גאַר־דינס אויסגעדריקטער פאַרוואונדערונג, האָט דער גבאי אים דער־קלערט: „אַ מענטש קאָן קיינמאָל נישט זיין זיכער, ווער זיין טאַטע איז געווען"... גאַרדין איז געוואָרן אויפגערעגט און איז געווען גרייט צו זאָגן אַ שאַרף וואָרט. זיין לעמבערגער וועג־וויזער האָט אים אָבער צוריקגעהאַלטן. האָט ער געשוויגן און באַטראַכט דעם חסידישן עולם, וואָס האָט געשריבן „קוויטלעך" און בקשות צום רבין. „אַ שוואַרצע מעכטיקע האַנט", באַמערקט גאַרדין, „האָט פּלוצלינג אַ שטויס געטאָן דעם שווערן מאַסיוון 'וויזער' פון דער צייטס זייגער אויף הונדערט און פופציק יאָר צוריק"...

דער בעלזער רבי האָט אויף גאַרדינען געמאַכט דעם איינדרוק, ווי „אַ געוויינלעכער באַאַרנטער ייד מיט אַ זייער געוויינלעכן פּנים. קיין חכמה, קיין גרויסקייט, קיין גלערנטקייט, קיין פאַלש־קייט זאָגאַר [אפילו] האָט זיין פּנים נישט אויסגעדריקט. פּשוט, אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר".

אַ פיל בעסערן איינדרוק, ווי דער בעלזער, האָבן געמאַכט אויף גאַרדינען די לערנער אין דעם בעלזער בית־המדרש: זקנים מיט „קעפּ, באַלויכטן מיט שטראַלן פון דער זון, וועלכע האָבן פאַרדינט געמאָלט צו ווערן פון אַ רעמבראַנדט"... אַ יינגעלע „מיט אַן אינטעליגענטן פּנים און מיט ליכטיקע אויגן — — —

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף ערנסטע לערנער, אויף די טויזנטער דיקע, אַלטע ספרים מיט גראָבע רוקנס און אָפּגעריבענע טאָוולען אין די ווענט, און אַ געפיל פון טיפן רעספּעקט האָט אָנגעפילט מיין ברוסט. איך האָב געפילט, אַז איך געפין זיך איצט אין אַן אַלטע[ר] אַקאַדעמיע, וועלכע איז פאַרצויבערט געוואָרן מיט צווי טויזנט יאָר צוריק... צוואַנציק יאָרהונדערט[ער] זיצן די סטו־דענטן אויף די זעלבע פלעצער, ביי די זעלבע ספרים און שטודירן די זעלבע סכאָלאַסטישע פראַגן — — — תורה איז נישט גלויבן, תורה איז נישט לערנען, אום [כדי] צו קריגן אַ פּראָפעסיאָן, אַ פּראַקטישן געווינס, אַ פּאַטענט — זיי לערנען, ווייל לערנען איז די אַטמאָספערע פון זייער לעבן, דער צוועק פון זייער עקזיסטענץ! אָ, דו גרויסער תורה־פאָלק! איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געפילט אַזאַ רעספּעקט און אַזאַ באַוואונדערונג צו דיר, ווי אין די מינוטן, ווען איך בין געשטאַנען אין דיין אָרעמע[ר] אָבער גרויסער, אַלטע אָבער וואונדערבאַרע, פאַרגליווערטע און דאָך לעבנספולע, פאַרצויבערטע און געטלעכע אַקאַדעמיע אין אַן אָרימע יידישע שטעטל, אין בעלז!"

אַנטציקט איז אויך געווען גאָרדין פון אַ סצענע אויף זיין וועג צוריק, פאַרבייפאָרנדיק אַ ציגל־פאַבריק: ס'איז שוין געווען נאָך דער אַרבעט. איינער פון די אַרבעטער, אַ בלאָנדער ייד פון מיטעלע יאָרן, איז געזעסן אויף דער פריזבע. זיינע שטיוול און זיינע קליידער זיינען געווען אויסגעשמירט אין ליים און אין קאַלך. זיין פּנים אָבער האָט געלויכטן פון צופרידנקייט. לעבן אים איז געזעסן אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעקס מיט אַ סידור אין האַנט, און דער טאַטע האָט זי געלערנט עברי: „ער פירט מיטן פינגער איבער די שורות, און דאָס קינד גיט אַ קוק אין סידור און גיט אַ קוק אויפן טאַטן מיט גליקלעכע אויגן"...

* * *

אין לעמבערג איז גאָרדין געווען אַרומגערינגלט פון דער סטודענטישער יוגנט. דאָס יידישע טעאַטער האָט לכבוד אים אויפ־געפירט זיינע פּיעסן „דער ווילדער מענטש" און „דער מטורף". גאָרדין האָט אָבער דערפון ווייניק נחת געהאַט. ער האָט דער־קלערט, אַז פינף און זיבעציק פּראָצענט פונעם „ווילדן מענטש" איז נישט זיינע... ביים אויפפירן דעם „מטורף" האָט די אַקאַ־

דעמישע יוגנט „אַראַנזשירט לכבוד דעם מחבר אַ גאַנצע אָוואַציע". זיי האָבן אים צוגעטראָגן אַ „פּראַכטפולן שיינעם קראַנץ", אַזאַ, וואָס ער האָט פריער „קיינמאָל נישט געקראָגן"...*) ער האָט זיי געדאַנקט, אָבער קריטיקירט דאָס דייטשמעריש פונעם טעאַטער: „זעכצן יאָר האָלט איך אין אַמעריקע מלחמה מיטן 'טייטש', און ער איז כמעט פאַרטריבן געוואָרן פון דער יידישער בינע. איך האָף, ווען איך וועל קומען אַהער צום צווייטן מאָל, וועט דאָס יידישע טעאַטער אין גאַליציען אַמווייניקסטנס נישט זיין ווייניקער יידיש, ווי דאָס טעאַטער אין אַמעריקע".

גייענדיק אַהיים פון טעאַטער, דערציילט גאָרדין, האָט ער געטראַכט, אַז אין גאַליציע און אין רוסלאַנד האָבן זיי [אין 1907] נאָך נישט קיין אַנונג פון קיין יידיש טעאַטער. „עס איז נאָך פורים־שפּיל, אין בעסטן פאַל איז דאָס קינדער־שפּיל"... מ'שפּייזט דעם עולם מיט שונד, און אויב מען שפּילט יאָ אַמאָל אַ בעסערע פּיעסע, איז זי מיאוס „צעהרגעט און צעקריפּלט". די יידישע קרי־טיקער „זעען אַמאָל אָט־אַזאַ צעקריפּלטע און צעקאַליעטשעטע פּיעסע און שרייבן פון [וועגן] דער אַמעריקאַנער יידישע[ר] דראַמע מיט אַ פאַטראַגיזירנדן טאָן — זיי קוקן מער פון אויבן אַראָפּ"... און ער רופט־אויס דערביי: „דרך ארץ! היטלען אַראָפּ, איר, פאַרזונקענע אין שונד און אין שמאַטע, ווען איר רעדט פון דער יידישער דראַמע און פון דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע!"

* * *

גאָרדין קומט צוריק קיין אַמעריקע פיזיש און גייסטיק דער־פרישט — אפשר מער פון זיין באַזוך אין גאַליציע, ווי פון די בעדער אין עסטרייך... די יידישע אינטעליגענץ אַראַנזשירט פאַר אים אַ קבלת־פּנים. אַלס רעדנער טרעטן אַרויס: יצחק אייזיק הורוויטש, דר. זאָלאָטאַראָוו, מ. לעאָנטיעף (מאָיסייעף), דר. אב. קאַספּע און מ. קאַטץ. פאָרזיצער איז געווען מאָריס ווינטשעווסקי.

אויך די יידישע טעאַטערס פּייערן דעם „גרויסן יום טוב" פון גאָרדינס „צוריקקער פון אייראָפּע". זיי פירן־אויף אַ גאַנצע ריי פון זיינע פּיעסן, און איבער זייערע רעקלאַמעס דרוקן זיי אָן

*) ווי יעקב מעסטל גיט־איבער, איז ער געווען איינער פון די צוויי „אַקאַדעמיקער", וואָס האָבן גאָרדינען איבערגעגעבן דעם קראַנץ.

עקסטרא שורה: „ווילקאָמען אונדזער גרויסער גאַסט, ה׳ גאָרדין״. זיי אַנאָנסירן אַלע, אַז גאָרדין וועט קומען צו די פאָרשטעלונגען און „אָפּגעבן אַ גרוס פון דער אַלטער היימאַט״.

אַזוי הויבט זיך אָן דער טעאַטער־סעזאָן 1907־1908 אין אַלע פיר טעאַטערס, אַפילו אין טאָמאַשעווסקיס פּיפּלס־טעאַטער, מיט גאָרדינס פּיעסן. באַזונדערס אָפּט ווערן דעמאָלט געשפּילט „די יתומה״, „מירעלע אפרת״, „די שחיטה״, „גאָט, מענטש און טייוול״, „קרייצער סאָנאַטאַ״, „סאַפאָ״, „דער מטורף״, „דער ווילדער מענטש״ און „אויף די בערג״. טאָמאַשעווסקי פירט־אויף די „שטיפמאַמע״ און גיט זי אָן אַלס אַ נייע פּיעסע. ס׳ווערן אויך אַנאָנסירט גאָר־דינס צוויי נייע פּיעסן: „דער שטורם״, איבערזעצט פון אָסט־ראָווסקיס פּיעסע, און „אָן אַ היים״, וואָס ווערט אויפגעפירט דעם 25טן אָקטאָבער, 1907.

„אָן אַ היים״ שילדערט דעם פאַרנאַנדערפאַל פון אַ יידישער היים אין אַמעריקע: קינדער, וואָס ווערן באַוווירקט פון דער גאַס; די „גרינע״ פרוי, וואָס קאָן זיך נישט צופּאַסן צום אַמעריקאַנער לעבן; די שלומפּערדיקע הפקרניצע, וואָס צעשטערט אַליין איר היים; די מאָדערנע פּראָגרעסיווע פרוי, וואָס מאַכט אירע ערשטע ניט־זיכערע טריט; דער זיידע, וואָס לעבט נאָך מיט זיינע גאולה־חלומות.

די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן אַרום צוויי חדשים נאַכאַנאַנד. נאָכדעם איז זי געבליבן אין רעפּערטואַר און איז צענדליקער יאָר געווען באַקאַנט ווי סערע אַדלערס „דערפאָלג־פּיעסע״. „אָן אַ היים״ איז אויך אַרויס אין בוך־פאָרם (ניו־יאָרק, 1911). זי גע־הערט נישט צו גאָרדינס בעסטע ווערק, דאָך האָט זי געווען פיינע שטעלן. אָבער אַב. קאַהאַן האָט זיך דעמאָלט געמאַטערט זי איב־גאַנצן אַרונטערצורייסן. ער האָט געטענהט, אַז אירע פּערזאָנען זיינען ליאַלקעס, אָדער קאַריקאַטורן, און די גאַנצע פּיעסע איז אַ „צונויפגעקלעפּטע״... אַ „זשורנאַליסטישע שמד־שטיק״... „אי־בערקרימענישן״ און אַז „קיין גרעבערן דזשאָב קאָנט איר אין קיין ׳ווערייעטי שאָו׳ [וואָדעוויל־פאָרשטעלונג] נישט געפינען״.

דער דאָזיקער אָנפאַל איז אָבער נאָך געווען מילד אין פאַר־גלייך מיט דעם, וואָס אַב. קאַהאַן האָט געשריבן וועגן גאָרדינס פּיעסע „גלות גאַליציען״.

„גלות גאַליציען"

די וואָרעמע געפילן פאַר די יידן אין גאַליציע האָבן באַוועגט גאָרדינען צו שרייבן אַ פּיעסע פון זייער לעבן. פאַר זיין סוזשעט האָט ער גענומען אַן עפּיזאָד, וואָס האָט פּאַסירט אין זיין יוגנט: אַ חסידישער רבי ווערט אַן אפּיקורס.

דער דאָזיקער רבי, ר' בערניו פון ליעווע, איז געווען אַ זון פון דעם רבין ר' ישראלצע רעזינער, וועלכן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן האָבן ביטער געהאַסט פאַר זיין לעבן אין גרויס לוקסוס, ווי אַ פּוילישער מאַגנאַט, אויפן חשבון פון די יידישע מאַסן. זיי האָבן דעריבער טריאומפירט, ווען אָט־די איינפלוסרייכע רבישע משפחה איז דיסקרעדיטירט געוואָרן. דעם רבים משפחה האָט געשאָטן מיט גאָלד, אומצוקערן צוריק אין איר רשות דעם זינדיקן זון. ווען זי דערגרייכט עס און דערקלערט שפּעטער, אַז ר' בערניו איז געשטאָרבן אַ צדיק, פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, אַז די משפחה האָט אים דערמאָרדעט...

(אויך דער שרייבער מיכל דאַווידזאָן פאַרענדיקט זיין היסטאָרישע דראַמע „דער ליעווער רבי" [שיקאַגאָ, 1935] מיט דער דערמאָרדונג פון ר' בערניו דורך אויפגעהעצטע חסידים).

גאָרדינס פּיעסע „גלות גאַליציען", אויפגעפירט דעם 31טן דעצעמבער, 1907 (3טן יאַנואַר, 1908?) פאַרנעמט זיך נישט מיט דעם געשיכטלעכן ר' בערניו. גאָרדין באַנוצט בלויז די געשעעענישן פון די זיבעציקער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט פאַר אַ שילדערונג פון די חסידים און די אינטעליגענטן אין גאַליציע, ווי ער האָט זיי געזען אין 1907. ער אינטערעסירט זיך ווייניקער מיט דער פּערזאָן פונעם רבין (ביי אים הייסט ער „ר' ישראליק"), נאָר מער מיט דער סביבה און די אומשטענדן.

„גלות גאַליציען" שפּילט זיך אָפּ אין דער צייט, ווען ר' ישראליק

איז שוין אַן אַפּיקורס. זיין סביבה אָבער לאָזט אים נישט ווערן אויס רבי. אין דער ערשטער ריי קעמפט קעגן דעם די רביצין, הדסה. פאַר איר איז עס נישט קיין פראַגע פון גלויבן, נאָר פון אַ לעבן אין רייכקייט און כבוד. זי וויל אויך באַזאָרגן איר קינד, אַז ס'זאָל נאָכן טאַטנס טויט איבערנעמען די גדולה. זי פאַרשטייט נישט און וויל נישט פאַרשטיין ר' ישראלקעס געפילן — זיינע געוויסנסביסן, וואָס ער שפּילט אַ פאַלשע ראָל, און באַטראַכט זיך אַליין פאַר אַ ליגנער און אַ שווינדלער. הדסה פּרוּווט צוערשט ווירקן אויפן מאַן מיט גוטן, שפּעטער מיט בייזן און צולעצט שטעלט זי זיך נישט אָפּ אויך פאַר מאָרד.

אַ ביטערן קאַמף קעגן דעם רבינס שטימונגען פירט אויך דער גבאי, ר' וואָלף. פאַר אים איז די רבישאַפט אַ גאָלדן געשעפט. ער איז דעריבער, אַזוי ווי די רביצין, מיט וועלכער ער איז אינטים, גרייט אויף אַלץ, אַבי אָנצוהאַלטן דעם עסק.

פיל מער ווי אָט־די צוויי געשעפטסמעסיקע פּערזאָנען האַלטן ר' ישראליקן צוריק פון אויפגעבן זיין רבישאַפט די ערלעכע, גלויביקע חסידים. ער איז צוגעבונדן צו זיין רבישן שטול דורך זייער אויפריכטיקער טיפער אמונה אין אים. ס'העלפט נישט ר' ישראליקן דאָס טרייבן זיי פון זיך. דורכדעם גופא ווערט ער ביי זיי אַלץ הייליקער.

אומוויסנדיק און כאַראַקטער־שוואַך, קאָן ר' ישראליק מיט זיינע אייגענע כחות זיך נישט באַפרייען. אים קומט הילף פון דרויסן: אַ פרומער מתנגד, וואָס האַלט דעם חסידיזם פאַר אַ המשך פון דער שבתי צבי־פאַרגעטלעכונג און פאַר אַן אמונה, וואָס איז פאַרמיסטיקט מיט געצנדינערישע עלעמענטן; אַ דאָקטאָר, אַ משכיל, און אַ ריי אַנדערע פּראָגרעסיווע פּערזאָנען. ס'קומט אים אויך צו הילף די קריסטלעכע קירך, וואָס האָפט צו געווינען זיין אומרואיקע נשמה...

(אין גאָרדינס יוגנט־יאָרן איז געווען פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז דער לומדישער מיסיאָנער יצחק זאַלקינסאָן, דער איבערזעצער פון מילטאָן און שעקספּיר אין העברעיִש, איז דעמאָלט געווען אין ליעווע און געזוכט צו באַווירקן דעם רבין פאַרן גלויבן אין יעזוסן).

דער פּרוּוו פון דער רביצין און איר שוואָגער, אויך אַ רבי, ווי זיין ברודער, צו דערקלערן ר' ישראליקן פאַר משוגע, צווינגט

זיי זיך צו ווענדן צום רעגירונגס־דאָקטאָר גוטמאַן. אָבער גוט־מאַן דערגרייכט ביי דער רעגירונג, ער זאָל מעגן אַריבערפירן דעם רבין צו זיך אין הויז. ווען דער איינפלוסרייכער משפחה געלינגט שפּעטער אים צוריקצוקריגן אין איר רשות, איז שוין ר׳ ישראליק אַן אַנדערער מענטש. לפנים־וועגן שפּילט ער די ראָל פון אַ רבין. ער איז אָבער גרייט אויסצונוצן זיין מאַכט זיך צו באַפרייען און אָנהויבן אַ נײַ לעבן: ער איז פאַרליבט אין דר. גוטמאַנס געביל־דעטער טאָכטער, אַראַבעלע, און האָט אויך גוטע האָפענונגען. די רביצין אָבער מאַכט אַ סוף צו אַלע זיינע פּלענער דורך פאַר־גיפטן אים...

* * *

יעקב גאָרדין האָט געקוקט אויפן חסידיזם, ווי אויף אַ גרויס אומגליק פאַר די יידישע פאָלקסמאַסן אין גאַליציע. אויף זיין רייזע דאָרט איז ער אויך געווען אַרומגערינגלט פון אַלגעמיינע ציוניסטן, ווי גרשם באַדער און משה קליינמאַן, און פון פּראָלע־טאַרישע ציוניסטן. פון די דאָזיקע עלעמענטן, אַזוי ווי פון די יידיש־רעדנדיקע סטודענטן און סאָציאַליסטן, האָט ער זיך דער־וואוסט, אַז די חסידישע רביים דערלאָזן נישט אויפצוהויבן די יידישע מאַסן אין גאַליציע אויף אַ העכערער עקאָנאָמישער און קולטורעלער מדרגה. מ׳האָט אים אויך אינפאָרמירט, אַז די דאָזיקע חסידישע „גוטע יידן״ שטייען אויף דער זייט פון די פּוילישע פּריצים קעגן דער יידישער אָרימשאַפט... גאָרדינס חסידישע טיפּן אין „גלות גאַליציען״ זיינען דעריבער ענלעכער צו לינעצקיס און סמאָלענסקינס, ווי צו פּרצעס און אַשעס. אמת, עס זיינען פאַ־ראַן אין „גלות גאַליציען״ גוטע מענטשן אויך צווישן חסידים. זיי זיינען אָבער ביי אים נישט די רעגל, נאָר די אויסנאַם. אַזאַ שיינע פּערזענלעכקייט האָט גאָרדין דאָרט געשילדערט אין דער גע־שטאַלט פון משה פּרוש — אַ בילד פון אַ חסיד, וואָס דערמאָנט אָן די שענסטע טיפּן פון דער חסידישער באַוועגונג אין איר סאַמע אידעאַליסטישן פּעריאָד.

אַ פּיעסע מיט אַזאַ קריטישן צוגאַנג צו חסידים האָט נאַטירלעך נישט געקאָנט אויסנעמען ביים נישט־ראַדיקאַלן עולם פון די רע־אַקציע־יאָרן. אַפילו „די וואָרהייט״, וואָס איז צו אים געווען פריינטלעך, האָט אונטערגעשטראָכן, אַז „גאָרדינס באַהאַנדלונג פון

חסידים איז געבליבן די זעלבע, ווי ביי די אַלטע משכּילים: אַ שניידנדיקע קריטיק, געבויט מער אויף די [דער] סאָציאַל־קול־טורעלע[ר] ווירקונג פון דיזער ריכטונג: אַרונטעררייסן די מאַס־קע פון די שלעכטע, פאַרדאַרבענע צדיקים און זייערע משרתים און ווייזן די גאַנצע דומהייט [נאַרישקייט] פון זייערע נאָכפאָלגער״.

„גלות גאַליציען״ האָט דעריבער זיך געקאָנט שטיצן בלויז אויף די ראַדיקאַלע יידישע מאַסן. נאָר אַזוי ווי דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״, אַב. קאַהאַן, איז געווען גאָרדינס אַ פּערזענלעכער שונא, — איז אָנשטאָט צו פאַרטיידיקן אָט־די ראַדיקאַלע פּיעסע קעגן דער קאָנסערוואַטיווער אָרטאָדאָקסישער פּרעסע, האָט ער אַליין זיך אַרויפגעוואָרפן אויף גאָרדינען נאָך מיט מער האַס, ווי יענע. ער האָט דערקלערט, אַז אויך די פריערדיקע פּיעסע גאָר־דינס, „אָן אַ היים״, איז געווען „אַ פאַלשע, געבלאָפטע, לאַנגווייליקע פּיעסע״. איר באַדייטנדיקן דערפאָלג דערקלערט אַב. קאַהאַן אַזוי: „מיסטער גאָרדין אַליין האָט יעדן אָוונט אַדווערטייזט [רעקלאַמירט] די פּיעסע אויף אַזאַ אַרט [אופן], אויף וועלכן אין דעקסטער סטריט אַדווערטייזט מען סעקאָנד הענטיקע [אָפּגעטראָגענע] קליי־דער״...

אַב. קאַהאַן האָט אָפּנים געפילט, אַז מ׳קאָן אים פרעגן: „טאָ פאַרוואָס ׳אַדווערטייזט׳ נישט ׳מיסטער גאָרדין׳ די נייע פּיעסע ׳אויף אַזאַ אַרט׳?״... דערציילט ער, אַז דער עולם האָט זיך שוין אַרומגעזען, אַז גאָרדין „טרייט [פּרוּווט] אים צו בלאָפן [אָפּנאַרן]״... און „אום [כדי] צוריקצוגעווינען וואָס ער האָט פאַרלאָרן״, האָט גאָרדין „געטרייט געבן אַ פיל בעסערע, אַ פיל שטאַרקערע, אַ פיל ערלעכערע פּיעסע, ווי די, וואָס ער האָט גע־געבן אין די לעצטע יאָרן״. אָבער אויך די נייע פּיעסע „גלות גאַליציען״, דערקלערט אַב. קאַהאַן, איז „פאַלש, געבלאָפט און לאַנגווייליק פון אָנהויב ביז סוף״...

דאָס האָט נאַטירלעך שטאַרק אויפגערעגט גאָרדינס פאַרערער. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז אַזוינע ווערטער, ווי „פאַלש, געבלאָפט און לאַנגווייליק״ האָט אַב. קאַהאַן קיינמאָל נישט דערוועגט זיך צו שרייבן קעגן די נידעריקסטע מאַכערייקעס פון די ערגסטע שונ־דיסטישע פּיעסן־מאַכער. פאַרקערט, דאָרט פלעגט ער געווינלעך צוגעבן, אַז כאָטש ס׳איז „שונדעוואַטע״, איז עס דאָך געשפּאַנט און אינטערעסאַנט...

געלויבט „גלות גאַליציען" האָט בלויז די „פרייע אַרבעטער שטימע", וואָס האָט אָבער, ווי אַ וואָכנבלאַט, נישט דערגרייכט די ברייטע ראַדיקאַלע מאַסן. איר רעדאַקטאָר, ש. יאַנאָווסקי, האָט דערקלערט, אַז אים איז גאָרדינס נייע פּיעסע „דווקא געפעלן געוואָרן" און ס'איז פאַר אים „אַ רעטעניש", פאַרוואָס מען האָט זי אַזוי גיך אַרונטערגענומען. ער האַלט, אַז דער סוזשעט פון „גלות גאַליציען" איז „אַ זייער אינטערעסאַנטער און פול מיט העכסט דראַמאַטישע מאָמענטן. די אידייע פון דער דראַמע, כאָטש אַ זייער טיפע, איז זי אָבער זייער קלאָר אויסגעדריקט. די טיפּן זיינען ראַיעלע, לעבעדיקע, און די גאַנצע דראַמע איז געשפילט געוואָרן מיט אַזאַ גלאַטקייט, וועלכע איז ווירקלעך אַ זעלטנהייט אין יידישן טעאַטער".

דער טעאַטער־דירעקטאָר, אַדלער, האָט אָבער, ווייזט־אויס, זיך דערשראָקן פאַרן אָנפאַל פון „פאָרווערטס" און מער די פּיעסע נישט אויפגעפירט. ווען גאָרדין האָט זי געלאָזט אויפפירן צו זיין ערנאָוונט (דעם 23טן יאַנואַר, 1908), איז אַדלער נישט אויפגעטראָטן. זיין ראָל, „ר' ישראליק", האָט געשפילט מאָשקאָוויטש, וועלכער האָט אין די פריערדיקע פאָרשטעלונגען געשפילט דעם גבאי „ר' וואָלף".

אויף זיין ערנאָוונט האָט גאָרדין, צווישן די אַקטן, אין קורצן געשילדערט די לאַגע פון די יידן אין גאַליציע. ער האָט אָנגעוויזן, אַז „גלות גאַליציען" איז אַ בילד פון אָט־דעם לעבן *). צו־לעצט האָט ער דערמאָנט דעם פּראָגרעסיוון אינטעליגענטן עולם,

*) באַמערקונג פון יעקב מעסטל: ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ביים פאַרטראַכטן דעם סוזשעט פאַר „גלות גאַליציען", האָט גאָרדין אויסגענוצט דעם פאַקט (וואָס מיר האָבן אים דערציילט בעת זיין פאַרווײלן אין לעמבערג) וועגן דעם ערשטן אויפגעקלערטן קרייז־ראַבינער אברהם קאָהן, וועלכן די לעמבערגער חסידים האָבן (לויט די דעמאָלטדיקע אָנקלאַגן אין געריכט) פאַר־סמט צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער. געשען איז עס אין 1848, פיר יאָר נאָכדעם, ווי אברהם קאָהן האָט אין לעמבערג געעפנט אַ מאָדערנע שולע (אין 1844).

ווען יעקב גאָרדין איז געווען אין לעמבערג (1907), בין איך גראָד גע־ווען לערער אין דער דאָרטיקער „הויפּט־שולע", וואָס האָט געטראָגן אברהם קאָהנס נאָמען. איך האָב נאָך געקענט זיין זון (פעליקס ?) קאָהן, אַ פּוי־לישער שריפטשטעלער, וועלכער איז געבליבן אַן אייביקער קריפּל, ווי אַ רע־זולטאַט פון יענער פאַרגיפטונג.

וואָס האָט אָנגעפּילט דאָס טעאַטער, אַז דער „פאָרווערטס" און די „רעאַקציאָנערע פּרעסע" רופן אים אָן „בלאָפער" און זיינע פּיעסן — בלאָף, און ער האָט דערצו באַמערקט: „וואָס זאָל איך טאָן, אַז איר, דאָס אינטעליגענטע יידישע טעאַטער־פּובליקום האָט מיך אַזוי פיל יאָרן געלאָזן בלאָפן? ווען איר וואָלט נישט געווען צונעמען פון מיר אַזעלכע בלאָפס, ווי 'גאָט, מענטש און טייוול' און 'מירעלע אפרת' און אַנדערע פּיעסן, וואָלט איך שוין לאַנג געווען אויפגעהערט בלאָפן. אָבער איר אַליין האָט דאָך מיר געגעבן דעם מוט ווייטער צו שרייבן, האָב איך ווייטער געבלאָפט"...

* * *

נאָך גאָרדינס ערנאָוונט טרעט אַרויס אַב. קאַהאַן מיט אַ סעריע אַנטי־גאָרדין אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך געצויגן פיר חדשים נאָכאַנאַנד. מאָריס ווינטשעווסקי האָט קאַהאַנס ערשטע פיר אַרטיקלען (פופצן קאָלומס) כאַראַקטעריזירט אַזוי: „אין אַ ים ווערטער האָט ער [אַב. קאַהאַן] אַרויסגעבראַכט צוויי גרופּן 'פאַקטן', פון וועלכע די ערשטע האָט ער שוין אַליין געזאָגט ביי יעדער רעצענזיע אין די זעכצן יאָר, וואָס ער 'האַלט זיך איין', און אַ צווייטע גרופּע מער אָדער ווייניקער ניי — הגם נישט שפּאָגלניי" — דאָס איז: „אַז גאָרדין טעראָריזירט די קריטיק און מאַכט סקאַנדאַלן אינעם טעאַטער; — — — אַז ער האָט קריטיק־פיבער; אַז ער האַלט אין איין זידלען קאַהאַנען — שוין זעכצן יאָר; אַז ער, קאַהאַן, האָט זיך איינגעהאַלטן (איזהו גבור הכובש את יצרו), ביז עס איז געקומען פּרץ, מיט אים אנסקי, און זיי ביידע האָבן מגלה געווען דעם סוד: אַז געשאָנעוועט האָט מען גאָרדינען די גאַנצע זעכצן יאָר, מחמת ער איז אַ בן יחיד" א. א. וו., א. א. וו.

ווינטשעווסקי רעכנט אַזוי אויס קאַהאַנס אַלע טענות און באַמערקט דערצו: „אָט־דאָס צו זאָגן האָט מען ביז איצט פאַרש... פאַרשריבן פופצן קאָלומס. מען האָט אויף דעם אופן באַוויזן איין 'פּונקט', וועלכן איך האָב דאָ אויסגעלאָזן. גאָרדין האָט אים באַשולדיקט, אַז ער קען נישט שרייבן. האָט קאַהאַן צעלאָזן פופציק ביז זעכציק שורות לעזע־שטאָף אין אַ פופצן קאָלומדיקן קובל וואַסער, צו באַווייזן קלאָר פאַר דעם טעמפּסטן מח, אַז גאָרדין איז גערעכט"...

אַחוץ זיין סעריע אַרטיקלען פון צענדליקער און צענדליקער

קאַלומס, אין וועלכע ער האָט געזוכט צו באַווייזן, אַז גאָרדין איז כלל נישט קיין דראַמאַטורג. האָט אַב. קאַהאַן אויך פאַרעפנטלעכט אַ צווייטע סעריע, וואָס האָט געזאָלט באַווייזן, אַז יעקב גאָרדין איז בכלל נישט קיין אָריגינעלער שרייבער און נישט קיין ערלע־כער מאַן, נאָר אַ פּלאַגיאַטאָר, אַ ליטעראַרישער גנב... קאַהאַן האָט, אַן אַ דערלויבעניש, איבערגעדרוקט אין „פאָרווערטס" גאָר־דינס עסעי „די גרויסע וועלט דראַמע" (אַריין אין פערטן באַנד פון „אַלע שריפטן פון יעקב גאָרדין", זייטן 3־49). נאָכדעם האָט ער אויפגעשריבן צענדליקער קאַלומס, אין וועלכע ער האָט גע־זוכט צו באַווייזן, אַז גאָרדין האָט זיין עסעי אַרויסגענומען פון דעם בוך „די פינף גרויסע סקעפּטישע דראַמעס פון דער וועלט־גע־שיכטע", פון אַן ענגלישן גלח, רעוו. דזשאָן אָוען (דערשינען אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק, אין 1896).

גאָרדינס „גרויסע וועלט־דראַמע"

לויט ראובן בריינינס שילדערונג, איז יעקב גאָרדין געווען „אַ מענטש פון פיינע[ר] העכערע[ר] קולטור". גאָרדין האָט אַ סך געלייענט און איז געווען אָנגערעגט פון דער וועלט־ליטעראַטור. עס איז דערפאַר נישט לייכט געניי אָנצואווייזן דעם אָפּשטאַם אַפילו פון זיינע באַאַרבעטע פּיעסן. בלויז צוויי בייַשפּילן: לויט דוד פּינסקי, האָט גאָרדין געבויט זיין פּיעסע „עץ הדעת" (14טן פעברואַר, 1902) אויף פרידריך העבעלס פאַמיליע־דראַמע „מאַריאַ מאַגדאַלענאַ"; און לויט נח פּרילוצקי — אויף טאָלסטאָיס „פרוכט פון בילדונג"... גאָרדינס „שטיפמאַמע" איז, לויט ב. גאָרין, באַאַרבעט פון מאָזענטאַלס „דעבאָרא"; און לויט מיכל גאָלדבערג (ווי עס איז פאַרצייכנט אין טעאַטער־לעקסיקאָן) — פון גרילפאַרצערס אַ פּיעסע מיטן נאָמען „פּאַראַדינאַ" [?], וואָס ווערט צווישן גרילפאַרצערס ווערק נישט דערמאָנט...

נאָך קאָמפּליצירטער זיינען די אור־קוועלן פון גאָרדינס אַן עסעי, וואו די הויפּט־אידייען זיינען פּאָרט זיינע אייגענע. ס'איז דעריבער געווען, מילד גערעדט, אַ לייכטזיניקייט צו באַשולדיקן גאָרדינען, אַז זיין אַרבעט „די גרויסע וועלט־דראַמע" איז איבערגעשריבן פון רעווערענד דזשאָן אָוענס אַ בוך.

רעווערענד דזשאָן אָוען (1833־1896), אַ גלח אין ענגלאַנד, האָט צענדליקער יאָרן זיך באַשעפטיקט מיט פּראָבלעמען פון סקעפּטיציזם. אין 1881 האָט ער פאַרעפנטלעכט צוויי בענד, פון איבער טויזנט זייטן, מיטן נאָמען „אָוונטן מיט די סקעפּטיקס". אין 1893 האָט ער אַרויסגעגעבן נאָך צוויי ביכער איבער די סקעפּטיקער פון איטאַליענישן און פראַנצויזישן רענעסאַנס. אַחוץ דעם, אויך אַ ביכל איבער די רעליגיעזע אויסזיכטן פון סקעפּטיציזם. ער האָט אויך איבערזעצט פון דייטש אַ ווערק פונעם ליבעראַלן טעאָלאָג

פאָן האַרנאַק. זיין לעצט ווערק, „פינף גרויסע סקעפּטישע דראַ־
מעס פון דער געשיכטע", איז דערשינען אין 1896, שוין נאָך זיין
טויט.

אין דער ענגלישער ליטעראַטור האָבן אָוענס ווערק נישט
געמאַכט קיין אויפזען. די ענגלישע ענציקלאָפּעדיע דערמאָנט
אַפילו נישט זיין נאָמען. מעגלעך, אַז אָוענס בוך, ווי אַ ריי אַנ־
דערע ביכער, האָבן אָנגערעגט באַרדינען צו שרייבן זיין עסעי
„די גרויסע וועלט־דראַמע" (דערשינען צו־ערשט אין חודש־זשור־

„עץ הדעת"
(מישע פישזאָן — מאָזע סטאָליער)

נאַל „פרייע געזעלשאַפט" פון נאָוועמבער און דעצעמבער, 1899,
און יאַנואַר 1900; שפּעטער, „אַביסל פאַרגרעסערט און אויסגע־
בעסערט", אין דער „צוקונפט" פון יולי, אויגוסט, סעפּטעמבער
און נאָוועמבער, 1904. צולעצט אין „אַלע שריפטן פון יעקב גאָר־
דין", באַנד 4, זייטן 3־49). אָבער, — די „פרייע געזעלשאַפט"
איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון מ. לעאָנטיעף און מ.
קאַטץ — ביידע קענער פון ליטעראַטור. אויך די „צוקונפט", אונ־

טער פיליפ קראַנצס רעדאַקציע, האָט אַרום זיך געהאַט אַ באַ־דייטנדיקן קרייז פון ליטעראַטור־קענער. און קיינעם פון זיי איז אַפילו נישט איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק, ווי אַב. קאַהאַן האָט אַרויס־געזאָגט אינעם „פאָרווערטס" פון 1908, — אַז אַן עסעי, אויף וועלכער ס'איז געלעגן דער שטעמפּל פון יעקב גאָרדינס אייגענעם גייסט און סטיל, איז „געגנבעט" פון רעוו. דזשאָן אָוען.

אמת, אָוען רעדט אין זיין בוך וועגן פּראָמעטעאוס, איוב, האַמלעט און פאוסט, און דאָס טוט אויך גאָרדין (ווי מיט צענדלי־קער יאָר פריער האָט עס געטאָן סיימאָנס). גאָרדין, אָבער, באַ־האַנדלט זיין קעגנשטאַנד גאָר פון אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט, ווי דער ענגלישער טעאָלאָג. יעקב גאָרדין שרייבט דאָרט, ווי אַ פריידענ־קער און מאַטעריאַליסט, וועלכער מאַכט, נאַטירלעך, קעגנזעצלעכע אויספירן, ווי רעוו. אָוען. אַפילו בלויז דאָס איבערגעבן אַזוי קורץ, קלאָר און לייכט דעם אינהאַלט פון אַזאַ שווער, טעאָלאָגיש־פילאָזאָפיש ווערק פון פיר הונדערט זייטן (וואָס וואָלט אין יידיש פאַרנומען טאָפּלט), איז שוין פאַר זיך אַליין אַ שעפערישע אַר־בעט. אָבער גאָרדין האָט געגעבן זיין עסעי אי אַן אייגענע פאָרם, אי אַן אייגענעם אינהאַלט.

קיינער וואָלט דעריבער נישט גענומען פאַר אומגוט, ווען גאָרדין וואָלט איגנאָרירט אַב. קאַהאַנס געשריי, אַז „די גרויסע וועלט־דראַמע" איז אַ „פּלאַגיאַטור", אַ ליטעראַרישע גנבה... גאָרדין, אָבער, וועלכער האָט אַלע זיינע יאָרן געליטן, פאַרוואָס דאָס טעאַטער האָט קעגן זיינע פּראָטעסטן אַנאָנסירט זיינע באַ־אַרבעטונגען און אַפילו איבערזעצונגען ווי זיי וואָלטן געווען זיינע אייגענע אָריגינעלע ווערק, האָט זיך געפילט שטאַרק געטראָפן פון אַזאַ באַשולדיקונג. ער האָט דעריבער אַרויסגעפאָדערט אַב. קאַהאַנען צו אַן ערן־געריכט פון אינטעליגענטע מענטשן; נאָר אַב. קאַהאַן האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. גאָרדין אַנאַליזירט דעמאָלט אין אַ ריי אַרטיקלען אַב. קאַהאַנס באַהויפּטונג און איבערצייגט מיט קאַהאַנס אייגענע רייד, אַז דאָס איז אַ שקר־בלבול.

* * *

געוויינלעך פירט זיך, אַז ווען מען באַשולדיקט אַ שרייבער אין ליטעראַרישער גנבה, דרוקט מען אָפּ זייט ביי זייט די טעקסטן פון ביידע שרייבער און מען שטרייכט־אונטער די פּלאַגיאַריזירטע שטע־

לעס. אַבער אַב. קאַהאַן האָט צוערשט פאַרעפנטלעכט אין „פאָר־ווערטס" גאָרדינס גאַנצע עסעי „די גרויסע וועלט־דראַמע" (אי־בערגעדרוקט פון „די פרייע געזעלשאַפט"), און ערשט שפּעטער האָט ער אין אַ סעריע אַרטיקלען געבראַכט ציטאַטן פון אָוענס בוך, איבערגעבנדיק זיי אָפט אין אַ צו־פרייער איבערזעצונג, און דער־צו נישט אָנגעוויזן געניי, וואו צו געפינען די ציטאַטן — אין אַ בוך פון פיר הונדערט זייטן!

ס'איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס גאָרדין איז אין זיין ענטפער („בריוו צו אַ 'ליטעראַרישן קריטיקער'") ערטערוויַיז אַרויס פון געדולד. אַזוי שרייבט ער אינעם „בריוו" פון 5טן מאַי, 1908:
„איך וועל אייך [אַב. קאַהאַן] זאָגן דעם אמת, אין דער [דעם] דאָזיקער [דאָזיקן] שטיקל אַרבעט אייערער ווייס איך אַליין נישט וואָס מער צו באַוואונדערן: די אידיאָטישע שטומפּיקייט? די בייַ־שפּיללאָזע עם־הארצות? אָדער די זיך זעלבסט־איבערשטייגנדיקע חוצפּה?"

אין זיין סעריע בריוו צו קאַהאַנען ברענגט גאָרדין אַ גאַנצע רייַ מוסטערן פון „דער דאָזיקער שטיקל אַרבעט". למשל, אַב. קאַהאַן ציטירט פון גאָרדינס עסעי אין דער „פרייע געזעלשאַפט" אַזאַ שטעלע: „דער גרויסער יידישער גאָט, ווי שטאַרק, מעכטיק און בייז ער איז, איז ער דאָך אַ דעמאָקראַטישער גאָט. ער איז ניט אַזאַ אַריסטאָקראַט, ווי יופּיטער. יהוה קומט שמועסן מיט יעדן פּאַסטוך, מיט יעדן פישער און פּויער". צו אָט־דער ציטאַטע באַ־מערקט אַב. קאַהאַן: „אַז איוב איז מיט גאָט פאַניעבראַט, דאָס איז גראָד איינגעפאַלן אָוענען אויך". קאַהאַן ציטירט דערביי פון אָוענס בוך:

„די פרייהייט, מיט וועלכע[ר] איוב רעדט מיט גאָט, הגם ער אַרגומענטירט אויך ווי יופּיטער, שטאַמט הויפּטזעכלעך פון רע־ליגיאָניזם. דאָס הייסט, די אינטימע פאַרהעלטניסע צו גאָט, וועל־כע זיינען געגרינדעט אויף אַ מיסטישע[ר] איבערצייגונג, אַז דער מענטש האָט אַ פּערזענלעכע נאָענטקייט און חברותא מיט דער געטלעכקייט".

ביי אָט־דער ציטאַטע האָט אַב. קאַהאַן נישט אָנגעגעבן די זייט. יעקב גאָרדין איז אַפילו געווען זיכער, אַז סיי־ווי האָבן ביידע ציטאַטן קיין שייכות נישט איינער צו דער אַנדערער. דאָך האָט ער נאָכאַמאָל געבלעטערט אין אָוענס דיקן בוך, ביז ער האָט

געפונען די ציטירטע שטעלע, און ער גיט־איבער אונעס ווערטער פונעם ענגלישן אָריגינאַל. שטעלט זיך אַרויס, אַז אַב. קאַהאַן האָט אין זיין „ציטאַט" צוגעגעבן אייגענע ווערטער. און — ווייזט אַן גאָרדין — רעדט דאָרט וועגן העלענישער קולטור און פאַרנונפט [שכל], וועגן דעם, ווי סאָקראַטעס האָט פריי קריטיקירט די געטער; „אָבער איובס פרייהייט, כאָטש די פאַרנונפט איז אויף קיין פאַל נישט געווען אויסגעשלאָסן פון אירע [דער פרייהייטס] יסודות, שטאַמט הויפּטזעכלעך פון רעליגיאָניזם", א. אז. וו.

די ענגלישע ווערטער „טהיי ריזאָן איז ביי נאָ מינס עקסקליודעט פראָם איטס בעיסיס", זעצט איבער אַב. קאַהאַן: „הגם ער [דער יידישער גאָט] אַרגומענטירט אויך ווי יופּיטער"... גאָרדין באַמערקט דערצו: „דאָס איז נישט נאָר עם־הארצות, דאָס איז ריכטיקע ‚פינגער אַרבעט'! און אַזאַ מיאוסע שטיקל כאַפּ־לאַפּ מלאכה האָט ער אָפּגעטאָן נאָר אום צו איבערציינגן, אַז דער יידישער גאָט אַרגומענטירט ביי אונעזן גראַדע ווי יופּיטער, אָבוואָל [כאָטש] איך האָב גאָר אין זינען נישט געהאַט אַזאַ זאַך צו באַהויפּטן... אַלזאָ, אין מיין ציטאַטע און אונעס ציטאַטע איז געווען אין ענלעכער [ענלעך] וואָרט — ‚יופּיטער'. לאָזט זיך אויס, אַז יופּיטער איז אויך נישטאָ. קאַהאַן האָט אים אַריינגעשמוגלט פון דרויסן — — — ווען א. ק. האָט דערזען, אַז די ציטאַטן זיינען עפּעס נישט איבערצייגנד[יק], האָט ער אָנגעהויבן צו דערקלערן מיט אייגענע ווערטער, וואָס אונעז זאָגט ווייטער, און דערפאַר איז פאַר אים געווען אַזוי וויכטיק נישט צו דערמאָנען די פּעידוש [זייט], וואו דאָס איז געזאָגט געוואָרן"...

אין דעם זעלביקן בריוו פון 8טן מאַי ווייזט אויך אָן גאָרדין אויף אַן אַנדער שטעלע פון אונעס בוך, וואו אַב. קאַהאַן גיט איבער פריי יענעמס געדאַנק און ווייזט נישט אָן דעם פּלאַץ. יענע שטעלע האָט געזאָלט באַווייזן, אַז דער נאַטוראַליזם און דער דעמאָקראַטישער גייסט, וועלכן גאָרדין געפינט אין איובס רייד, זיינען גענומען פון אונעזן. גאָרדין ברענגט אויך דאָ אונעס ווערטער אין ענגלישן אָריגינאַל. ווייזט זיך אַרויס, אַז אונעז זאָגט פּונקט קאַפּויר. ער שרייבט בפירוש, אַז „איוב רעדט צו יעהאָוואַ ווי איינער, וואָס שטאַמט פון אַ טעאָקראַטיע [אַ פּריסטער־הערשאַפט]". דאָס וואָרט „דעמאָקראַטיש" געפינט זיך בכלל נישט אין אונעס בוך...

גאָרדין פֿאַרענדיקט דעם ברייוו צו קאַהאַנען אַזוי: „איר זייט אַזוי אויף צרות, אַז איך הויב־אָן אויף אייך רחמנות צו האָבן. אומגליקלעכער קאָפּ, וואוהין ביסטו געקראָכן?״

ווען גאָרדין קלאָגט זיך פֿאַר ווינטשעווסקין, אַז דער „פֿאָר־ווערטס״ דרוקט וועגן אים ליגנערישע באַריכטן, ענטפֿערט אים ווינטשעווסקי (אין „וואַרהייט״ פֿון 7טן מערץ, 1908), אַז דאָס איז אין זיינע אויגן ווי „אַ נאָדל־שטאָך לגבי אַ פֿאַרוואונדונג מיט אַ פֿאַרגיפֿטעטן פֿייל, ווען פֿאַר אונדז שטייט די מעשה מיט דעם פּלאַגיאַט, אָדער ווי הער קאַהאַן וויל האָבן: פּלאַגיאַטור פֿון די [דער] אומבאַוויזענע[ר] באַשולדיקונג פֿון גנבה, — אַ באַ־שולדיקונג, וועלכע קיין אַנשטענדיקער בעל־עגלה וואָלט גאָר־נישט אַרויסגעלאָזן פֿון מויל, נישט האָבנדיק פֿריער געגעבן דעם באַוויז פֿאַר איר״.

ווינטשעווסקי דערציילט ביי דער געלעגנהייט, אַז דער „פֿאָר־ווערטס״ אונטערדריקט אַפֿילו זיין און זאַמעטקינס נאָמען, „רעדנ־דיק וועגן אַ ׳צוקונפֿט׳־יאַרעספֿעסט און אַ ׳צוקונפֿט׳־מאַרקס־נומער״.

„דעמענטיא אַמעריקאַנאַ״

נאָכן דורכפאַל פון „גלות גאַליציען״ האָט יעקב גאָרדין צוגעגרייט אַ נייע פּיעסע פונעם יידישן לעבן אין אַמעריקע: „דעמענטיא אַמעריקאַנאַ״ (דער וואַנזין פון אַמעריקע). אַדלערס טעאַטער האָט שוין געהאַט אַנאָנסירט די פּיעסע נאָך אין פעברואַר, 1908. ער האָט אָבער אָפּנים מורא געהאַט פאַר אַ דורכפאַל, צוליב דער העץ־קאַמפּאַניע קעגן גאָרדינען. האָט ער אויפגעפירט זיינע אַן אייגענע באַאַרבעטונג פון אַן ענגלישער דעטעקטיוו־מעשה...

די ירידה פון דער יידישער בינע און דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער קריזיס פאַרמאַכן דעמאָלט די ניו־יאָרקער יידישע טעאַטערס שוין אין אַפּריל. בלויז קעני ליפּצין שפּילט איר גאָרדין־רעפּערטואַר. עס גאַסטראָלירט די יאָוועליר־פּראַגער „אָפּעראַ קאָמפּאַני״ אין גאָרדינס אַן אַלטער אָפּערע, וועלכער זיי גיבן אַ נייעם נאָמען: „דער שפּאַנישער קעניג, אָדער די יידישע טאָכטער״.

יעקב גאָרדין זוכט דעמאָלט זיך צו ראַטעווען מאַטעריעל דורך אויפפירן עטלעכע פּיעסן זיינע אויף דער ענגלישער בינע. אָבער זיינע שונאים העצן־אויף קעגן אים קעסלערן און שפּאַכנערן (בערטאַ קאַלישעס מאַן), זיי זאָלן פון אים אַוועקנעמען דאָס רעכט אויף זיינע אייגענע פּיעסן. גאָרדין פאַרברענגט דעריבער דעם זומער 1908 נישט אין אַרבעט אויף אַ נייער פּיעסע, נאָר אין משפטים. אַנשטאָט צו קריגן אַ נייע הכנסה, ווערט ער דערוויל אַ גרויסער בעל־הוצאה אויף אַדוואָקאַטן.

דער נייער טעאַטער־סעזאָן 1908־1909 הויבט זיך אָן פונדעסטוועגן מיטן גאָרדין־רעפּערטואַר. אַדלער־שפּאַכנערס ווינדזאָר טעאַטער פירט־אויף „דעם גרעסטן דערפאָלג פון לעצטן סעזאָן — יעקב גאָרדינס ׳אָן אַ היים׳״. קעסלער האָט געהאַט אַנאָנסירט, אַז

ער האָט געשלאָסן „קאָנטראַקטן מיט די אמתע רעאַליסטישע יידישע שרייבער: שלום אַש, דוד פּינסקי, ה׳ יאָזעף לאַטיינער״, — דאָך שפּילט ער צוערשט גאָרדינס פּיעסן. ער אַנאָנסירט אַפילו: „אין פאַרבאַרייטונג גאָרדינס נייע פּיעסע ׳דעמענטיא אַמעריקאַנאַ׳״. קעסלער האָט אָבער אַפּנים חרטה געקראָגן, לאָזט פאַלן דאָס האַנט־געלט (200 דאלאר) פאַר גאָרדינס פּיעסע און פירט־אויף אַ שונד־מאַכערייקע. און אין מיטן נאָוועמבער טיילט־מיט טאָמאַשעווסקיס פּיפּלס טעאַטער, אַז עס האָט „דערוואָרבן דאָס רעכט אויפצופירן און שפּילן די באַרימטע דראַמע ׳דעמענטיא אַמעריקאַנאַ׳ פון ה׳ יעקב גאָרדין״.

* * *

„דעמענטיא אַמעריקאַנאַ, אָדער דער וואַנזין נאָך געלט״, דראַמע אין פיר אַקטן, איז גאָרדינס לעצטע פּיעסע, געשפּילט ביי זיין לעבן. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע האָט אַ פּיעסע אַזוי אויפגערירט די ברייטע מאַסן. איר ערשטע אויפפירונג אין ניו־יאָרק (דעם 26טן נאָוועמבער, 1908) איז געווען באַגלייט פון אַזאַ ענטוזיאַזם, וואָס מ׳האָט פריער אין יידישן טעאַטער קיינמאָל נישט געזען. נאָכן ערשטן אַקט האָט מען געמוזט אויפהויבן דעם פאָרהאַנג ניין מאָל; נאָכן צווייטן אַקט — אַכט מאָל; נאָכן דריטן אַקט — איין־און־צוואַנציק מאָל; און נאָכן פערטן אַקט, ווען דער עולם גרייט זיך שוין געווייגלעך אַוועקצוגיין — צען מאָל. דאָס פּובליקום האָט כסדר געמאַכט אָוואַציעס פאַרן דראַמאַטורג און פאַר די שוישפּילער.

און צום ערשטן מאָל איז גאָרדינס פּיעסע געלויבט געוואָרן אַפילו פון זיינע שונאים. אויך אַב. קאַהאַן, וועלכער האָט דעמזעלבן יאָר אָנגעשריבן צענדליקער אַרטיקלען אַרונטערצורייסן אַלץ, וואָס יעקב גאָרדין האָט געשאַפן, האָט צוגעגעבן, אַז גאָרדינס „דעמענטיא אַמעריקאַנאַ״ איז „אַ ליטעראַרישער סוזשעט — אַזעלכער, וואָס איז ווערט די אויפמערקזאַמקייט פון קונסט״. ער האָט אויך געלויבט דעם איינהייטלעכן געבוי: „אין סך הכל באַלאַנגען די טיילן פון דעם סוזשעט איינע צו די אַנדערע און בילדן אַלע צוזאַמען אַ גאַנצע זאַך״. ל. מילער האָט דערקלערט, אַז „דעמענטיא אַמעריקאַנאַ״ אַנטהאַלט „אַזעלכע נייע פאַזן אין דער אַנטוויקלונג פון גאָרדינס דראַמאַטישן טאַלאַנט, וואָס באַרעכטיקט אַנ־

צואווייזן אויף דעם ווערק נישט נאָר אַלס אויף אַן עפּאָכע־מאַכנדע פאַר יעקב גאָרדין, זאָנדערן [נאָר] אויף פאַר דער גאַנצער יידישער דראַמאַטישער קונסט".

אויך דער פאַרזיכטיקער ש. יאַנאָווסקי איז אַרויס מיט אַ באַ־גייסטערטן אַרטיקל: „אונדזערע העכסטע דערוואַרטונגען זיינען באַפרידיקט. מיר זאָגן גאַנץ מוטיק, אַז לויט ווי מיר פאַרשטייען, לויט מיר פילן איצט — ערשט פריש פון דער פיעסע — האָט גאָרדין געשאַפן אַ גרויסעס ווערק. ער האָט פאַר אונדזערע אויגן מיט זיין פּען אויסגעמאָלן אַ בילד פון אונדזער צייט, אַזוי פאַר־בנרייך, אַזוי פולבלוטיק, דאָס [אַז] עס איז אוממעגלעך, אַז מיר זאָלן איצט אים [דאָס בילד] פאַרבייגיין און נישט באַמערקן" („פ. א. ש.", 8טען נאָוועמבער, 1908).

דאָך האָט גאָרדין געהאַט ווייניק נחת פון אָט־דעם גרויסן דערפאָלג פון זיין „דעמענטיא אַמעריקאַנאַ". פאַרקערט — דאָס, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעשפּיגלט אַרום אָט־דער פיעסע, האָט אַן צווייפל פאַרקירצט זיין לעבן. צוליב דעם, וואָס די אַנדערע טעאַטערס זיינען אַריבער פון גאָרדינען צוריק צום שונד, האָט ב. טאָמאַשעווסקי געקראָגן צופיל קאָנקורענטן אויף אָט־דעם גע־ביט, און ער האָט דעריבער באַשלאָסן זיי צו באַזיגן גראָד מיט דער בעסערער פיעסע. אַדלער און שפּאַכנער, דעמאָלט שותפים פון צוויי טעאַטערס, ווינדזאָר און גרענד, האָבן עס נאַטירלעך נישט געוואָלט דערלאָזן. אָבער מיט זייער סטראַטעגיע האָבן זיי מער פאַרוואונדעט גאָרדינען, ווי טאָמאַשעווסקין. זיי האָבן, נעמ־לעך, זיך באַנוצט מיט גאָרדינס אַן אַלטער מעלאָדראַמע, צו קאָנ־קורירן דורך איר מיט „דעמענטיא אַמעריקאַנאַ".

יענע מעלאָדראַמע, „אַמעריקאַ", האָט גאָרדין מיט יאָרן צוריק אָנגעשריבן צוליב פּרנסה און זיך געשעמט צו געבן זיין נאָמען אויף איר. זי איז אויפגעפירט געוואָרן (דעם 1טן נאָוועמבער, 1901), ווי אַ פּיעסע פון „פּראָפ. יאַקאָבי אויס לאָנדאָן", און איז געשפּילט געוואָרן אַ פינף וואָכן, ביז שפּאַכנערס פרוי, בערטאַ קאַליש, איז געוווען גרייט אויפצוטרעטן אין „קרייצער סאָנאַטאַ", וואָס גאָרדין האָט דעמאָלט פאַרפאַסט. איצט האָבן אַדלער און שפּאַכנער דורך אַ „געניטע האַנט" צוגעמלאכהט „אַמעריקאַ", גע־געבן דער פיעסע אַ נייעם נאָמען — „דער משוגעת אין אַמעריקע", אַ „פאָלקס־שטיק אין פיר אַקטן", זי אַנאָנסירט אַלס „אַ נייע דער־

שיינונג פון יעקב גאָרדין״, און זי אויפגעפירט דעם 30טן נאָ־וועמבער — מיט זעקס טעג פריער, ווי טאָמאַשעווסקי האָט אָנגע־הויבן שפּילן „דעמענטיא אַמעריקאַנאַ״. ווען אַדלער און שפּאַכ־נער האָבן דערזען דעם גרויסן דערפאָלג פון „דעמענטיא אַמע־ריקאַנאַ״ אין טאָמאַשעווסקיס טעאַטער, האָבן זיי אָנגעהויבן צו אַנאָנסירן זייער מעלאָדראַמע אויך מיטן נאָמען „דעמענטיא אַמע־ריקאַנאַ״.

אומזיסט האָט גאָרדין אַריינגעגעבן אַ באַצאָלטע דערקלערונג אין דער פּרעסע, אַז אַדלער און שפּאַכנער האָבן קיין רעכט נישט אָנצורופן זיין אַלטע פּיעסע מיטן נאָמען „דעמענטיא אַמעריקאַנאַ״. ערשט ווען טאָמאַשעווסקי הערט־אויף שפּילן גאָרדינס נייע פּיעסע, גיבן זיי אויף זייערע קאָנקורענץ־רעקלאַמעס און הערן אויך אויף צו שפּילן די אַלטע מעלאָדראַמע.

* * *

אין טעאַטער־קרייזן האָט מען אַ היפּשע צייט נישט געקאָנט געווי באַשטימען, פאַרוואָס טאָמאַשעווסקי האָט נאָך צוויי וואָכן שפּילן אַרונטערגענומען אַ פּיעסע, וואָס איז געווען אַ דערפאָלג. מ׳האָט אָנגעגעבן אַלערליי מאָטיוון. אַחוץ דער האַנדלונג פון אַדלער און שפּאַכנער, האָט מען אויך דערמאָנט די איינווענדונג פון טאָמאַשעווסקיס מענעדזשער, יוסף עדעלשטיין, וועלכער — ווי מ׳האָט דערציילט — האָט געטענהט: צו וואָס אָפּצאָלן גאָרדינען אַ פאַרמעגן, ווען מען קאָן מער פאַרדינען פון די פּופּציק־דאָלאַר־דיקע שונד־פּיעסן, וואָס טאָמאַשעווסקי „מאַכט־צורעכט״...

לויט ב. גאָרין, איז דאָס אויפהערן שפּילן „דעמענטיאַ אַמע־ריקאַנאַ״ געווען „אַ סיגנאַל, אַז די עפּאָכע פון דער בעסערער דראַמע האָט זיך געענדיקט״. בעת, לויט ש. יאַנאָווסקי, האָט דער אַלגעמיינער טעאַטער־באַזוכער אַרויסגעוויזן גאָר אַ היפּשן אינ־טערעס פאַר גאָרדינס לעצטער דראַמע. דער פאַקט, זאָגט ער, וואָס אין די עטלעכע פאָרשטעלונגען זיינען אַריינגענומען געוואָרן „קאַרגע ניין טויזנט דאָלאַר״ — „רעדט דייטלעך גענוג, אַז דער עולם האָט געוואָלט זען גאָרדינס נייסטע דראַמע. — — — ווען מיר נעמען נאָך אין אָנבאַטראַכט, דאָס [אַז] גאָר פּילע, פּילע, ווי מיר האָבן עס זיך דערוואוסט, זיינען צעמישט געוואָרן טראָץ אַלערליי אַדווערטייזמענטס [אַנאָנסן] און זיינען געגאַנגען זען די

געבלאָפטע 'דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ' אין גרענד, אָדער ווינדזאָר. נעמענדיק ווייטער אין אַנבאַטראַכט, אַז די צייט איז איצט אַ זייער שלעכטע און די אַלע טויזנטע[ר], וואָס האָבן געגאַרט זען 'דאָס גייסטע פון גאָרדין', האָבן עס אָפּגעלייגט אויף עטוואָס שפּעטער, ווען עס וועט זיין עטוואָס גראַמער אין קעשענע, קאָן מען בשום אופן ניט זאָגן, אַז דער יידישער טעאַטער־באַזוכער האָט נישט קיין אינטערעס פאַר אַזעלכע דראַמען".

שפּעטער האָט טאָמאַשעווסקי אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז ער האָט אויפגעהערט שפּילן „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ" אויפן פאַרלאַנג פון ריעל־עסטייט (לאַנד און באָדן)־ספּעקולאַנטן. ער דערציילט: „אַ סך פון די, וואָס זיינען געווען פאַרמישט אין קרענק פון ריעל עסטייט [ספּעקולאַציע], זיינען געקומען אין טעאַטער אַריין, און ווען ניט זיי אַליין, איז זייערע קינדער, זייערע קרובים; און גאָרדין האָט מיט זיין 'דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ' געלאַכט פון זייערע יסורים און דערמאָנט זאַכן, וועלכע זיי האָבן געזוכט צו פאַרגעסן און דערשטיקן — — — איך האָב געקראָגן פיל פּראָטעסט־בריוו און געבעט־בריוו איך זאָל די פּיעסע נישט שפּילן" (ציטירט לויטן „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער").

* * *

„דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ" שילדערט די אַמעריקאַנער משוגעת נאָך געלט, וואָס האָט אויך פאַרכאַפּט געוועזענע יידישע אידע־אַליסטן — באַזונדערס אין דער ספּעקולאַציע מיט לאַנד פאַר בויען הייזער און מיט פאַרטיקע בנינים, און דער עיקר דאָס אַרויפ־שרויפן כסדר די פּרייזן (אין בראָנזוויל, בראָנקס און וואַשינגטאָן־האַיטס), וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיטן גייסטיקן און מאַטעריעלן צוזאַמענברוך פון פיל עקזיסטענצן.

דער הויפּט־העלד איז אַ געוועזענער רוסיש־יידישער אידע־אַליסט, מאַרק דוקעלס. ער יאָגט זיך מיט אַלע כחות נאָך געלט. ער האַלט אַ קאַפע, וואָס איז אַ נעסט פאַר „געמבלעריי" [האַזאַרד־שפּיל] און געמבלערס. ווען ער קלייבט־אָן אַ היפּשע סומע געלט, הויבט ער אָן ספּעקולירן מיט הייזער און מיט דעם באָדן פאַר זיי. זיין הויז ווערט אַ מין בערזע, וואו מ'קויפט און פאַרקויפט „ריעל עסטעיט". צום סוף וואַרפט דוקעלס אַוועק אַלע קליינע ספּעקולאַציעס און גיט זיך איבער אינגאַנצן צו איין גרויסער אונ־

טערנעמונג: צוויי־און־זעכציק גרויסע „אַפּאַרטמענט"־הייזער. ער ליגט אין דעם אַריין זיין גאַנצן קאַפּיטאַל און באַרגט אויך פון אַנדערע, אַפילו פון זיינע נאָענטע קרובים. זיין האָפענונג איז, אַז ווען ער וועט אויפבויען די הייזער ביזן דאַך, וועט ער קריגן צוויי־און־זעכציק מאָל ניין טויזנט דאָלאַר ערשטן „מאָרטגעדזש" (היפּאָ־טעקע) און צוויי־און־זעכציק מאָל פינף טויזנט דאָלאַר צווייטן „מאָרטגעדזש"... ער איז אָבער אַזוי איינגעטונקען אין חובות, אַז ער האָט מורא די בענק וועלן עס אויסגעפינען און אים נישט געבן קיין מאָרטגעדזשעס. ער אַראַנזשירט דערפאַר אַ גרויסן באַל, צו וועלכן ער לאַדט־איין דעם פּרעזידענט פון אַ גרויסער באַנק, כדי אים צו באַאיינפלוסן. באַלד נאָכדעם ברעכט־אויס דער קריזיס, און ווען דוקעלס דערוויסט זיך, אַז די גרויסע באַנק האָט באַנקראָטירט און איר פּרעזידענט האָט זיך גענומען דאָס לעבן, ווערט ער פאַרצווייפלט און גייט אַרונטער פון זינען.

די פּערזאָנען אין „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ" זיינען, מיט ווייניק אויסנאַמען, יעדער אַ הויפּט־העלד פון אַ דראַמע פאַר זיך אַליין: דער צוויי־און־פערציק־יאָריקער מאַרק דוקעלס (געשפּילט פון באַריס טאָמאַשעווסקי), וואָס זעט דאָס העכסטע גליק אין געלט און געפינט־אויס דאָס קעגנטייל. זיין פרוי הינדע (רבקה ווינ־טרויב), וואָס איז הילפלאָז אין איר רייכקייט, הענגט־אָן אויף זיך אַלערליי דימענטן און פאַרשפּילט אַ פאַרמעגן אין „פּויקער" (קאַרטן־שפּיל). זייער טאָכטער פלאָראַ (בעלאַ גודינסקאַ), וואָס ווערט טיף אומגליקלעך דורך איר הייראַט מיט פעליקס ראָבינזאָן (לעאָן בלאַנק), אַ „ווינט־קאָפּ, אַ ספּעקולאַנט, אַ געמבלער, אַ שוואַכ־לינג, אַ בלאָפער, אָבער אינגאַנצן נישט קיין שלעכטער יונג". דו־קעלס נייַנצן־יאָריקער זון ווילי (ראָזענטאַל), וואָס ווערט דעמאָראַ־ליזירט אין אָט־דער מיאוסער סביבה און קומט־אום. דוקעלס גרינע שוועגערין סאָפיע (עטי טאָביאַס), וואָס קוקט נאָך אויף אים מיט פאַרליבטע אויגן, ווי אין דער צייט, ווען ער איז נאָך געווען אַ סטודענט, מיט הויכע אידעאַלן, אין כאַרקאָווער אוניווערזיטעט. איר טאָכטער ליזאַ (בעסי טאָמאַשעווסקי), וואָס פּאַסט זיך שנעל אַריין אין דעם גאָלדענעם זומפּ, זינקט און גייט אונטער, נאָך איידער זי הויבט־אָן ריכטיק צו לעבן. דער געמבלער באָב בוט, וואָס זוכט אויסצוגעפינען אַ „סיסטעם" אין די „רייסעס־געמבלינג" (פערד־געוועט), וואָס זאָל אַריינברענגען מיליאָנען, און חלומט

כסדר, אַז ער וועט נאָך אַמאָל צוריקקריגן זיין פרוי און קינד. דער מגושמדיקער אַלרייטניק, דער חזיר פּראָקעס (פּיטער גראַף), וואָס זיין „אידעאַל" איז אַ צווייטער „מאַרטגעידזש" אויף דער גאַנצער ערד... דער אָקס דריפקין, וואָס קען נישט אויסשרייבן קיין טשעק און ווייסט נישט צו דערקלערן, ווי ס'קומט צו אים אַזוי פיל געלט; דער באַנק־פּרעזידענט און אַ ריי אַנדערע פּאַרשוינען.

גאָרדינס לעצטע פּיעסע האָט פאַרכאַפּט מיט איר רעאַליסטישער מאַלעריי פון דער אַמעריקאַנער סביבה. עס איז אים געלונגען צו מאַכן בוילעט דעם פיבער פון ספּעקולאַציע און פון דער „אַמעריקאַנער משוגעת" אין געיעג נאָך געלט. צוגלייך איז יעדער כאַראַקטער אין דער פּיעסע געווען טיפּיש פאַר זיין סביבה און איז אויסגעוואַקסן צו אַ סימבאָל.

„דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ" איז אינגאַנצן געווען גאָרדינס. ער איז אין אַט־דער שאַפונג באַווירקט געוואָרן נישט פון ביכער, נאָר דירעקט פונעם אַרומיקן לעבן, וואָס ער האָט צוגעזען מיט טיפן צער. דאָס איז געווען זיין לעצטער חשבון מיט די, וואָס פאַרקויפן זייער נשמה פאַר געלט, וואָס שטעלן העכער מאַטעריעלע גיטער פאַר גייסטיקע, וואָס בייטן־אויס לויטערע אידעאַלן אויף בלאָטיק קליין־געלט.

בלויז איין רעצענזענט, אַב. קאַהאַן, האָט געטענהט, אַז גאָרדין האָט אויך אין דער פּיעסע געהאַט פאַר זיך אַ מוסטער אין דער וועלט־ליטעראַטור: זיין „באַוויז" איז געווען, אַז סיי איבסענס „בוימייסטער", סאָלנעס, סיי גאָרדינס ספּעקולאַנט, דיקעלס, — ביידע בויען זיי הייזער...

* * *

יעקב גאָרדין האָט באַטראַכט דעם זיג פון שונד איבער קונסט, ווי אַ סאָציאַל־פּאָליטישע פראַגע. אַ וואָך פאַר דער אויפפירונג פון „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ" האָט ער געהאַלטן אַ לעקציע איבער דער טעמע: „פאַרוואָס ווערט קיין סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט נישט עלעקטעד (דערוויילט), און שונד־פּיעסן האָבן אַזאַ גרויסן דערפאָלג?" ער האָט אין דעם געיעג פון אַ סך ראַדיקאַלן נאָך געלט און קאַריערעס געזען די סיבה פאַר דער וואולגאַריזאַציע פון סאָציאַליזם און קונסט, און ממילא פאַר דעם זיג פון חזיר

פראָקעס און אָקס דריפקין — אי ביי די וואַלן און אי אינעם טעאַטער...

גאַרדינס צער און יאוש שטייגן, ווען זיין „דעמענטיאַ אַמע־ריקאַנאַ״ ווערט גיך אַרונטערגענומען. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אָט־די נייסטע דראַמע זיינע האָט געקאָנט אויפשטורעמען די יידישע מאַסן קעגן דינען צום בעל, צום גאָלדענעם קאַלב, און אַרויסרופן זייער יובל פאַר אַ ריינעם, ערלעכן, אידעאַלן לעבן. אָט דער פאַרדרוס האָט אים געטאָטשעט און אָפּגעשוואַכט דעם ווידער־שטאַנד פון זיין קערפּער קעגן דער קראַנקהייט, וואָס האָט זיבן חדשים שפּעטער אויסגעלאָשן זיין לעבן.

יעקב גאָרדינס לעצטע טעג

יעקב גאָרדין האָט זיך דערפילט קראַנק שוין סוף 1907, ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין לעצטע דראַמע, „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ". זיין אויסלאָכן אַב. קאַהאַנס באַמערקונג, אַ פּאָר חדשים שפּעטער, וועגן זיין (גאָרדינס) עלטער און שוואַכקייט, איז געווען „אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס". אין דער אמתן איז אים שוין דעמאָלט אַלץ שווערער געוואָרן אַראָפּצושלינגען שפּייז.

אַ לאַנגע צייט איז גאָרדין באַהאַנדלט געוואָרן פון זיינע פריינט, די דאָקטוירים אינגערמאַן, באַרסקי, האַלפּערן, זאָלאָטאַראָוו און קאַפּלאַן. אין נאָוועמבער 1908 האָבן זיי פאַר אים באַשטימט אַ ספּעציעלע דיעטע, און אַ חודש שפּעטער, ווען מ'האָט אַרונטערגענומען פון דער בינע זיין „דעמענטיא אַמעריקאַנאַ", האָבן זיי אים געלאָזט אונטערזוכן פון אַ באַרימטן כירורג. יענער מיינט, אַז גאָרדין ליידט פון נערוועזע ספּאַזמען, און רעקאָמענדירט אַ נערוון־ספּעציאַליסט. דער לעצטער האַלט, אַז דער חולה ליידט פון עפּעס אַנדערש און שיקט אים אָפּ צוריק צום כירורג.

צוגלייך מיט זיינע פיזישע ליידן האָט גאָרדין אויך געליטן אַ סך גייסטיקע יסורים. זיין האַרץ האָט געבראָכן, ווען ער האָט געזען, ווי דאָס יידישע טעאַטער, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ קונסט־טעמפּל, ווערט ווידער דער באַלאַגאַן פון מיט אַכצן יאָר צוריק. די דריי גרעסטע יידישע טעאַטערס האָבן דעמאָלט קאָנקורירט מיט שונד־„יידישקייט". איין טעאַטער האָט אויפגעפירט „דאָס יידישע האַרץ", אַ צווייטער — „די יידישע נשמה", אַ דריטער — „דאָס יידישע קינד". אין טעאַטער־קרייזן האָט מען זיך דעמאָלט געוויצלט, אַז קומענדיקן סעזאָן וועלן זיי אַלע דריי אויסקאָנקורירט ווערן דורך אַ פּיעסע מיטן נאָמען „די

יידישע פּיאַטע"... יעקב גאָרדין אָבער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ צעוויטיקט האַרץ, ווי אַ טאַטע ביי דער לוויה פון אַ יונגן גע־ראַטענעם זון. „איך האָב זיי אויפגעבויט אַ טעמפּל פאַר קונסט, אָבער זיי האָבן עס אין אַ שטאַל פאַרוואַנדלט", האָט גאָרדין זיך געקלאָגט אין זיינע לעצטע טעג.

אין זיין יאוש־שטימונג האָט גאָרדין זיך פאַרגעשטעלט, ווי זיין געליבטע „יהודית" (די יידישע מאַסע) וועט אים גיך פאַרגעסן. און ווען ער וועט פאַלן, „וועלן אירע פאַר גראַשן געקויפטע פריינט" טאַנצן אויף זיין קבר... אויב ער „זאָל שטאַרבן היינט", וועט זי אים „היינט נאָך פאַרגעסן"...

גאָרדינס פעסימיסטישע שטימונגען זיינען נישט געטיילט גע־וואָרן פון זיינען פען־חברים. אין די יידישע ליטעראַרישע קרייזן האָט דעמאָלט געהערשט די מיינונג, אַז ווען די נייע יידישע אי־מיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע וועלן זיך אַמעריקאַניזירן, וועט ווידער פאַרנעמען זיין געהויבענעם אָרט דאָס בעסערע יידישע טעאַטער, פאַר וועלכן יעקב גאָרדין האָט אָפּגעגעבן זיינע בעסטע כחות. זיי האָבן עס אַזוי מאָטיווירט: אין אַמעריקע איז דורך דער השפעה פון דער יידישער ראַדיקאַלער אַרבעטער־באַוועגונג געשאַפן גע־וואָרן אַ דראַמע, וואָס האָט צוגלייך אַמוזירט און געלערנט, און האָט כסדר פאַרפיינערט דעם געשמאַק, פאַרטיפט דעם געדאַנק און גע־וועקט דאָס געוויסן פונעם ברייטן יידישן טעאַטער־עולם. אין רוסלאַנד און פוילן, אַזוי ווי אין גאַליציע און רומעניע, איז אָבער דאָס יידישע טעאַטער־פובליקום איבערגעלאָזט געוואָרן אויף הפקר. און ווען די אימיגראַציע־כוואַליע פון די רעאַקציע־יאָרן, נאָך דער נישט־געלונגענער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, האָט געבראַכט הונדערטער טויזנטער פערזאָנען, דערצויגן אויף דער „כינקע פינקע"־פּיעסע און דאָס גלייכן, האָבן זיי אָנגעפילט יענע פלעצער, וואו מ'האָט זיי געגעבן דעם שונד, צו וועלכן זיי זיינען געוואוינט.

אָבער פונקט אַזוי, אויב נישט נאָך מער, איז געווען שולדיק אין דעם אויך די יידישע געלע פרעסע, וואָס האָט געקאָרמעט דעם יידישן עולם מיט שונד, נישט ווייניקער, ווי דאָס קאָמערציעלע יידישע טעאַטער. אין אַן אַרטיקל „די יידיש־אַמעריקאַנער געלע פרעסע", האָט יצחק אייזיק הורוויטש יענעם יאָר אָנגעוויזן, אַז קיינער האָט נישט „געטאָן מערער איידער דער 'פאָרווערטס' צו

פאַרניכטן גאָרדינס קולטורעלע אַרבעט אויף דער יידישער סצע־
נע". דערביי מאַכט ער דעם פאָלגנדיקן אויספיר: „טעאַטער
מענעדזשערס זיינען אויך ביזנעסלייט, פונקט ווי באַלעבאַטים פון
'פאָרווערטס'. ווען מען באַוואָרפט גאָרדינען מיט בלאָטע, רעכנט
זיך דער מענעדזשער: צו וואָס דאַרף ער צאָלן שווערע געלט
פאַר גאָרדינס דראַמען, אַז מען קאָן שטעלן שונד־דראַמען, וואָס
ער קאָן זיי קריגן פאַר אַ 'באַרגעין' [אַ מציאה]? אי, וואָס זיי
טויגן נישט, טאָ מאַכט מען דאָך אין דער סאָציאַליסטישער [פרע־
סע] גאָרדינען אויף צונישט. איז דאָך אַן עבירה דאָס געלט".

* * *

באַזונדערס באַליבט שיינט גאָרדין דעמאָלט צו זיין ביי גאַ־
ליצישע יידן. „דאָס יידישע וואָכנבלאַט", אַן אָרגאַן פון גאַליצישע
יידן אין ניו־יאָרק (געגרינדעט אין 1909), שלאָגט־פאָר יעקב גאָר־
דינען צו ווערן זיין מיטרעדאַקטאָר. גרשם באַדער, דעמאָלט רע־
דאַקטאָר פונעם „לעמבערגער טאָגעבלאַט", שיקט־צו קיין ניו־
יאָרק אַ פּיעסע „ישראל בעל שם טוב", געווידמעט יעקב גאָרדינען.
אַ געוועזענער רעדאַקטאָר פון דער זעלביקער צייטונג, דער דראַ־
מאַטורג משה ריכטער, וואָס איז אין דער צייט פון גאָרדינס באַ־
זוך אין גאַליציע געווען זיין שטענדיקער באַגלייטער, באַשרייבט
אַרום יענער צייט, ווי אַזוי לעמבערג האָט אויפגענומען יעקב
גאָרדינען: יידישע מיטגלידער פון עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, צו־
זאַמען מיט אַ דריי הונדערט דעלעגאַטן פון פאַרשידענע אָרגאַני־
זאַציעס, וואַרטן אים אָפּ אויפן וואָקזאַל. די ציוניסטן שרייען
„הידד!" און זינגען „התקוה", די פועלי ציון — „די שבועה", די
סאָציאַליסטן — „די רויטע פאָן". אויך אויף זיין אָפּשייד־באַנקעט
זיינען געווען פאַרטראָטן אַלע שיכטן פון די יידן אין לעמבערג.

משה ריכטער דערציילט אויך אַזאַ עפּיזאָד: יעקב גאָרדין
האָט מיט אַ ברייטער האַנט געגעבן הילף צו יעדן איינעם, וואָס
האָט ביי אים געבעטן. אין בעלז און אינעם דערבייאיקן שטעטל
וואַריש (ביי דער דעמאָלטדיקער רוסישער גרענעץ) האָט גאָרדין
אַזוי צעטיילט איבער פיר הונדערט קראָנען. די יידן אין וואַריש
האָבן פילאָזאָפירט: „פאַרוואָס טיילט דער ייד אַזוי פיל געלט?"...
און איינער פון זיי האָט עס אַזוי דערקלערט: „דאָס איז אַן אַמע־
ריקאַנער מיליאָנטשיק, וואָס האָט נישט קיין קינדער. און אַזוי

ווי אַ דייטש איז ער, וויל ער זיך קויפֿן עולם־הבא. איז ער גע־קומען צום בעלזער צדיק, און דער רבי האָט אים געהייסן צע־טיילן זיינע מיליאָנען צו יידישע אָרימעלייט, און ער האָט אָנגע־הויבן פֿון וואַריש און פֿאַרט אַזש ביז יאַפּאַן"...

* * *

אָנהויב 1909 איז נאָך גאָרדין געווען טעטיק אַלס רעדנער, דער עיקר איבער טעאַטער־פּראָבלעמען. ביי איינער פֿון זיינע

יעקב גאָרדין און מאָרים ווינטשעווסקי

לעקציעס, אין פּעטערסאָן, האָט ער זיך צוגעקילט, געקראָגן לונגען־אָנטצינדונג און דערנאָך געלעגן אַ חודש קראַנק.

זיין קראַנקהייט האָט זיך כסדר פֿאַרערגערט. ער האָט אָנגע־הויבן טראַכטן, אַז דאָס איז דער לעצטער אַקט פֿון זיין לעבנס־דראַמע. אַזוי באַמערקט ער איינמאָל צו ווינטשעווסקין: „טאָמער געפֿין איך אויס, אַז מיין קרענק גייט שנעל און אַז מיר בלייבט נישט פֿיל לענגער צו לעבן, דאַן זעץ איך זיך אַוועק און שרייב־אויף מיין ביאָגראַפֿיע"...

דעם ערשטן מאַי האָבן גאָרדינס פֿריינט געפֿייערט זיין 56טן געבורטסטאָג. זיי זיינען געבליבן מיט אים ביז שפּעט ביינאַכט.

ווען דר. קאַפּלאַן האָט געמאַכט אַ באַמערקונג וועגן אַן ענלעכער פּייערונג קומענדיקן יאָר, האָט גאָרדין געענטפערט, אַז איבער־אַיאָר וועט ער, דער דאָקטאָר, שוין קיין חשק נישט האָבן צו אים צו קומען...

אויף מאָרגן איז גאָרדין געווען געצוואונגען צו לייגן זיך אין בעט. ער איז געווען דערשעפּט און געהאַט פיבער. זיינע דאָק־טוירים נעמען אים צו אַ מאָגן־ספּעציאַליסט, דר. איינהאָרן, וועל־כער דערקלערט, אַז גאָרדין ליידט פון אַ קאַנסער (ראַק) אין „עזאָפאַגוס" (שפּייז־רער). גאָרדינס פריינט ווילן עס נישט גלויבן. באַשליסן זיי אים אַריינגעבן אין בית ישראל שפּיטאָל פאַר אַ גרינטלעכער באַאָבאַכטונג. דאָ זיינען די דאָקטוירים אַלץ נישט זיכער, צי עס איז קאַנסער; אָבער זיי שטעלן־פעסט, אַז ער ליידט פון אַן אינעווייניקסטער אַנטצינדונג.

די דאָקטוירים, ווי גאָרדינס פריינט, זוכן צו באַהאַלטן פון גאָרדינען און זיין הויז־געזינד די געפאַר, אין וועלכער ער געפינט זיך. אין די כמעט טעגלעכע באַריכטן, וואָס די יידישע פּרעסע האָט פאַרעפנטלעכט, איז נישט געווען קיין וואָרט וועגן דער קראַנקהייט, פון וועלכער ער ליידט. דעם 7טן מאַי איז געווען געמאָלדן, אַז זינט ער איז קראַנק, האָט ער פאַרלאָרן אַרום פערציק פונט. אָבער „אַלע אַרום אים זיינען איבערצייגט, אַז קיין געפאַר איז נישטאָ אין זיין איצטיקער לאַגע"... בלויז „דער קראַנקער אַליין" איז צייטנווייז „מוטלאָז"... אין צען טעג אַרום ווערט צו־געגעבן, אַז גאָרדין ליידט שטאַרק, האָט אָפּטמאָל הונדערט־און־דריי גראַד היץ — מ'קאָן אים נישט מער שפּייזן דורכן האַלדז.

גאָרדין אַליין איז שוין איצט זיכער, אַז ער ליידט פון קאַנ־סער — ער „גלויבט נישט מער אַלע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן", ער ווייסט, אַז „מ'נאַרט אים"... די דאָקטוירים נעמען אים צוריק אַהיים, אָבער זיי אַליין גיבן שוין אויף יעדע האָפענונג.

גאָרדינס פאַרערער האָבן דערפילט די געפאַר און טעלעפאָ־נירן כסדר אין די צייטונגען, צו דערוויסן זיך וועגן גאָרדינס צו־שטאַנד. אויך די ענגלישע פּרעסע פאַראינטערעסירט זיך אין זיין קראַנקהייט.

ווען גאָרדין פילט אַביסל לייכטער, נוצט־אויס מאָריס ווינ־טשעווסקי די געלעגנהייט צו קריגן גאָרדינס צושטימונג אויף אַרויסצוגעבן אַ „פּראַכט־אויסגאַבע" פון זיינע דראַמען. ער ווירקט



יעקב גאָרדינס מצבה

יעקב גאָרדין

(געדרוקט אין „צוקונפט״ 1909, נאָך גאָרדינס טויט)

אויף גאַרדינען מיט דער מאָטיווירונג, אַז די רוסישע אויסגאַבעס פון זיינע ווערק זיינען „איינפאַך סקאַנדאַליעז צעקאַליעטשעט״. ווען ווינטשעווסקי דערמאָנט אָבער, אַז ער וועט אויפשרייבן אַ פּראָספּעקט און עס אים פאַרלייענען, אַזוי גיך ווי ער וועט זיך פילן בעסער, ענטפערט אים גאַרדין: „דו וועסט האָבן לאַנג צו וואַרטן״...

ווינטשעווסקי שילדערט גאַרדינס לעצטע שטונדן, דעם 10טן יוני, 1909: „דאָס איז געווען אַ פערטל נאָך ניין — אין אָונט. דורך אַ צופאַל בין איך געווען דער איינציקער פון זיינע פריינט, חוץ דער פאַמיליע און די נויירסעס [קראַנקן־שוועסטער], אין הויז — — — מיטאַמאָל קומט אַרונטער די טאָג־נוירס און זאָגט מיר, אַז ער וויל מיך זען. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין צען טעג, וואָס ער האָט ווידער אַזאַ וואונטש אויסגעשפּראָכן — — — איך האָב אַריינגענומען זיין האַנט אין מיינער, האָב אים שטאַרק אָנגעזען — — — פלוצלינג דערהערט זיך זיין קול — — — „ווינטשעווסקי, פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ!״ [די קאָמעדיע איז צו־ענד] — אַזוי הויך און אַזוי קלאָר, אַז אַלע אין צימער האָבן גע־הערט די ווערטער, יעקב גאַרדינס לעצטע ווערטער אויף דער וועלט — — — און פינף מינוט פאַר צוועלף — אין צייט פון צוואַנ־ציק מינוטן, האָט ער געענדיקט שטאַרבן״ (מאָריס ווינטשעווסקי, גע־זאַמלטע ווערק, פאַרלאַג „פרייהייט״, באַנד 8, זייטן 176־178).

זיין געליבטע „יהודית״ (די יידישע מאַסן) איז געווען טיף דערשיטערט. אַ פערטל מיליאָן יידן זיינען געקומען צו יעקב גאַרדינס לוויה. צען טויזנט פון זיי זיינען געפאָרן צום בית־עולם. ס'האָבן אים מספּיד געווען פאַרשטייער פון דער יידישער אינ־טעליגענץ, די אַרבעטער־פּאַרטייען, די יידישע ליטעראַטור, דאָס יידישע טעאַטער. אויך אין אַנדערע שטעט און לענדער האָבן פּראָגרעסיווע יידן אויסגעדריקט מינדלעך און שריפטלעך זייער טיפן צער איבער דעם פריצייטיקן טויט פון דעם זעקס־און־פופציק־יאָריקן רעפאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע.

☆

יעקב גאָרדינס פּיעסן

אין פילם, ראַדיאָ און אויף פאַרשידענע שפּראַכן

פון יעקב מעסטל

דער באַגרינדער פון יידישן טעאַטער, אברהם גאָלדפאַדען, און דער רעפאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע, יעקב גאָרדין, האָבן אין פרט פון אָנערקענונג געטיילט דעם זעלבן גורל: ביידע האָבן אין אָנהויב פון זייערע טעאַטער־לייסטונגען ניט געקאָנט קריגן די „אַפּראָבאַטע” פון דער יידישער אינטעליגענץ.

בדרך כלל איז די אינטעליגענץ דער פאָרגייער און פּאָפּולאַריזאַטאָר פון קולטור־באַוועגונגען. אָבער נישט אַזוי איז געוועזן דער פאַל מיטן אויסבויען און באַפעסטיקן אַ טעאַטער ביי יידן. הגם אַליין אַ משכיל־אינטעליגענט, איז אברהם גאָלדפאַדען געשטאַנען אַן איזאָלירטער מיט זיינע ערשטע טעאַטער־פּרואוון — אויסגעלאַכט דורך זיינע מיטצייטלער־משכילים, און פאַרהאַסט ביי דער אָרטאָדאָקסיע און יידישער אַסימילאַציע. אויך יעקב גאָרדין, דעמאָלט שוין אַ סאָציאַל־רעפאָרמער און אָנערקענטער רוסישער שריפטשטעלער, האָט ביי זיינע ערשטע טריט אַרום דער יידישער בינע אָנגעטראָפן שטערונג און שטרויכלונג אין וועג — פאַרשפּאָט פון דער יידישער טעאַטער־כאַלטורע און אויפן שאַרפסטן אופן קריטיקירט פון אַ גרויסן טייל פון דער דעמאָלטיקער יידישער פּרעסע.

אַנדערש האָט זייער טעאַטער־אַרבעט אָפּגעשאַצט די מאַסע יידישע טעאַטער־גייער. גאָלדפאַדען איז תיכף אַריינגעוואָקסן אין זייערע הערצער מיט זיינע ביבלישע מוזיק־ספּעקטאַקלען, און גאָרדין איז (נאָך גאַנץ קורצע וואַקלענישן מצד די טעאַטער־גייער) געוואָרן מיט זיינע פאָלקסטימלעכע פּיעסן זייער פּאָפּולערסטער דראַמאַטורג.

יאָרנלאַנג האָבן ביידע, גאָלדפאַדען און גאָרדין, באַהערשט די

יידישע בינע, און אַזוי אַרום כמעט אַרויפגעצוואונגען אָנערקענונג אויך מצד דער יידישער אינטעליגענץ און קריטיק. גאָלדפאַדען, שפּעטער רעהאַביליטירט, איז היינט דער יידישער טעאַטער־קלאַסי־קער; און גאָרדין — הגם נאָך פאַרניינט דורך אַ היפּשער צאָל „פיינשמעקער" — איז פאַרט פאַרבליבן דער גרונטלייגער פאַר דער בעסערער יידישער דראַמע.

נאָך אַנדערע סימנים ווייזן אויף י. גאָרדינס פּאָפּולאַריטעט ביים יידישן טעאַטער־עולם. אַ סך יידישע דראַמעס זיינען אַרויף אויף דער בינע ערשט נאָכדעם, ווי זיי זיינען פריער פּאָפּולער געוואָרן דורך ראַדיאָ, אָדער דורך געדרוקטע ראָמאַנען (ווי י. י. זינגערס „יאָשע קאַלב", „משפחה קאַרנאָווסקי", „חבר נחמן"; שלום אַשס „דריי שטעט"; ז. שניאורס „דער געזאַנג פון דניעפּער"; י. באַ־שעוועסעס „פאַמיליע מושקאַט" א. א.). גאָרדינס פּיעסן זיינען, פאַר־קערט, אַריין אין פילם און אויף דער ראַדיאָ בלויז אַדאַנק זייער פריערדיקער פּאָפּולאַריטעט אויף דער בינע. דאָס איז אויך די סיבה, וואָס גאָרדין געהערט צו די ווייניק־געציילטע יידישע בינע־אויטאָרן, וועלכע זיינען איבערגעזעצט און געשפּילט געוואָרן אויך אויף אַנדערע שפּראַכן.

* * *

יעקב גאָרדינס פּיעסן אין פילם:

ווי די אַקטריסע אסתר ליפּאָווסקא האָט איבערגעגעבן זלמן זילבערצווייגן, האָט איר מאַן, נחום ליפּאָווסקי, געמאַכט אַ „שטילן" פילם פון יעקב גאָרדינס „כאַסיע די יתומה" (מיט אסתר ליפּאָווסקא — כאַסיע, ליפּמאַן סאָקאָלאָוו — וולאַדימיר, שריפּטזעצער — מאָטיע שטרייכל).

אַרום 1912 איז פאַרפילמט געוואָרן אין רוסלאַנד „מירעלע אפרת", מיט אסתר־רחל קאַמינסקי אַלס מירעלע, יוליוס אַדלער — יאָסעלע, אברהם־יצחק קאַמינסקי — שלמון, אידא קאַמינסקי — שלמהלע, ה. וויסמאַן — נחומצע חנה־דבורהס, יערמאַלינא וויס־מאַן — חנה־דבורה.

בערך 1937 האָט יאָזעף זיידען געמאַכט מיט די פּרימיטיווסטע מיטלען אַ פילם פון יעקב גאָרדינס „קעניג ליר", אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט: מאָריס קראָנער, דזשאַנעט פּאַסקעוויטש, משה

טאַרלאָווסקי, יעקב בערגרין, פעני לעווענשטיין, מרים גראָסמאַן, ק. שוצמאַן, אסתר שער א. א.

דער פילם איז זייער ווייניק געוויזן געוואָרן.

אין 1938 איז „מירעלע אפרת" אויפגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרק, ווי אַ קלאַנג־פילם. דער פילם־סצענאַריאָ איז געשריבן (מיט באַדייטנדיקע אָפּווייכונגען פון גאָרדינס אָריגינאַל) פון אָסיפּ דימאָוו,

„מירעלע אפרת" (אין פילם)

(פון רעכטס: בערטא גערסטין, משה פעדער, יעקב מעסטל)

מוזיק — פון וולאַדימיר הפץ, רעזשי — יאָזעף בערן, קינסטלערישע אויפזיכט — יעקב מעסטל.

די טיטל־ראָל שפּילט בערטא גערסטין. די אַנדערע ראָלן זיינען געפילמט געוואָרן דורך מיכל ראָזענבערג (נחומצע חנה־דבורהס), משה פעדער (שלמון), רות עלבוים (שיינדעלע), ג. ליפּסטאָון (יאָסעלע), מאָטל בראַנד (דאָניע), פאָליא וואַלטער (מחלה), שרה קראַנער (חנה־דבורה), דזשערי ראָזענבערג (שלמהלע), יעקב מעסטל (פאַרשטייער פון אַ צדקה־אַנשטאַלט), שרה קינדמאַן (אַ מחותנתטע) א. א.

דער פילם איז אַוועקגעשטעלט אויף אַ העכערן קינסטלערישן ניוואָ, אונטער אַ פּאַכמענישער רעזשי, מיט אויסגעצייכנטער פאָ־טאָגראַפיע און קלאַנג. ער לײַדט בלויז פון ניט־איינהייטלעכקייט אין סטיל: בשעת, למשל, משה פעדער שפּילט אַ „טראַדיציאָנעלן" שלמון, און בערטאַ גערסטין — אַ ביז־גאָר „מאָדערנע" מירעלע, באַ־מיט זיך מיכל ראָזענבערג צו מאַכן פון נחומצע חנה־דבורהס אַ „קאָמיקער", אַנשטאָט אַ כאַראַקטער. אָבער דאָך איז עס איינער פון

„גאָט, מענטש און טייוול" (אין פילם)
(שפרה לערער, גוסטאַוו בערגער)

די בעסטע פילמען אויף יידיש און ער איז געוויזן געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג איבער נאָרד־ און זיד־אַמעריקע, אין איראָפּע, ישראל און זיד־אַפריקע, און ווערט נאָך היינט גאַנץ אָפט איבער־געחזרט.

אין 1949 איז דורך יאָזעף זיידען פאַרפילמט געוואָרן יעקב גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול", מיט מוזיק פון שלום סעקונדא. די הויפּטראָלן האָבן דורכגעפירט: מיכל מיכאַלעסקאָ (הערשעלע דובראָוונער), בערטא גערסטין (פּעסעניו), גוסטאַוו בערגער (אוריאל מזיק), לוסי גערמאַן (דאָבע), מאַקס באָזשיק (לייזער בדחן), שפרה

לערער (פריידעניו), לעאָן שעכטער (כאַצקל דראַכמע), י. זעלדיס (מאָטעלע).

דער סצענאַריאָ איז געהאַלטן נעענטער צום בינע־טעקסט און דער גאַנצער פילם מאַכט דעם איינדרוק פון אַ אַפּפאָטאָגראַפירטער בינע־אויפפירונג.

אויף דער ראַדיאָ:

עפּיזאָדן פון יעקב גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול״ זיינען אָפט געגעבן געוואָרן אויף דער ראַדיאָ צו דער געלעגנהייט פון אַן אויפפירונג פון דער דאָזיקער פּיעסע. אַזאַ געלעגנהייט איז אויך געווען אין סעזאָן 1942־1943, ווען אַ טרופּע פון ערשט־קלאַסיקע שוישפּילער (אַן „אָל־סטאַר קעסט״) האָט געגעבן גאַסטשפּילן פון „גאָט, מענטש און טייוול״ איבער די פּאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. אין די עפּיזאָדן און „אַריינפירן״ צו זיי (צוזאַמענגעשטעלט דורך יעקב מעסטל) האָבן זיך באַטייליקט: פרענציס און ציליע אַדלער, מאַקס באָזשיק, יעקב בן־עמי, לוסי און מישאַ גערמאַן, בערטאַ גערסטין, יעקב מעסטל, מנחם רובין און יצחק רויטבלום.

אַ ספּעציעלער ראַדיאָ־סקריפּט פון „גאָט, מענטש און טייוול״ איז אין 1939 געשריבן געוואָרן פון יעקב מעסטל פאַר דער יידישער אָפּטיילונג ביים „פעדעראַלן טעאַטער־פּראָיעקט״, אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון לעם וואָרד, רעזשי — יעקב מעסטל. דער ראַדיאָ־סקריפּט איז באַזירט אויף מעסטלס אַ פריערדיקער בינע־ווערסיע פון גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול״, א. ב. „געלט״, אַ דראַמע אין דריי אַקטן. (די באַאַרבעטונג האָט, אַחוץ די ניין כאַראַקטערס פונעם אָריגינאַל, אַריינגעפירט אין דער פּיעסע די פיגורן פון בערל לאַפּטיוך, אַ דאָקטער, אַ פעלדשער, פאַבריק־אַרבעטער, וועבערס און אַ גאַנצע ריי פרויען און מענער, און איז געווען באַרעכנט פאַר אַ בינע־אויפפירונג דורכן זעלבן „פּראָיעקט״).

אין דער ראַדיאָ־אויפפירונג האָבן זיך באַטייליקט די אַקטיאָרן מ. ב. סאַמועלאָף, בועז יאַנג, מאָריס קראָנער, יצחק אַרקאַ, משה טאַרלאָווסקי, מ. טיימאַן, ל. ווייסמאַן, סאָול לעווין, מאָטל בראַנד, דזש. טעמי, מ. פעדער, פּאַסקאַל, זילבערשטיין, דזשאַפּע; און די אַקטריסעס ראָזע זשעליאַזאָ, דזשאַנעט פּאַסקעוויטש, בערטא לעלטשוק, פּאָלאַ ווינטערס, לידיאַ סלאָוואַ, אַניסמאַן, באַכנאָוו א. א.

די ראַדיאָ־אויפפירונג האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ניט־פאַרענדיקטע, מחמת דער „טעאַטער־פּראָיעקט” איז אויפגעלייזט געוואָרן.

גאָרדינס פּיעסן אין ענגליש:

שוין אין 1898 איז יעקב גאָרדינס פּיעסע „דער יודישער קאָפּיטאַן דרייפוס אויף דעם טייפלס אינזעל”, געשריבן פאַר יעקב פּ. אַדלער און אויפגעפירט אין ווינדזאָר־טעאַטער דעם 3טן אָקטאָבער 1898, געווען געדרוקט אין יידיש און ענגליש, איבערזעצט דורך בעסי פּ. ווהייט.

אָבער אין אַמעריקאַנער־ענגלישע קרייזן איז יעקב גאָרדינס רעפּוטאַציע, ווי אַ „מייסטער־דראַמאַטורג”, געווען באַזירט אויף די דערפאָלגן פון גאָרדינס פּיעסן אויף דער יידישער בינע. אין אַ בריוו צו יעקב גאָרדין (פון 1טן דעצעמבער 1903) שרייבט דער דעמאָלטיקער מיטאַרבעטער פון דער ניו־יאָרקער „טיימס”, סיימאָן סטראַנסקי: „איך וויל אייך זאָגן, אַז איך האַלט אייך פאַר איינעם פון די בעסטע מאָדערנע בינע־שרייבער, אַ מייסטער אין פאַך, וואָס קאָן פאַרגליכן ווערן מיט אייניקע היינטיקע דייטשישע דראַמאַטורגן. איך האָב אויפריכטיק געגלויבט, אַז אויב עס וואָלט געווען אַ מעגלעכקייט פאַר דער וועלט מחוץ דעם געטאָ צו זען אייער קונסט, וואָלט איר געווען פאַררעכנט פאַר דעם פירנדיקן אַמעריקאַנער דראַמאַטורג” (ציטירט לויט ד״ר יעקב שאַצקי אין „פרייע אַרבעטער שטימע” פון 8טן מאַי 1953).

אויך „דער באַרימטער פּאָעט עדווין מאַרקהעם האָט... זיך אַרויסגעזאָגט מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן אייניקע פּיעסן פון יעקב גאָרדין און האָט אים אַרויסגעשטעלט ווי אַ מוסטער פאַר אַמעריקאַנער דראַמאַטורגן” (דאָרט).

מעגלעך אַדאַנק אָט־דער רעפּוטאַציע איז דעם 10טן דעצעמבער 1904 אויפגעפירט געוואָרן אין שיקאַגאָ יעקב גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאַ”, אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון סעמיועל שיפּמאַן און אַלעקסאַנדער גאָרדין, מיט דער דעמאָלט באַקאַנטער ענגליש־אַמעריקאַנער שוישפּילערין בלענטש וואָלש אין דער ראָל פון עטי. דעם 13טן אויגוסט 1906 טרעט־אויף בלענטש וואָלש אין דערזעלבער ראָל (מיט העלען וועיר אַלס ציליע און דזשאָרדזש סאָמנער — רפאל פרידלענדער) אין מאַנהעטן־טעאַטער, ניו־יאָרק, אין דער איבערזעצ־

צונג פון סעמיועל שיפּמאַן, אַדאַפּטירט פאַר דער ענגלישער בינע דורך לענאַ ר. סמיט און וועגס טהאָמפּסאָן.

דוד קעסלער און בערטאַ קאַלישים מאַן, לעאָפּאָלד שפּאַכנער, וועלכע האָבן „געהאַט דאָס רעכט" אויף „קרייצער סאָנאַטאַ", האָבן געזוכט דורך געריכט ניט צו דערלאָזן צו בלענטש וואָלשס ענגלישער אויפפירונג, — און באַלד טרעט־אויף בערטאַ קאַליש אַליין אין „קרייצער סאָנאַטאַ" אויף ענגליש: דעם 3טן סעפּטעמבער 1906 אין פּיטסבורג און דעם 10טן סעפּטעמבער אין ליריק־טעאַטער, ניו־יאָרק, אין דער איבערזעצונג פון לענגדאָן מיטשעל. אין דער דאָזיקער איבערזעצונג, וועלכע איז אין 1907 דערשינען אין ניו־יאָרק, איז דער נאָמען „עטי" (וועלכע בערטאַ קאַליש האָט געשפּילט) פאַרביטן אויף „מרים".

אין 1924 האָט בערטאַ קאַליש געגעבן אַ באַנייטע אויפפירונג פון „קרייצער סאָנאַ־טאַ" אויף ענגליש. דזש. ב. נייטהען שרייבט דעמאָלט אין זיין רעצענזיע אין „אַמעריקן מוירקיורי" (ציטירט אין „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", לויט אַב. קאַהאַן): „די פּיעסע איז אַ צרהדיקע, נאַרישע מעלאָדראַמע. זי אַנטהאַלט פּערזאָנען, וועלכע מאַכן דעם איינדרוק פון אַ ביליקע[ר] קאַריקאַטור־גרופּע, און די סיטואַציעס זיינען אַזאַ מאַשין־אַרבעט, אַז פון דער גאַנצער פּיעסע סטאַרטשען אַרויס די נעט. אַ לעכערלעכערע [אַ מער לעכערלעכע] אונטערנעמונג קאָן מען זיך ניט פאָרשטעלן".

„קרייצער סאָנאַטאַ"
(אין ענגליש)
(בלענטש וואָלש אַלס עטי)

קיין ספק ניט, אַז די בראָדווייער „באַאַרבעטונג" פון דער פּיעסע האָט גורם געווען אַזאַ אומגינסטיקע מיינונג פונעם רעצענ־זענט.

צו דער געלעגנהייט פון אַ בענעפיס־פאָרשטעלונג פאַרן „דזשאָרדזש דזשעסל לאָדזש נומ. 566 אינדעפּענדענט אָרדער בני־ברית", איז דעם 19טן דעצעמבער 1905 דערשינען אין ענגליש דער אינהאַלט פון יעקב גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר". לויט

„דזשואיש ענגליש דראַמאַ", איז אַרויס אין ענגליש נאָך אַ צווייטער „סינאָפּסיס" (אינהאַלט־אויסצוג) פון „דער יידישער קעניג ליר".

אין 1936 איז דורך דער „אַנגלאָ־דזשואיש"־אָפּטיילונג ביים „יידישן טעאַטער־פּראָיעקט" (פינאַנסירט פון דער „דזשואיש וועלפעיר באָארד" [יידישע וואוילשטאַנד־פאַרוואַלטונג]) אויפגעפירט געוואָרן „דער יידישער קעניג ליר" אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון הערי טאָמאַשעווסקי, אונטער דער רעזשי פון באָריס טאָמאַשעווסקי, מיט די יידישע אַקטיאָרן מאָריס קראָנער (דוד משהלעס), פעני לעווענשטיין (חנה־לאה), ק. שוצמאַן (אברהם חריף), דזשאַנעט פּאַסקעוויטש (עטעלע), מרים גראָסמאַן (טייבעלע), משה טאַרלאָווסקי (משה חסיד), יעקב בערגרין (יאַפּע) און נ. פּאַסקאַל (שמאי).

די אויפפירונג איז געווען אַ „טראַדיציאָנעלע" און האָט קיין באַזונדערן קינסטלערישן איינדרוק ניט געמאַכט.

לויט „דזשואיש ענגליש דראַמאַ", איז דערשינען אין ניו יאָרק אין אַן ענגלישער איבערזעצונג דער פּראָלאָג און אַ אינהאַלט־אויסצוג פון גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול".

מאָריס שוואַרץ האָט אַנאָנסירט זיינע אַן אויפפירונג פון יעקב גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול" אויף ענגליש אין לאָס אַנדזשעלעס.

אין דייטש:

אין 1906 איז „גאָט, מענטש און טייוול" געווען געדרוקט אין דייטש־יידישן וואָכנבלאַט „די וועלט" (נומ. 1־4 און 6) א. נ. „דאָס געלט" אין אַן אַנאָנימער דייטשער איבערזעצונג (אָן דעם פּראָלאָג). ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דער איבערזעצער איז געווען בעל־מחשבות, וועלכער האָט אויך געשריבן אויף דייטש (זע וועגן דעם: סוף פון קלמן מרמרס קאַפּיטל „פּיעסן מיט באַדייטנדיקע פּרויען־געשטאַלטן"). דערקעגן דערציילט זלמן זילבערצווייג (אין זיין בוך „טעאַטער מאַזאַאיק", ז. 196), אַז „מיט אייניקע יאָר צוריק, בעת אַ שמועס מיט דר. א. קאַראַלניק, האָט ער מיר דערקלערט, אַז דאָס האָט ער איבערזעצט די פּיעסע אויף דייטש און זי אַנאָנים אָפּגעדרוקט אין די 'די וועלט'".

אין 1919 איז דערשינען אין מינכען יעקב גאָרדינס „מירעלע

אפרת" אין דער דייטשער איבערזעצונג פון אַלעקסאַנדער עליאַסבערג (געדרוקט אין זיין ערשטן באַנד איבערזעצונגען — „יידיש טעאַטער").

אַ יש־אומרים, אַז „מירעלע אפרת" איז אויך געשפּילט געוואָרן אויף דייטש, און אַז עס איז אויך פאַראַן אַ דייטשע איבערזעצונג פון יעקב גאָרדינס „דער אונבאַקאַנטער".

אין אוקראַיניש :

אין 1908 האָט אַן אוקראַינישע טרופּע אויפגעפירט „מירעלע אפרת" אויף אוקראַיניש, מיט מירסקאַיאַ אין דער טיטלראָל, אונטער רעזשי פון זאַכאַראָוו.

אין יענע יאָרן איז אויך אויפגעפירט געוואָרן „מירעלע אפרת" אויף „רוטעניש" אין לעמבערגער „דאָם נאַראָדני", פון דער פּראָ־פעסיאָנעלער סטאַדניק־טרופּע, מיט פּרוי סטאַדניק אין דער טיטלראָל.

די פאָרשטעלונג האָט אויף מיר געמאַכט אַ פיינעם איינדרוק. פרוי סטאַדניק האָט געשפּילט מירעלען, ווי אַ פּשוטע, ווירדיקע יידישע אשת־חיל, וועלכע מיר זיינען געוואוינט געווען צו זען אין די באַלעבאַטיש־יחסנישע הייזער אין גאַליציע. ס'איז מיר דעריבער געווען מאָדנע צו זען שפּעטער, אין אַמעריקע, שפּרייזן איבער דער יידישער בינע אַ מירעלע אפרת — מעשה „יידישע קעניגין", מיט אַ שטעקן, ווי אַ „שרביט הזהב" אין האַנט (ווייזט־אויס, אַ „טראַ־דיציע" לויט קעני ליפּצין, די ערשטע „מירעלע אפרת" אויף דער בינע).

„מירעלע אפרת" איז דערשינען אין דער אוקראַינישער אי־בערזעצונג פון ש. פּאָלאָנער (קיעוו, 1910, 80 זייטן).

אַרום 1910 האָט די סטאַדניק־טרופּע אויך געשפּילט אין מזרח־גאַליציע גאָרדינס „דער אונבאַקאַנטער" (אין אַ קיעווער פאַרלאַג איז דעמאָלט געווען אַנאָנסירט, אַז די פּיעסע וועט דערשיינען אין אוק־ראַיניש, א. נ. „קאָכאַניא אי סמערט").

אויף אוקראַיניש איז אויך געשפּילט געוואָרן „כאַסיע די יתומה" און „גאָט, מענטש און טייוול".

אין 1910 איז „גאָט, מענטש און טייוול" דערשינען אין קיעוו, אין דער אוקראַינישער איבערזעצונג פון נ. ליסקאָוועצקי.

אַ סברה, אַז אין זעלבן יאָר האָט מען אויך געשפּילט אויף אוקראַיניש גאָרדינס „די שחיטה".

אין אונגאַריש:

בערך פעברואַר 1927 איז „מירעלע אפרת״ אויפגעפירט געוואָרן דורך אַ פּראָפעסיאָנעלער טרופּע אין מונקאַטש (אונגאַרן), אין דער אונגאַרישער איבערזעצונג פון ב. סערעני.

אין איטאַליעניש:

דעם 10טן מערץ 1930 איז (לויטן „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״) „מירעלע אפרת״ אויפגעפירט געוואָרן אויף איטאַליעניש אין שטאַט־טעאַטער אין רוים (איטאַליע), מיט דער יידיש־איטאַל־יענישער שוישפּילערין סאַניא (טאַניא?) פּאַוולאָווא אין דער טיטלראָל.

אין שפּאַניש:

ווי זלמן זילבערצוויג טיילט מיר מיט, האָט ל. מלאך אים איבערגעגעבן, אַז אין יאָר 1925 איז (אין בוענאָס איירעס, אין טעאַטער מאַרקאָני) געשפּילט געוואָרן אויף שפּאַניש יעקב גאָרדינס „כאַסיע די יתומה״, אין דער שפּאַנישער איבערזעצונג פון ב. סקליאַר און מ. סאַפּאָוויטש, א. נ. „כאַסיע לאַ הוערפאַנאַ״, מיט פאַני ברענער אין דער טיטלראָל.

לויט קלמן מרמר, איז יעקב גאָרדינס „די אמתע קראַפט״, „דער אונבאַקאַנטער״ און „מירעלע אפרת״ איבערזעצט און געשפּילט געוואָרן נאָך אין אַנדערע שפּראַכן.

* * *

זאָל נאָך צום סוף דערלויבט זיין אַ פּערזענלעכע נאָטע. בעת יעקב גאָרדינס באַזוך אין לעמבערג (1907) איז מיר, צוזאַמען מיט מיין חבר ד״ר צבי ביקעלס־שפּיצער, אויסגעקומען אָפט צו פאַר־ברענגען אין דער געזעלשאַפט פון יעקב גאָרדין. ער האָט דעמאָלט אויף אונדזערע ליטעראַריש־קינסטלערישע קרייזן (ווי אויף מענטשן אין גאַס) געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעך אימפּאָזאַנטן איינדרוק — סיי מיט זיין פּערזענלעכקייט, סיי מיט זיין קאָלעגיאַלער פריינטלע־קייט און אַפילו מיט זיין הערשער־נאַטור אַרום דעם רוסישן סאַמאָ־וואַר טיי אין זיינע האָטעל־צימערן (נישט איין מאָל איז אונדז אויסגעקומען צו הערן פון גאָרדינען — ווען עמיצער אַנדערש האָט

געוואָלט באַצאָלן „די צעך״, וואָס מען האָט סערווירט: „נישט ווען יעקב גאָרדין זיצט ביים טיש!״...).

אַביסל האָט שאָקירט בלויז זיין צו־שאַרפע „אויפריכטיקייט״. זייענדיק דעמאָלט אַ גאַסט אין גימפּעל־טעאַטער צו דער ערן־פאָר־שטעלונג פון „מטורף״ לכבוד אים, האָט גאָרדין אין אַ רעדע צום פּובליקום אין איבערגעפּאַקטן טעאַטער אַזוי שאַרף קריטיקירט יענע פאָרשטעלונג, אַז מיר האָבן קוים צוריקגעהאַלטן דעם דירעקטאָר פון טעאַטער (גימפּעל), ער זאָל ניט הייסן אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג אינמיטן גאָרדינס רעדע. און ווען דער אַמעריקאַנער אַקטיאָר סעמועל גינצבורג, וועלכער האָט גאַסטראָלירט אין דער פאָרשטעלונג אַלס בן־ציון (דער מטורף), האָט געפרעגט ביי גאָרדינען, ווי אַזוי עס געפעלט אים זיין שפּילן די ראָל, האָט אים גאָרדין געענטפערט קורץ און שאַרף: „ס׳מזל אויף אייך״!...

אָבער גאָרדין איז געווען היפּער־סענסיטיוו, ווען עמיצער האָט געוואָגט צו קריטיקירן זיינע פּיעסן. באַזונדערס האָט ער נישט גע־קאָנט פאַרליידן, ווען מ׳האָט אים אָנגעוויזן, אַז ער שטייט אונטערן איינפלוס פון אַנדערע דראַמאַטורגן. דער עגמת־נפש צוליב דעם איז אפשר געווען איינע פון די סיבות פון זיין שווערער קראַנקהייט און פון זיין אַזוי פריצייטיקן טויט.

יעקב גאָרדין האָט ניט געקאָנט פאַרויסזען, אַז זיינע פּיעסן וועלן נאָך קלינגען דורך דער לופט און פאַראייביקט ווערן אין קלאַנג־פילם, און אַז צו זיין הונדערטסטן געבוירנטאָג וועלן נאָך יידישע שויי־שפּילער זיך רימען מיט די לייסטונגען אין די גרויסע ראָלן, וואָס ער, יעקב גאָרדין, האָט פאַר זיי געשאַפן.

יעקב גאָרדין אויף רוסיש, פּויליש און העברעיִש

פון נחמן מייזיל

1

יעקב גאָרדין איז אין זיין צייט, — אין די יאָרן 1908־1912, — געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע דראַמאַטורגן אויך אויף דער רוסישער בינע. אַ צען פון זיינע פּיעסן זיינען איבערגעזעצט געוואָרן דורך פאַרשיידענע שרייבער אויף רוסיש, זיינען דערשינען אין באַקאַנטע פאַרלאַגן און זיינען געשפּילט געוואָרן אין פּעטערבורג, מאָסקווע, קיעוו, אָדעס, א. א. וו. אָנגעזעענע דראַמאַטיש־קינסטלערישע טעאַטערס (אויך דער באַרימטער „קאָרש־טעאַטער") האָבן, אונטער דער רעזשי פון באַוואוסטע רעזשיסערן, אויפגעפירט גאָרדינס דראַמאַטישע שאַפונגען און באַרימטע רוסישע שוישפּילער האָבן זיך באַטייליקט מיט גרויס דערפאָלג אין די אויפפירונגען.

מיר גופא איז אויסגעקומען אַרום די יאָרן 1910־1912 צו זען גאָרדינס פּיעסן אויף רוסיש אין די גרויסע רוסישע טעאַטערס אין קיעוו: אין „סאָלאָווצאָוו־טעאַטער — „מירעלע אפרת", און אין „בערגאָניע"־טעאַטער — „סאַטאַנאַ" (גאָט, מענטש און טייוול). אין דער ערשטער פּיעסע האָבן געשפּילט די באַרימטע איִנסאַראָווא (מירעלע אפרת) און דער גרויסער קאָמיקער ניעדעלין (נחומצע). פון דער צווייטער פּיעסע האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון דאָס שפּילן פון בלומענטאַל־טאַמאַרין אין דער ראָלע פון אוריאל מזיק... דיביידע גאָרדין־אויפפירונגען האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג און גוטע אָפּרופן פון דער קריטיק אין די גרויסע רוסישע צייטונגען. דער רוס ניעדעלין אין דער יידישלעכער ראָלע פון נחומצע איז געווען פרעכטיק און זיין זאָג „קאַקאַיאַ ראַזניצאַ" (איבערגעזעצט פון „וואָס איז די נפקא מיניה?") האָט געהאַט אַלע זיבן טעמים און האָט זיך

בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט, צווישן יידן און קריסטן, וואָס האָבן אַ צייטלאַנג געברויכט עס ביי יעדער געלעגנהייט אין זייערע שמועסן.

לויט די ידיעות פון זילבערצווייג־מעסטלס „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" און ז. רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור" זיינען דערשינען אין אַ רוסישער איבערזעצונג פאָלגענדיקע דראַמעס פון יעקב גאָרדין:

1. „מירעלע אפרת", איב. ט. הייליגמאַן — פריער געגאַנגען אין באַוואוסטן רוסישן זשורנאַל „טעאַטער אי איסקוסטווא" אין 1909, און דערנאָך אַרויס אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע אין מאָסקווע, אין 1912.

2. „כאַסיע די יתומה" (צום ערשטן מאָל געשפּילט אויף רוסיש אין ווילנע, 1910, אין דער טרופּע פון שאַטקאָווסקי, מיט ווישניעווייעצ־קאַיאַ אין דער טיטלראָל), איב. י. יולין, פ׳ י. האַלפּערן, ווילנע, 1911.

3. „שרה פינגערהוט" (סאַפאַ), איב. א. וואָלקאָנסקי, פ׳ פּאַרטאָ־גאַלאָוו, מאָסקווע, 1911.

4. „סאַטאַנאַ" (גאָט, מענטש און טייוול), דערשינען אַרום 1908 אין דער רוסישער איבערזעצונג פון טשעטאַ שען. אין אָט־דער אי־בערזעצונג איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרן אין די רוסישע טע־אַטערס אין רוסלאַנד, און דעם 17טן סעפּטעמבער 1910 איז זי אויפ־געפירט געוואָרן אין ניו־יאָרקער „מאַנהעטן לייסעאום".

„סאַטאַנאַ" איז פונדאָסניי איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש דורך ט. הייליגמאַן און איז דערשינען אין דער „אוניווערסאַלנאַיאַ ביבליאָטעקאַ", מאָסקווע, 1912.

5. „אובאַי" (די שחיטה), איבערזעצט פון מ. פאַנבער, פ׳ „סאָוו־רעמעניאַ פּראָבלעמי", מאָסקווע, 1910.

דערנאָך קומען די איבערזעצונגען פון י. גאָרדינס דראַמעס, גע־מאַכט דורך ד. ראָזענבליט און דערשינען אין אָדעס, אין 1912. איי־ניקע פון די דאָזיקע איבערזעצונגען זיינען געשפּילט געוואָרן אין פאַרשיידענע רוסישע טעאַטערס:

6. „יעווריעיסקאַיאַ סאַפאָ";
7. „דער יידישער קעניג ליר";
8. „אלישע בן אבויה";
9. „קליאַטוואַ" (די שבועה);

10. „סומאַסבראַד" (דער מטורף);

11) „זאַ אַקעאַנאַם" (קרייצער סאָנאַטע).

אויך „דער אומבאַקאַנטער" איז דערשינען אויף רוסיש, אין פּעטערבורג (אין אַ ליטאָגראַפירטער אויסגאַבע), אונטערן נאָמען „ליבע און טויט", איבערזעצט דורך מ. ד. וויט, און געשפּילט געוואָרן אין רוסישן טעאַטער (זילבערצווייג-מעסטלס „לעקסיקאָן" ז' 429).

י. יולין האָט איבערזעצט אויף רוסיש:

12. „די אמתע קראַפט" (געדרוקט).

בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען ס'איז פאַרבאָטן געוואָרן די יידישע טעאַטערס צו שפּילן אין רוסלאַנד אויף יידיש, זיינען אייניקע גאָרדין-פּיעסעס (בעיקר — „כאַסיע די יתומה") געשפּילט געוואָרן דורך יידישע אַקטיאָרן אין רוסיש.

2

ווען יעקב גאָרדין אויף פּויליש לוינט זיך אָפּצושטעלן אַביסל לענגער. אין 1910 איז די פּיעסע „גאָט, מענטש און טייוול" געשפּילט געוואָרן מיט אַ גאַר גרויסן דערפאָלג אין באַרימטן וואַרשעווער „טעאַטער מאַלי". און מיט אַ צוואַנציק יאָר שפּעטער האָט זיך אַרום יעקב גאָרדינס אַ פּיעסע, אין דער פּוילישער איבערזעצונג און אויפפירונג פון מאַרק אַרנשטיין, אויפגעהויבן אַ גרויסער טומל און אַ העפטיקע פּאָלעמיק. דאָס איז געווען אין 1929, ווען ס'איז אין וואַרשע אָנגעגאַנגען אַ קאַמף פאַר יידישע טעאַטער-פּאָזיציעס און דאָס יידישע טעאַטער, ווי די יידישע פּרעסע, ליטעראַטור, האָבן זיך געראַנגלט פאַר זייער קיום קעגן דער רעאַקציע און אַסימילאַציע. דעמאָלט איז דאָס יידישע „עליזעאום"-טעאַטער (דאָן געהאַלטן דורכן טעאַטער-דירעקטאָר דוד צעלמייסטער) איבערגעגעבן געוואָרן צום דראַמאַטורג-רעזשיסער מאַרק אַרנשטיין (אין פּוילישן — אַנדזשעי מאַרעק), וועלכער האָט דאָרט אויפגעפירט אין פּויליש צוערשט אַנסקיס „דיבוק" און ה. לייוויקס „גולם", דערנאָך יעקב גאָרדינס „מירעלע אפרת" אויף פּויליש. די אויפפירונג, געשפּילט דורך גוטע פּוילישע שוישפּילער, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג און גלייכצייטיק אויך אַ שאַרפע פּאָלעמיק אין דער יידישער פּרעסע. מ'האָט געזען אין אָט-דער אונטערנעמונג אַן אָנגריף אויפן יידישן טעאַטער. אין אַן אַרטיקל „יידיש טעאַטער אָן יידיש" האָט

יאַנאַס טורקאָוו („ליט. בלעטער", 1929, נומ' 33) שטאַרק קריטיקירט די, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר דער „מירעלע אפרת"־אויפ־פירונג, וואָס ווערט באַזוכט פון ניין און נײַנציק פּראָצענט יידן. ער האָט צווישן אַנדערן געשריבן: „אינדערצייט, ווען מיר פאַרמאָגן בכלל נישט קיין טעאַטער; אינדערצייט, ווען מיר שטייען דאָ פאַר אַ קאַטאַסטראָפאַלער טעאַטער־ירידה; אינדערצייט, ווען אין דער דריי הונדערט און פופציק טויזנטער יידישער וואַרשע איז נישטאָ קיין איין יידיש טעאַטער (נישט רעכנענדיק די צייטווייליקע גאַסט־ראָלירנדיקע טרופּע), קומט איר מיט אייער 'פּראָיעקט': שאַפן אַ טעאַטער, וואָס זאָל שפּילן יידישע פּיעסן אין פּוילישער שפּראַך" (ז' 641). *)

די אַרויסטריטן פון אייניקע יידישע שרייבער האָבן אַרויסגע־רופן אויך ענטפערס. צווישן אַנדערע האָט מאַרק אַרנשטיין („ליט. בלעטער" 1929, נ"נ 35 און 39) געפּרואווט זיך פאַרענטפערן און פאַרטיידיקן, און ס'זיינען גלייך געקומען ענטפערס פון דער רע־דאַקציע... אַזוי אַרום איז די פּוילישע אויפפירונג פון „מירעלע אפרת", וואָס איז אַליין פאַר זיך געווען אַ וויכטיקער קינסטלערישער אויפטו, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נעגאַטיווער געשעעניש, ווייל אַט־די פּוילישע אויפפירונג האָט אַרויסגעשטויסן אַ יידישן טעאַטער און פאַרנומען זיין פּלאַץ. „מ. אַרנשטיין וויל נישט פאַרשטיין — האָט געשריבן די רעדאַקציע „ליט. בלעטער" — דעם אונטער־שייד, ווען אַ רייך־פּוילישער טעאַטער שפּילט אַ יידישע פּיעסע (אין אַ פּוילישער איבערזעצונג); און ווען מיר אַליין, מיט אונדזערע אייגענע כוחות, אויף אונדזערע בידנע יידישע טעאַטער־ברעטער, אָר־גאַניזירן אויף אונדזער קאָפּ אַ יידיש־פּויליש טעאַטער... ס'איז אַ בפירוש־פיינטלעכע פּאָזיציע קעגן דעם יידישן טעאַטער, קעגן דעם יידישן וואָרט און קעגן דער יידישער קולטור"... (ז' 761).

אין זיין פאַרטיידיקונג האָט מ. אַרנשטיין געשריבן, אַז מיט זיין „מירעלע אפרת" אויף פּויליש לאָזט ער וויסן דער פּוילישער גע־

---

*) מיט אַ יאָר שפּעטער (אין 1930) האָט יאַנאַס טורקאָוו אַליין רעזשיסירט אין לובלינער שטאָטישן טעאַטער מאַרק אַרנשטיינס פּוילישע איבערזעצונג פון יעקב גאָרדינס „מירעלע אפרת" (זע: „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", צווייטער באַנד, ז' 872) מיט לעוואַנדראָווא (מירעלע), שאַרסקי (שלמון), גאַלטשעווסקי (נחומצע). דער תירוץ איז געווען, אַז אַנדערש איז, ווען מ'פירט אויף אַ יידישע פּיעסע אין אַ פּוילישן טעאַטער. — י. מ.

זעלשאַפט, אַז „מיר פאַרמאָגן שוין אַפילו אַ רעטראָספּעקטיווע דראַ־מאַטישע ליטעראַטור מיט אַ ריי פּיעסעס, געשריבן פון טעכניש־געשולטע, אויסגעצייכנטע בינע־מייסטער, ווי גאָרדין, וועלכער איז ביי אונדז דאָס, וואָס אָסטראָווסקי ביי רוסן, לובאָווסקי ביי די פּאָליאַקן א. ד. גל.... איז דאָך אַמאָל דער זעלבער יעקב גאָרדין געוואָרן אויפגענומען פון דער רוסישער ערנסטער טעאַטער־קריטיק מיט גרויס כבוד, און נאָר די אויפפירונגען פון 'מירעלע אפרת', 'גאָט, מענטש און טייוול' און אַנדערע גאָרדינס פּיעסעס אויף רוסיש, האָבן מעגלעך געמאַכט דאָס טריאומפאַלע אַריינמאַרשירן פון שלום אַש אין דער רוסישער ליטעראַטור"... (ז' 688).

דער עפּיזאָד פון 1929 מיט דער פּוילישער אויפפירונג פון „מירעלע אפרת", די העפטיקע אָנגריפן אויף מ. אַרנשטיין, איז זייער אַ כאַראַקטעריסטישער פאַר יענער צייט און ער איז אויך באַלערנדיק פאַר אונדזערע איצטיקע טעג. עס פירט אַרויף אויף ערנסטע געדאַנ־קען וועגן די ענגלישע אויפפירונגען פון יידישע פּיעסן דורך יידישע שוישפּילער און מיט דער הילף פון יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן.

דערזעלבער מאַרק אַרנשטיין האָט דערנאָך אויך, אין זיין פּוי־לישער איבערזעצונג, אויפגעפירט י. גאָרדינס „די שחיטה", און אין זיין פּוילישער באַאַרבעטונג — דעם „יידישן קעניג ליר", דעם 17טן יוני 1930 אין לאָדזשער פּוילישן טעאַטער, מיט יערזשי וואָס־קאָווסקי אין דער טיטלראָל *).

3

